STEVEN SPIELBERG
DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 19004

FABIUS LIND

A. Leyeles

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-19004-7

D:\YIDDISH\TITLES\9780657190040T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

א. לעיעלעס

פּאַביוס לינד

א. לעיעלעס

פּאָביוס לינד

פאַרלאַג „אינזיך"

הויפּט־פאַרקויף — בידערמאַנס פאַרלאַג

נ י ו - י אָ ר ק

ערשטע אויסגאַבע פון 100
עקזעמפּליאַרן.
נומער ....

Copyright
by
A. GLANZ
1937

490
געדרוקט אין אַסטאָריאַ פּרעס

אַ פֿאַרגעסענער מאַנוסקריפּט

מיט קנאַפּע 20 יאָר צוריק איז אַרויס מיין ערשטע לידער־זאַמלונג, „לאַבירינט". זי איז זייער שלעכט אויפגענומען געוואָרן. ווער עס האָט נאָר געהאַלטן פאַר נייטיק צו שרייבן וועגן דעם בוך, האָט געשריבן — און עס אַרומגעצופּט, ווי אַ הון ערעוו־יאָמקיפּער. די זייער ווינציקע אויסנאַמען — ש. יאַנאָווסקי אין דער „פרייער אַרבייטער שטימע", וואו דער נאָמען א. לעיעלעס האָט דעביוטירט פאַר אַן אומפּריינטלאַכער וועלט, נאָך אימיצער, וואָס איך געדענק שוין איצט נישט—זענען באָטל־בעשישים געוואָרן צווישן די עטלאַכע און צוואַנציק צעשמעטערנדיקע רעצענזיעס. מען קאָן נישט זאָגן, אַז איך בין דערפון גליקלאַך געווען. אין די שלאָפ־לאָזע נעכט, וואָס דאָס האָט מיר פאַרשאַפט, האָב איך פאַרפאַסט אַן ענטפער צו עטלאַכע פון מיינע אַראָפּרייסער. אָנגעשריבן, זיך אַביסל באַרואיקט — און דעם ענטפער נ י ש ט פאַרעפנטלאַכט. איך האָב דעם מאַנוסקריפּט אַוועקגעלייגט, אים קיינמאָל מער נישט געזען און אין אים פאַרגעסן. כ'האָב גיך געהאַט צו פירן נאָך גרעסערע, ברייטערע ליטע־ראַרישע מילכאָמעס. ס'איז געווען ערעוו דער אַנטשטייאונג פון „אינזיך", וואָס מיט אים און מיט די כאַוויירים־דיכטער אַרום אים האָב איך מיין ליטעראַרישן שיקזאַל פאַרקניפּט אויף שטענדיק.

פער ריינסטן צופאַל — דאָס איבערציען אין אַ נייער דירע — האָב איך אין דער צייט, ווען כ'האָב צוגעגרייט דאָס איצטיקע בוך, דורכגעקוקט פאַרשידענע פאַרלעגענע מאַנוסקריפּטן. צווישן זיי האָב איך געפונען דעם ענטפער צו די פּאַלמעסערס פון „לאַבירינט". כ'האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז ער פּאַסט זיך צו דינען ווי אַן אַריינפיר צו מיין נייער לידערזאַמלונג. אַרום א. לעיעלעסן גייט נאָך אַלץ אָן אַ קאָנטראָווערסיע אין דער ליטע־ראַטור. זאָל מען וויסן ווי די קאָנטראָווערסיע האָט זיך אָנגעהויבן. מיך

באַוועגט אויך די פֿאַרשטענדלאַך־צערטלאַכע באַציאונג מיינע צום ערשטן ביכל. כאָטש דער „לאַבירינט" פֿאַרמאָגט אַ היבשע צאָל שוואַכע זאַכן, זייער יוגנטלאַכע און אומרייפֿע, וויל איך פּאָעטיש געמישפּעט ווערן אויך לויט די ערשטע דיכטערישע שריט, וואָס זענען דאָרט פֿאַרצייכנט.

גיב איך דאָ איבער יענעם פֿאַרגעסענעם קסאָוו־יאַד — אָן שום פּאָקטישע ענדערונגען. איך האָב מיר דערלויבט בלויז געוויסע סטיליס־טישע שינויים. צוליב פֿאַרשטענדלאַכע טאָמים האָב איך אַרויסגעלאָזט די נעמען, וואָס זענען אין דעם אָריגינאַל דערמאָנט געוואָרן.

* * *

איך גערפעל נישט דעם און יענעם, און דעם דרייצנטן יענעם. עס איז קלאָר, אַז איך בין די מענטשן „פֿרעמד". נו, איז וואָס? עלעהיי זענען מ י ר אַזויפֿיל אידישע פּאָעטן פֿרעמד, אומאינטערעסאַנט, אומוויכטיק — אין זייערע לידער, נאַטירלאַך. ווייס איך בלויז, אַז זיי זענען נישט מיינע דיכטער, פֿאַר מיר זייטיקע מיטפּאָרער. פּרואוו זיך צומאָל אַרויפֿכאַפּן אויף זייער וואָגן, און פֿון דאָרט זען, וואָס זיי זענען. ריכטיק — זייער אָפּט לוינט זיך נישט די גאַנצע עקספּעדיציע. איז נישט!

ווילן אָבער די רעצענזענטן מיינע נאָך דערקלערן, פֿאַרוואָס איך בין זיי פֿרעמד. לאָזט מען זיך אַריין אין הויכע און ברייטע פּאַרטייטשונגען וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס פּאָעזיע. זיי, די רעצענזענטן — צווישן זיי אויך דיכטער און אַזוינע, וואָס האָבן (וואונדער איבער וואונדער!) קיין שום ספּייקעס נישט בענויגייע זייער אייגענער פּאָעטישקייט — ווייסן גענוי ענציקלאָפּעדיש באַגרונטפּעסטיקט, וואָס איז יאָ און וואָס איז נישט פּאָעזיע. ביטער, פֿרעגט שוין נישט.

דאָך טאָטשעט מיך, ווי מען זאָגט עס, אַ וואָרעם. ווי קאָנען מענטשן, וואָס האָבן אַליין נאָך מיט גאָרנישט באַוויזן, אַז פּאָעזיע איז פֿאַר זיי אַן אייגענע, אינטימע זאַך, אַן עמעסע, לעבעדיקע באַדערפֿעניש, (איך מיין דאָ די בלויז־רעצענזענטן) זיך אַזוי גרינג אַריינלאָזן אין אויסטראַכטן דעפֿיניציעס פֿון פּאָעזיע? און ווי קאָנען מענטשן, וואָס שרייבן אַליין

לידער, און וואָס מאַנכע פון זיי האָבן אַליין אויסצושטיין צאָרעס פון דער קריטיק — ביז דער באַשולדיקונג, אַז זיי זענען גאָרנישט קיין דיכטער — ווי האָבן זיי געקאָנט מיט אַזאַ לייכטן לונג־און־לעבער דערקלערן, אַז לעיעלעס, נאָך אין טאָך אַן אָנפּאַנגער, טויג נישט, און זיין „לאַבירינט" איז נישט קיין פּאָעזיע? האָבן די אַלע מענטשן בעאיים־מאַיסע גאָרנישט געטראַכט וועגן זיך? אָדער האָבן זיי זיך נויקעס געוועון — פּ אָ ר. ז י ך — אין לעיעלעסן?

די רעצעזענטן פוןביידע מינים דערציילן מיט טיפן ערנסט, אַז זיי האָבן „געבלעטערט, געמישט, געלייענט" דעם „לאַבירינט", און נאָך לאַנגע און שווערע באַמיאונגען האָבן זיי אויסגעפונען, אַז דאָרט איז נישטאָ קיין פּאָעט. אַ ראַכמאָנעס אויף די מענטשן. צו וואָס האָבן זיי זיך געדאַרפט אַזוי אָנשטרענגען, אַז די מיינונגען האָבן זיי דאָך „רעדי־מייד" געהערט אין קאָפּע, וואו זיי זענען אַזוינע אָפּטע שטאָם־געסט? עס איז דאָך, ליבע פריינט, אַ פאַקט, אַז די „גאָס" האָט שוין לאַנג, אָן שום באַמיאונג, און מערסטנס נישט לייענענדיק, אָדער לייענענדיק זייער פיינט־לאַך, ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך ק אָ ן שרייבן לידער, נאָר איך מוז נישט. דאָס ווייס דאָך שוין אויף אויסעווייניק, און נאָך איידער ער האָט עפּעס מיינס געלעזן, אַ ליאַדע צופעליקער אַריין־ און פאַרבייגייער אין קאָפּע, אַ מינדסטער פּראָווינצער. די אַנדערע פּאָעטן, יאָ און נישט־רעצענזענטן, פאַרשטייט איר מיך, מ ו ז ן שרייבן, פּאָשעט: די מוזע, (אָדער, גאָט, אָדער, די נאַטור) שטייט זיי הינטערן רוקן און באַפעלט:

„שרייב, דו אַזוינער און אַזוינער, שרייב, דער רואַך זאָל דיך נעמען, שרייב!"

און זיי קאָנען זיך נעבעך נישט העלפן. אַז „אימיצער" הייסט!

לעיעלעס אָבער מוז נישט. ער ק אָ ן און פאַרוואָס קאָן ער? אויף דעם האָט מען שוין אויך אַ גרייטן ענטפער: לעיעלעס איז אינטעליגענט, פאַרמאָגט קולטור. נעמט ער און קאָן שרייבן לידער. דער אָרימער אידיש־ליטעראַרישער אוילעם אין אַמעריקע, וואָס די מערסטע האָבן נישט קיין צייט געהאַט צו געניסן אַביסל בילדונג, אַביסל כאָכמאָס־

יאָון (כאָכמאָס האָיעהאָדעס — אויך נישט צופיל) האָט, פּראָוודע, אימער און אייביק געהאַט גרויס אַפּשיי צו מיין פריינער באַנוצונג פון ווערטער און אויסדרוקן, וואָס יעדער קולטורעלער מענטש פון יעדן פאָלק באַנוצט טאָג־טעגלאָך. נאָר דערקלערט דאָס טאַקע, פאַרוואָס איך האָב זיך גענומען שרייבן לידער? מען קאָן עפּשער אין דעם דערמאָנטן אַפּשיי געפינען אַ רעמעז דערויף, פאַרוואָס די מוזע־מוזיסטן זענען אַפּט אַזוינע אָרימע „נישט־קאָנערס" אין זייערע שירים. אָבער עס בלייבט נאָך אַלץ דאָס רעטעניש, פאַרוואָס לעיעלעס, וואָס „קאָן" אַזוי שטאַרק, איז נישט געוואָרן אַ סקולפּטאָר, אַ מאָלער, אַן אַקטיאָר, אָדער גאָר אַ טענצער.

עך, כאַשעווע פּיינט און כאַשעווערע פּריינט — קאָנען איז טאַקע אַן איידעלע זאַך. אַ סוואָרע, אַז קאָנען איז דער יעסאָד פון פּאָעזיע און יעדער קונסט. האָבן די הערן אָרונטערייסער אַמאָל געטראַכט וועגן דעם ווערט און זין פון ווערטער? ווייסן זיי, לעמאָשל, אַז קאָנען און קונסט שטאַמט פון דעם אייגענעם שורעש? דאָס נעמלאָכע אין לאַטייניש (אַרס — אַרט); אין רוסיש (איסקוסטווא). אַ קינסטלער איז — קוידעמקאָל אַ קאָנער, אַ ק ע נ ע ר. אויב מיליאָנען מענטשן זענען נישט קיין פּאָעטן, איז עס נישט אַזוי דערפאַר, וואָס זיי פ י ל ן נישט פּאָעטיש, נאָר ווייל זיי קאָנען נישט אויסדריקן, געפינען פאָרם פאַר זייערע געפילן. קאָנען גוט מאַכן — יאָ: מ אַ כ ן — דאָס ענגלישע וואָרט פאַר באַשעפער, פאַר גאָט איז נישט אומזיסט „מ י י ק ע ר" — דאָס איז דער „א" און „ת" פון יעדער קונסט און אויך פון פּאָעזיע.

אויב לעיעלעס קאָן טאַקע, האָט ער אַ רעכט צו זאָגן צו אַלע זיינע אָראָפּרייסער: „אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט, און האָט מיר אַ גוטן שליטוועג".

נאָר נאָכאַמאָל דער איניען ווערטער:

קימאַט אַלע רעצענזענטן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף עטלאָכע לידער אין „לאַבירינט" צו ב אַ וו י י ז ן (יאָ, יאָ: ב אַ וו י י ז ן), אַז איך שרייב קאָפּ־פּאָעזיע, און דאָס איז זיי נישט וואוילגעפעלן — זיי

ווילן נאָר און אויסשליסלאַך האַרץ־פּאָעזיע. זיי האָבן אין מיין בוך גע־פונען אַזוינע לידער, ווי „קלאַנגען״, „אַדיעקטיוון־עטיוד״, „פּרעמד־ווער־טער עטיוד״, געפונען און — מיט גרויס טריאומף אויסגעשריגן:

אַהאַ, אָט איז עס! דער מענטש „מאַכט״ לידער. קאָפּ־פּאָעזיע, באַהיט זאָל מען ווערן. ניע זשעלאַיעם!

נו גוט. לאָמיר פונדעסטוועגן פּרוּוון דיסקוטירן.

ווען אַ מאָלער מאָלט אַ זון־אונטערגאַנג און רופט זיין בילד אָן „עטיוד אין רויט״ — וועלן די אידישע עקספּערטן אויף „עכטער״ פּאָעזיע אויך אויפהייבן אַ קאַראַאול? איך צווייפל. הונדערט צו איינס, אַז זיי וועלן זיין אַנטציקט — אַנישט קאָן דאָך נאָך פאַלן אַ כשאַד, אַז זיי פאַר־שטייען אין מאָלעריי, ווי אַ האָן אין בעניי־אָדעם. אַז אַ סקולפּטאָר רופט אָן זיינס אַן אַרבעט, אַן עקספּערימענט, „עטיוד פון אַ האַנט״, וועלן די לייט זיך אָסער רייסן פאַר די האָר. זיי וועלן עפּשער נעבעך באַגייסטערט ווערן — צוליבן זעלבן גרונט. טאָ פאַרוואָס איז אַזוינס נישט מעגלאַך אין דער פּאָעזיע — אין דער „וואָרט־קונסט״?

וואָס זענען ווערטער? נישט קיין לעבעדיקע וועזנס עפּשער? און איז נישט די ערשטע און לעצטע פונקציע פון דעם דיכטער צו געבן אָט־דאָס לעבן — אַלע פאַרבאַרגענע, וואַרטנדיקע קלאַנג און ריטם־מעגלאַכ־קייטן, וואָס אין זיי? איז נישט דעם פּאָעטס גרינטלאַכע אויפגאַבע צו עקספּערימענטירן מיט ווערטער — דאָס הייסט דערגרונטעוון זיך צו אַלע זייערע פּאָטענצן? ווערטער האָבן לאָגיק, ווערטער האָבן אינהאַלט, געוויס. דער פּאָעט איז יענער, וואָס טאָקט אויס אויף דעם פונדאַמענט פון דעם וואָרטס סטאַבילן אינהאַלט זיין אייגנאַרטיקן, נייעם פורעם פון קלאַנג און ריטם.

אַז איך האַלט שוין ביי קלאַנג און ריטם. ווי באַגרעניצט עס איז נאָך, ווי אָרעם די אידישע ריטמיק, די קלינגוודיקייט און די גראַמען־טעכניק פון דער אידישער פּאָעזיע! ווי פּרימיטיוו און ווי אַלעף־בייסדיק די פאַרלאַנגען, די געשמאַקן פון די פלינקע רעצענזענטן אונדזערע — דיכטערישע און נישט!

לאָמאָנאָסאָוו, דער „ערשטער רוסישער פּאָעט און געלערנטער", איז געווען געוואַלטיק באַגייסטערט דערפון, וואָס אין רוסיש קאָן מען געבן דיזעלבע רייכקייט פון ריטמען און קלאַנגען־קאָמבינאַציעס, וואָס אין יעדן אייראָפּעאישן לאָשן. ביי אונדז — אַזויפיל שפּעטער — באַנוגנט מען זיך מיט די פּרימיטיוויסטע „מישקל"־אויפטועו. טאָמער וויל ווער זיך אַרויס־רייסן פון דער פּרימיטיווקייט, ווייזט מען קלוג און פּילבאַדייטנדיק אויפן שטערן, און מען פּאַסקנט אָפּ:

„קאָפּ!".

גליקלאַכע אידישע רעצענזענטן, געבענשטע אידישע שאָפּטים־פּאָעטן. זיי ווייסן דעם כּילעק צווישן קאָפּ און האַרץ, זיי קענען זיך אויף דער גרעניץ צווישן „מאַכן", און „שאַפן". די גויאים זענען גאָרנישט אַזוי זיכער ביי זיך. נו, געוויס — גויאישע קעפּ!

עדגאַר עלען פּאָ, נישט קיין שלעכטער דיכטער, דאַכט זיך, האָט געהאַלטן, אַז לידער דאַרף מען ב ל ו י ז „מאַכן"; אַז דאָס וואָס קלוגע פּאָעטן האָבן אויסגעטראַכט, וואָס נאַרישע לעזער גלייבן, און וואָס הייסט „אינספּיראַציע" איז — אַזאַ כּילעל־האַשעם! — נישטאָ און דאַרף גאָרנישט זיין.

פּושקין — מי לנו גדול? — האָט געשריבן אין אַ ליד אַז אין דעם מאָמענט פון שאַפן איז דער פּאָעט אַן אומגעווייגלאַכער מענטש. עס „פּאַקט" אים אַ געוויס געפיל, צי שטימונג, און ביז ער באַפרייט זיך פון איר איז ער אומרואיק, „באַגייסטערט". דערנאָך ווערט ער אַ פּאַשעטער מענטש, נאָך עפּשער ערגער, ווי אַ פּאַשעטער. און דאָך... די באַגייס־טערונג, וואָס אַ פּאָעט האָט אין דער צייט פון שרייבן, די פרייד פון „דיכטן" איז געוויס און געוויס אַ זייער רעאַלער פּאַקט — עפּשער, אַגעוו, די איינציקע פרייד, וואָס דער דיכטער האָט בּיכלאַל. פונדעסט־וועגן: ווער עס האָט אַמאָל געזען אַ מאַנוסקריפּט פון פּושקינס לידער, געפינט אויך אויס, אַז פּושקינס באַגייסטערונג האָט אים נישט געהאָלפן אָנצושרייבן מיטאַמאָל אַ גוטע זאַך. ער האָט אַ לאַנגע צייט געמוזט מעקן, צושטעלן, ענדערן און איבעראַנדערשן. מיט וואָס האָט ער דערביי אָפּגע־

רירט — מיט „קאָפּ" צי „האַרץ"? ווי אַבסורד די גאַנצע פראַגע! וואָס פאַר אַן אָנקלאַגע אין פּראָווינציאַליטעט, ווען מען „מוז" און מען „קאָן" גאָר אַזאַ פראַגע שטעלן ביי אונדז!

ריכאַרד וואַגנער האָט געהאַלטן, אַז קונסט באַשטייט פון צוויי עלע־מענטן: פילן, איבערלעבן און קאָנען אויסדריקן וואָס מען פילט און איבערלעבט. דאָס קאָנען — האָט ער געזאָגט — איז דאָס סאַמע וויכטיק־סטע. ווען דאָס פילן אַליין וואָלט געווען גענוג, וואָלטן מיר אין יעדן דאָר געהאַט טויזנטער, מיליאָנען קינסטלער. איך האָב שוין נאָר־וואָס וועגן דעם גערעדט. אויב איך ציטיר וואַגנערן איז עס בלויז דער־פאַר, ווייל אָט־די מיינונג איז שוין איצט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלאַכע אַז זי איז געוואָרן אַ באַנאַליטעט, אַ טרואיזם. און דאָך — וויפיל מאָל וועט אַ אידישער רעצענזענט נאָך צווינגען דעם טרואיזם אַרויסצו־שלעפן?

מיינע רעצענזענטן, מיינע אָפּשאַצער! וויפיל פוילקייט פון געדאַנק, וויפיל אומקולטורעלע קאַלטנס, וויפיל פאַרקאַלכטן קאָנסערוואַטיזם, וויפיל פאַפּוגייאישקייט מען האָט דאָס צענויפגעקליבן אַרום אַן ערשט ביכל לידער! געזונטערהייט — זאָל איך וואויל באַקומען.

איך וועל אַוועק צו מיינע לידער. אין זייער ריינער געזעלשאַפט וועל איך פאַרגעסן די ציניש שמייכלאַך, די אומוויסנדע זעלבסט־זיכערקייט צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזירטער באַטאַליע קעגן זייער באַשעפער.

מיין פיינער „רו־סאָנעט" — בענקשאַפט דו פון מיין אידיש בלוט נאָך אַנטי־אידישער טמימעס, און דו: סאָנעט פון מיינע ווינטערנעכט מיט דיינע קאַלטע מאָנונגען, קילער שיין פון מיין אומעטומיקער אַנדערש־קייט; מיינע דריי קאָנפעסיעס: „פאַר אַ רעגע", „איינציקע" און „איך": מיינע „קלאַנגען", דאָס געבעט מיינס נאָך באַפרייאונג פון דער ווערטער־טפיסע" און דו, „גערוך" — געזאַנג פון מיין פאַרלוירנקייט; מיין איידעלע „יואָלאַ" — געזוכטע, קיינמאָל נישט געפונענע אין די טעג און נעכט; מיין „דורכן פענצטער" — דו ראַנגלען זיך פון מיין שאַרף־קלאָרן באַ־

וואוסטזיין מיט מיין אוממעכטיקן זיפץ נאָך דעם אומדערגרייכבאַרן; מיין ווילדער „קעלעוו״, וואָס דו וואַגסט אָפּן צו שרייען וועגן מיין נאַקעטקייט; (אַזאַ וואַגן איז מיין קרעדאָ!); מיינע „שטאָט־לידער״ — איר לאַמענטן אין דעם עלעקטרישן ווירוואַר, אויף דעם מאַנהעטען־אַספאַלט; מיין „אינ־מיטן יאַנואַר״, וואָס מיט אַ קלאַנג, מיט אַ נאָמען, באַלעבסטו אַ קאָמפ־לעקס דערמאַנונגען, דעם אומעט צוליבן נעכטן, די פרייד פון האַרן אויפן מאָרגן; איר אַלע לידער מיינע, ציניש פאַרזעענע, גראָב באַטאַפּטע: זייט סטאָאיש, האַלט זיך פון דער ווייט, זייט אַליין. און שטרויכלט אַמאָל אייער באַשעפער און לאָזט פורעמען דעם איינדרוק, אַז ער גייט אויף איין פלאַך מיט אייערע באַרעדער, מיט אַן אומערלאַכן איגנאָראַנט, מיט אַן איגנאָ־ראַנטישן צוואוואַק פון דעם אוממעגלאַכן קוואזי־ליטעראַרישן געמויזאַכץ אונדזערן — זייט איר די שטאַרקערע, האַלט זיך אָן אַ זייט, און שטרויכלט נישט.

זוכט שטאַרקייט אין אַ קלוגן שמייכל, און פרואווט זיך טרייסטן:

איר העלפט באַרייכערן די מאָנאָטאָנע, נאָך אַלץ קליינשטעטלדיקע אידישע פאָעזיע. איר פרואווט איראָפּעאיזירן דאָס נאָך אַלץ אין באָרד און פיעס איינגעוויקלטע אידישע וואָרט.

פאָעזיע איז דאָס, וואָס אַ וויכטיקער פאָעטשאַפט, אי לויט אי זייער אָפּט קעגן די איינגעכאַ־זערטע סטאַנדאַרטן אין עפּעס אַ ביכל, אָדער גאָר אין אַ צווייט־העניטיקן אַרטיקל — איר מאַלשינים און קליינהענדלער!

* * *

ווי עס איז צו זען — עס האָט מיך נישט בלויז שטאַרק פאַרדראָסן אויף דעם, ווי מען האָט אויפגענומען מיין ערשטע לידער־זאַמלונג. איך בין אויך געווען אין קאַס, און בין אַפילע געוואָרן היבש געפילפול. מיט די יאָרן איז די סענטימענטאַליטעט אינגאַנצן אַוועק, דער קאַס — אַסאַך קלענער, דער פאַרדראָס איז געוואָרן ווייכער, פילאָזאָפישער.

איך האָב זינט דעם „לאַבירינט״ אַרויסגעגעבן ביכער — לידער, דראַמען — מען האָט זיי דאָ און דאָרט גאַנץ און האַלב „אָנערקענט״, אָבער

מען האָט אויך אַסאַך געריסן — עמעס: פיל פאַרזיכטיקער און מיט אַן אָנשטעל אויף ערודיציע. איך האָב נאָך אָפּט גאַנץ נאַאיוו געפרעגט: פאַרוואָס? ביז איך האָב ענדלאַך פאַרשטאַנען:

עס קאָן אַנדערש נישט זיין, עס מוז אַזוי זיין.

די הויפּט־אורזאַך ליגט אין דעם כאַראַקטער פון מיין אַרבעט. זי איז ווירקלאַך אַן אַנדערשדיקע, גאַנץ אומענלאַך צו די מוסטערן, וואָס זענען פון פריער באַקאַנט. מיינע לידער פאָדערן אַ באַשטימטע אָנ־שטרענגונג ביים לייענען, מער ווי די נאָרמאַלע מאָס גדולה, וואָס מען האָט ביי אונדז צו פּאָעזיע. דער דורכשניטלאַכער אידישער לייענער איז אַבסאָלוט נישט צוגעגרייט מיך אויפצונעמען. די צאָל פון נישט־דורכ־שניטלאַכע איז מינימאַל. נישטאָ קיין געזונטער רעזערוואואַר פונוואַנען די צאָל זאָל וואַקסן. אָדער די אידישע יוגנט שטודירט נישט, און איז דערפאַר ווינציק קולטורעל; אָדער זי שטודירט יאָ, און איז גרינטלאַך אַסימילירט.

מיט דער קריטיק האָב איך געפירט גרויסע שלאַכטן, ספּעציעל זינט עס איז אויפגעקומען דער „אינזיך" אין 1919—1920. שוין דער ערשטער נומער פון דעם ערשטן גאַנג „אינזיך" איז געווען זייער אַגרעסיוו. דער זשורנאַל האָט אונטערגענומען אַ רעוויזיע פון דער אידישער פּאָעזיע, — און דערביי נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אָפּשיי פאַר רעפּוטאַציעס — סיי היגע, שוין איינגעבירגערטע, סיי אָקערשט אַריבערגעקומענע מעאַיי־ווער לעיאָם. קלוגע, פּראַקטישע מענטשן האָבן דעמלט געזאָגט, אַז מיר „קוילן זיך אָן אַ מעסער".

יענע שלאַכטן האַלט איך איצט פאַר איבעריק. די קריטיק האָט אויך נישט געקאָנט קיין האַנאָע האָבן פון מיינע אַרבעטן. זי האָט, אַגעוו, נישט געפּרוּווט האַנאָע צו האָבן. זי איז געגאַנגען לויט דער גרינגסטער סטעשקע, זיך צוגעהערט צו די אָנגענומענע טאַנדייטנע מיינונגען, און אַרויסגעוויזן ווינציג ענטוזיאַזם פאַר רעוויזיע. ס'איז טאַקע לייכטער אַזוי. לעבנדיק, ספּעציעל אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען, פון האַנט צו מויל, אין שטענדיקן נודנעם קאַמף פאַר מאַטעריעלער עקזיסטענץ

און פאַר דער אויפהאַלטונג פון דעם געוואוינטעם פּרעסטיזש, פון די דעראָבערטע פּאָזיציעס, האָט זי נישט געהאַט דעם מוט מוידע צו זיין, אַז דער מאָדערנער נוסאַך אין דער אידישער פּאָעזיע איז נישט פאַר איר. ד ע ם פאָרוואורף קאָן מען איר עפשער יאָ מאַכן. נאָר בלויז דעם. ווייטער — דאַרף מען זי פאַרשטיין. נאָכפאָלגן די אַנטוויקלונגען פון דער אַלגעמיינער מאָדערנער ליטעראַטור, און מעמיילע פון דער אידישער, האָט זי פּאַשעט קיין צייט נישט געהאַט, קיין אינערלאַכן גלייכגעוויכט. דער פאַרדראָס אויף דער אייגענער צוריקגעשטאַנענקייט האָט עפשער אַ צופּ און אַ מאָן געטאָן פון צייט צו צייט. נאָר — ס׳איז לייכטער צו „רייסן״ יענעם, ווי צו באַשולדיקן זיך. דאָס איז מענטשלאַך, דאָס איז נאַטירלאַך.

דאַך — עס איז אויך געוואָרן נאַטירלאַך — און סימפּטאָמאַטיש — אַז די קריטיק זאָל זיך נישט זעלטן פילן געצוואונגען אַנצוקומען צו אַ דעפענסיווע, וואו זי האָט זיך ליידער מיט צופיל כאָכמע נישט אויסגעצייכנט. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פאַרטוך פון דעם לייענער, אים — הייסט עס — צו באַשיצן קעגן די מאָדערניסטן, קעגן זייערע עקספּערימענטאַציעס. דאַווקע דאָ האָט די קריטיק נאָך מער אונטערגעשטראָכן איר שולד — פאַר דער ליטעראַטור און מעמיילע פאַר דעם לייענער.

„פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, האָב איך געשריבן אין „אינזיך״ נומער 3, יוני 1934, איז אין אַמעריקע אויפגעקומען אַ נייער טיפּ אידישע פּאָעזיע. דאָס אידישע דיכטערישע וואָרט און דער אידישער קלאַנג האָבן זיך אַ ריס געטאָן אַרויף צו אַלע הייכן פון דער מאָדערנער וועלט־פּאָעזיע. עס האָבן זיך איינגעבירגערט אומגעוויינלאַכע און שווערע פאָרמען. עס זענען אויפגעקומען אידישע סאָנעטן, ראָנדאָס, טריאָלעטן, ווילאַנעלן. מען האָט געוויזן אַז אַפילע דער סאָנעטן־קראַנץ קאָן קלינגען גראַציעז און אייגנאַרטיק אויף אידיש, און דערביי האָט מען אָנשוויליך אויספּראָבירט אי דעם ריטם פון אידיש, אי די אידישע גראַם־מעגלאַכקייטן. עס איז נאַטוראַליזירט געוואָרן דער פרייער פערז. מען האָט זיך נישט אָפּ־

געשטעלט דערביי. מען האָט באַרייכערט די אידישע לעקסיק, גע־שאַפן נייע ווערטער, אויסדרוקן, און פאַראיינס באַרייכערט דעם אי־דייען־אינהאַלט פון דעם אידישן פערז. מען האָט געפּרואווט אויפברעכן דאָס וואָרט גופא. איז שוין דאָרט — אין דעם וואָרט — אַלץ פאַרגליווערט, אַלץ אומבאַרירלאַך, אָדער קאָן דאָ די פּאָעזיע עפענען פאַר זיך אַ נייעם שטעג?

וואָס האָבן די קריטיקער, די איבערגעגעבענע טאַטעס פון דעם אידישן לייענער געטאָן, אַז דער פילגעליבטער זון, זאָל דאָס אַלץ דערזען?

זיי האָבן געטאָן אַלץ נאָר נישט וואָס מען דאַרף דעם לייענער צו העלפן. זיי האָבן מערסטנס גאָרנישט אויסגעזאָגט דעם לעזער וועגן די נייע רייכטימער, וואָס די היגע דיכטער האָבן צוגעבראַכט. זיי האָבן דערפון געמאַכט עפּעס אַ פּריוואַט אָדער פּראָפעסיאָנעל געהיימניש.

אָדער—דאָס איז נאָך ערגער, פאַר ז י י , פאַרשטייט זיך, פאַר זייער פּאָעזיע־פאַרשטענדעניש — זיי זענען אָפּגעקומען מיט שטעכווערטלאַך, מיט קליין־גייסטיקן כויזעק. עס איז שוין געווען זייער אַסאַך, ווען מען האָט געזאָגט: די אַלע פאָרמען זענען עפּשער אַלרייט אין אַנדערע, אין די איראָפּעאישע שפּראַכן, אָבער אין אידיש . . .״

פאַר מיין אייגענער טרייסט און פאַר דער טרייסט אויך פון אַנדערע אידישע מאָדערניסטן — זיי זאָלן פאָשעט נישט מיינען, אַז נאָר ביי אונדז קאָנען קריטיקער אַזוי פאַרפעלן זייער אייגנטלאַכע פונקציע, וואָלט עפּ־שער קעדאַי געווען צו ציטירן פון טאָמאַס האַרדיס פאָררעדע צו זיין בוך לידער, וואָס איז אַרויס אין 1922. איך פאַרגין אויך די טרייסט די אידישע קריטיקער. זאָלן זיי אויך וויסן, אַז זיי זענען נישט די סאַמע ערגסטע.

דער באַרימטער ענגלישער דיכטער האָט זיך געקענט אויף די פּראָפעסיאָנעלע מעווינים. ער רעכנט אויס אַסאַך מאַילעס זייערע. אַ שטייגער: די קריטיקער ניוועלירן און סאַטיריזירן די אינדיווידואַליטעט. זיי פּעלט דער כוש און דער ווילן צו זען אַ גאַנצקייט אין אַ פּאָעטיש ווערק. געוויסע שאַצערס באַציען זיך צו לידער אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך גענומען אורטיילן וועגן אַ לאַנדשאַפט מיט דער הילף פון אַ טאַשן־לעמפּל אין אַ נאַכטלעכער עקסקורסיע. אַנדערע זענען בעריעס צו ציטירן בלויז די ערגסטע שורעס, די שוואַכסטע פּאַסוסען (ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט צו ווייזן, ווי אומגערעכט, ווי אומערלאַך זיי קאָנען זיין?). נאָך אַנדערע טייטשן אַריין אין אַ בוך געדאַנקען, מיינונגען, וואָס דער אויטאָר האָט אַזוינס אין כאָלעם נישט בעדייע געהאַט.

נאָר ס׳וועט זיין גענוג וועגן דער קריטיק. איך בין שוין לאַנג קוויט מיט איר. וועגן האָבן טאַינעס צו איר — אָפּגערעדט. איך און זי — מיר געהערן צו אַנדערע עפּאָכן און פאַרשידענע קלימאַטן. אין טאָך, ווען איך טראַכט וועגן דער קריטיק אונדזערער אין פולער אָביעקטיוויקייט — איז זי „מער צו באַדויערן ווי שולדיק״, ווי עס הייסט אין אַ אידיש טעאַטער־לידל. זי פאַרדינט אייגנטלאַך מיין מיטגעפיל, וואָס איך גיב דאָ געורן.

ווען איך קוק צוריק צום „לאַבירינט״ און צו זיין צייט, ווען איך זע די ווייטערע אַנטוויקלונג פון מיין אַרבעט אין מיינע שפּעטערדיקע ביכער און אויך ו ו י אַ דעם „אינזיך״ זע איך קלערער ווי ווען עס איז, אַז איך האָב אָנגעהויבן אַ גאַנג אין דער אידישער ליטעראַטור — אַן אייגענעם און צילבאַוואוסטן, אָבער גלייכצייטיק אַזוינעם, וואָס האָט בעאיין אויפן נישט געקאָנט ווערן פּאָפּולער. ס׳איז פאַר מיר אַ באַזונדערע באַפרידיגונג, וואָס איך זע אַ דירעקטן העמשעך, אַ גאַנץ גראַדע ליניע צווישן מיין ערשטער זאַמלונג און דער איצטיקער, קנאַפּע צוואַנציק יאָר שפּעטער. כ׳האָב נאָך ווינציק גערעדט וועגן דעם טאָך, דעם אינערלאַכן זין פון מיין גאַנג אין דעם פּאַרדעס פון אידישן וואָרט, און עס איז מיר שווער אין דעם זיך אַריינצולאָזן. זאָלן די לידער אין דעם פאַרליגנדיקן

בוך רעדן פאַר זיך אַליין. נאָר אָט־איז אַ ציטאַטע פון מיינס אַן אַרטיקל, וואָס איז קוים עטלאַכע כאַדאָשים אַלט:

וואָס איז מאָדערניזם? פרעג איך דאָרט. און איך ענטפער:

„ס'איז זייער אַ ברייטע טעמע. דאָ קאָן איך נאָר פּרואוון זייער קורץ, זייער ראָשע־פּראָקעמדיק אָנצודייטן.

דער אויסקוק, וואָס נעמט אַריין—יעדנפאַלס ז ו כ ט אַריינ־צונעמען—די גאַנצע דערגרייכטע דערפאַרונג פון דער מענטשהייט, דאָס געענדערטע בילד פון דער וועלט, די דעראָבערונג פון דער וויסנ־שאַפט — פון דער אַסטראָ־פיזיק ביז, לאָמיר אָנכאַפּן, פסיכאָאַנאַליז — דאָס איז מאָדערניזם. אַ שרייבער מוז זיך פאַרוועבן מיט אָט־דער דערפאַרונג. אַנדערש איז ער פּראָווינציעל, מעג ער וואוינען אין פאַריז אָדער ניו־יאָרק, זיינע ווערק — פאַלש, אומוויכטיק און אומאינטערעסאַנט, מעגן זיי קאַנדידירן פאַרן נאָבעל־פּריז. דער מאָדערניזם פאַרניינט דעם עמאָציאָנאַליזם, וואָס, קאָנסעקווענט דורכגעפירט, ברענגט ער צו מיסטיפיקאַציע און צו פאַשעטער רע־אַקציע. (דער נאַציזם און ראַסיזם איז קינסטלעריש גערעדט עמאָ־ציאָנאַליזם ביז זיין לאָגישן לעצט־פונקט — אין אַ וועלט פון הויך־אינדוסטריע, הויך־טעכניק, עראָפּלאַנען, ראַדיאָ. נישט אומזיסט מאַכן די נאַצישע קינסטלער דעם דיכטער סטעפאַן געאָרגע וואָס האָט זיך מיט אַסאַך געפיל „פאַרטיפט" אין גערמאַנישן אורוואַלד, פאַר זייער פאַרלויפער, כאָטש געאָרגע אַליין וואָלט זיך מיסטאָמע צוריקגעשראָקן פון דער נאַצישער פּראַקטיק).

דאָס אייגענע אין אַ היבשער מאָס מיטן ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך געפאַסט פאַר דעם 18טן יאָרהונדערט, און וואָס האָט אין 20טן מעגלאַך געמאַכט, אַז דער פוטוריסט מאַרינעטי זאָל ווערן דער טרומייט פון מוסאָליניס פאַשיזם.

אָפּשפּריצונגען פון ראַציאָנאַליזם אין דער קונסט קאָן מען צום באַדויערן געפינען אַפילע אין אומגעריכטע ערטער. די באַציאונג

פון אַסאַך סאָציאַליסטן צו קונסט טראָגט אין זיך ריין־ראַציאָנאַ־
ליסטישע עלעמענטן.

מאָדערניזם, ווי איך פאַרשטיי אים, איז אי אַנטי־עמאָציאָנאַ־
ליסטיש, אי אַנטי־ראַציאָנאַליסטיש. ער איז אין ערשטע ריי אַן
א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע שיטע, וואָס וויל פילן אָבער ניט
ווייניקער — וויסן. מאָדערניזם איז געוויינלאַך נישט אַפּאָליטיש
און קאָן נישט „פּייפן״ אויף רעוואָלוציע. דער מאָדערניזם נעמט
אָן דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם ווי אַ נויטווענדיקייט, ווייל ער מיינט
העכערע און אַלץ העכערע פאָרמען פון עקאָנאָמיק, טעכניק, געזעל־
שאַפטלאַכער איינאָרדנונג און גלייכצייטיק — מער אינדיווידואַלי־
טעט און אינדיווידועל־קינסטלערישע פרייהייט, דערהויבנסטע מאָ־
ראַל און עטיק. די לעצטע דריי: פרייהייט, מאָראַל, עטיק זענען
נישט ווייניקער וויכטיק, ווי טעכנאָלאָגיע און פּראָדוקציע־פּיאיקייט.
ווער עס לייקנט דאָס, איז טייקעף אַ בורבאָן נישט בלויז סאָציאַל־
פּאָליטיש, נאָר אויך קינסטלעריש. מאָדערניזם איז באַוואוסטזיני־
קייט און קולטור.

אין דער אידישער ספערע — איז מאָדערניזם אַ ריס מיט
יעשיוועבאָכערישער ראָמאַנטיק, מיט רוכהאַקוידעשדיקער באַטלאָ־
נעס, מיט מיסטיפיקאַציע לעשעם נאַציאָנאַלן מאָהוס. מאָדערניזם
איז נישט קעגן טראַדיציע, אַוואַדע נישט קעגן היסטאָרישער קאָנ־
טינואיטעט און נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין, און שוין זיכער
נישט קעגן די גרויסע נאַציאָנאַלע אידייען, וואָס די אידישע גע־
שיכטע האָט אויסגעגליט און געפורעמט — אַריינגערעכנט דעם
צענטראַלן מעשיכישן יוישער־ און אויסלייז־געדאַנק. דער מאָדער־
ניזם פאָדערט אויך דאָ אַ באַוואוסטזיין, וואָס זאָל באַצייטנס אונ־
טערזאָגן, ווען מען דאַרף פון דער טראַדיציע זיך אָפּקערן, ריכטי־
קער: גיין ווייטער, העכער. ער פאָדערט אויך, אַז אידייען זאָלן
זיין א י ד י י ע ן , און נישט צום טויזנסטן מאָל אונטערגע־
וואַרעמטע באַנאַליטעטן אָדער אויפ־און אַריינגעשרויפטע פרימי־

טיווע טראַכטעניש[ן].

אין פּראָט פון אידישן וואָרט — איז מאָדערניזם אַן איינשטעלונג, וואָס האַלט, אַז די מעגלאַכקייטן פון קלאַנג, ריטמיק און מעטער אין אונדזער לאַשן זענען קוים־קוים ערשט באַרירט געוואָרן. אַלע העכסטע דעראָבערונגען, וואָס אַנדערע לעשוינעס האָבן דערגרייכט אין דער פּערז־קולטור, זענען אויך אין אידיש מעגלאַך. מאָדערן אין ליטעראַטור מיינט: דאָס פּינקטלאַכסטע וואָרט, דער אַדעקוואַטסטער אויסדרוק, די שאַפערישסטע קאָמבינאַציע. קיין „ווערדליך" פאַר אידיש, קיין טעריץ, אַז וואָס מען דאַרף יאָ דאָרט, ביי די רייכע ליטעראַטורן, איז נישט „נייטיק" אין אידיש. די באַציאונג צו אַזויגערופענער „פאָרם" וואָס הערשט ביי אונדז, איז אַמאָראַציש און אין פולן זין פון וואָרט אָבסקוראַנטיש. נישט קיין אויסגעדראָשענע „זינגעוודיקע גראַמאַטיק", נאָר לעבעדיקע, אינדיווידועלע ניי־ריטמען — סיי אין געבונדנסטע גראַם־ און מעטער־קאָמבינאַציעס, סיי אין פרייען פערז. דער מאָדערניזם איז דורכאויס פאַר אידיאָמאַטישע ווענדונגען, ווי די נאַטירלאַכע, נאָרמאַלע ערד און באָדן פון דעם לאַשן. פונדאַנען דאַרף מען אָנהייבן יעדן אָנהייב. אָבער עס איז אויך נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר נייפאָרמירונגען.

(„אינזיך", נומער 31, יאַנואַר 1937).

אַזאַ איז דער דערעך, דער נוסאַך אין דער אידישער פּאָעזיע, וואָס עס האָט באַשאַפן דער מאָדערניזם, מיט וועלכן איך בין פאַרבונדן אָרגאַניש, נישט אָפּצוטיילן.

אַן אייגענער סטיל, און דאַווקע נישט אַזוי „ווי אַלע", אַן אייגענער גאַנג — דאָס איז דאָך סאַפּקאָלסאַף דאָס וויכטיקסטע. איך געפעל היינט נישט די מערסטע פאַרשטייער פון דער אָפיציעלער קריטיק פונקט ווי

מיט צוואנציק יאָר צוריק. ווען איך פרעג זיך אַמאָל: צי ו ו י ל א י ך געפעלן יענע, וואָס האָבן מיך געריסן און ווען מיך מיסטאָמע רייסן, מוז איך — אינערלאַך־ערלאַך און אויפריכטיק גערעדט — ענט־פערן: נ י י ן. און וואָלט איך געקאָנט אָנהייבן פונדאָסניי — איך וואָלט נישט געוואָלט אַנדערש אָנהייבן, אַנדערש גיין און דערגיין אין דער אידישער פּאָעזיע, ווי איך האָלט איצט.

ווי דעמלט, אין דעם ענטפער די „לאַבירינט"־פּאַלמעסערס, מיין איך:

פּאָעזיע איז דאָס, וואָס אַ וויכטיקער פּאָעט שאַפט.

און איך קאָן נאָך צוגעבן:

יעדער אַנדערשדיקער פּאָעט פירט אויך איין אַנדערע מאָסן, נייע סטאַנדאַרטן. צווישן „לאַבירינט" און „פּאַביוס לינד" איז אויפגעקומען אַ נייער סטאַנדאַרט אין דער אידישער פּאָעזיע.

א. ל.

ניו־יאָרק, פעברואַר 1937.

פאביום לינד

אָפּטיילונגען

טאַטע־מאַמע

פּאַביוס לינדס טאָג־בוך

מיינע לידער

פאַרטאָגן און נעכט

נאָענטע און ווייטערע

פּאַביוס לינד

טונקלנישן

זון און פאַרב

צו דיר — צו מיר

אויך איך

מיין טאַטע
מיין מאַמע

מיין טאַטע

פּאָטער — זון. דער זון צוריק צו ווייטעניש אַמעריקאַנער.
גלאַנציק־האַרטער אומזין.ביידע פּאָרשן בליאַסק פון
רעלסן־שטאָל.
ס'האָט אַ צווייג דערשפּירט דעם גוואַלטריס, און דער שטאַם
די הייסע ראַנע,
ס'האָבן וועלטן צוויי דערקענט זיך און באַרירט צום לעצטן מאָל.

כ'וועל מיין טאַטע שוין געדענקען, כ'וועל אים זען אַזוי־אָ שטענדיק:
הוט אין האַנט, די אויגן דאָרשטיק צו דעם פּענצטער פון קופּע,
באַן אָפּ־אָפּ, דער שיינער קאָפּ אין זונליכט וויים און בלענדיק,
הוט געהויבן, שטייף די ליפּן, בליק — דער בליק — אַטאָ־דאַ־פּע.

ס'האָט מיין טאַטעס גוטסקייט ווייך געריזלט איבער דער מעדינע
פון אַ ווייט־צעוואָרצלטער מישפּאָכע. ווי אַ וואַכע טויב
האָט זיין האַרציקייט געטירקלט פון באַגינען ביז באַגינען
אין דער שטוב אַרום די קינדער, פון די עלטסטע ביזן דרויב.

ווערט אַ קינד אין הויז אַ „יאַכסן", פאַלט צום בעט צו אַ
באַקלאָגטער,
היט דער טאַטע ביי דעם קראַנקען, ווי געלייגט אויף זיך אַ שטראָף.
און ער שמירט און לייגט צו שטאַרצן, טאַפּט דעם פּולס —
אַ גאַנצער דאָקטער,
און גיט אַכטונג, אַז דער מאַמע זאָל נישט מינערן פון שלאָף.

און צעפּאָרן זיך די קינדער — ס'איז אַ מוז צי ווּיסטע מאָדע,
לויפט אַ ווייַ אין אַלע זייטן, ציטער־פלאַטערדיקע בריוו.
ס'גאַנצע נישט־געלעבטע לעבן, אין עלעגיע צי אין אָדע,
טראָגט זיך דייטשמעריש און לאָמדיש איבער באַן און איבער שיף.

קלאָר זיין וועג, זיין גאַנג — אַ ווירע, מער אַ געבער ווי אַ נעמער,
נאָר אַ שלעכטער קאָמפּראָמיסלער און אָן פּשאָרעס — נישט
קיין זיג,
בלויז די ליבע פון די שילער דאָר נאָך דאָר ביי זיין באַלעמער
האָט געטרייסט זיין בלייבן דרויסן פון באַקוועמען הארבעריג.

האָט געכאָלעמט אין כיבורים און געמייסטערט פאַר דעם יונגוואַרג
צאַצקעס פון קאַרטאָפל, מייִרן. אַ דערציילער — הער און הער.
נאָר דער דורכפאַל האָט געקילט אים, נאָר זיין כאָלעם האָט
געהונגערט,
האָט ער זיך אין זיך פאַרקליבן, און געשוויגן מער און מער.

ביי מיין ערשטן אָפּפאָר האָט ער קלוג גערעדט פון פרייער בכירע,
מיך דערמאָנט איך זאָל אַ איד זיין, ז י ך דערמאָנט אָן יאָרן־לויף.
און נאָך ניינצן יאָר האָב איך גערעדט פון סייפער־האַיעצירע,
פון באַלשעם, ארי און מולכו, וועגן איובס „את הטוב . . .״

קוועלט מיין טאַטע. וואַקסט די נאָנטשאַפט — אַלץ
צעוואַרעמטער, צעהעלטער.
צערטלט מיך זיין נעכטן, בענטשט זיין היינט מיך: אויב
נישט איך — איז דו.
איז אַוועק אין אומגעשטילטער, נאָכנישט אויסגעלעבטער עלטער,
נאָנט צו אַכציק נישט געדאַרפט נאָך דעם כאַזאַק פון אייביק־רו.

מיין מאַמע

מיין מאַמעס בלאָנדקייט האָט געלויכטן אין מיין קינדיש קיניגרייך,
מיט וואַרעם־דינער אומרו פון דעם לאַנדס נערוועזע טעכטער.
איך האָב מיין ערשטן שלוק מיט לופט געשלונגען ביי דעם ווייסל־טייך,
און יענע לופט איז היבש געמישט מיט פיכע פויליש־עכטער.

מיין מאַמעס היים־געבאָרנקייט, כ'געדענק זי גוט. אין שטוב, אין גאַס
געוואַרט אויף יענעמס גרוס, אַנישט זיך אויפן אָרט באַליידיקט.
„איך קום אַרויס פון טויספעס־יאָנטעוו און געיאַרשנט אויך זיין קאַס" —
האָט זי דערנאָך זיך מיט שטיל־שעמעוודיקן כיין פאַרטיידיקט.

מיין עלטסטער ברודער וויגדער האָט דעם איכעס ווינציק אָנערקענט,
און אָפט געלאַכט: „ווי טאַקע נאָר אַ פיעטערקאָווסקע דאַמע!"
און כאָטש כ'האָב קוים פאַרשטאַנען, האָט אַ שטאָלץ זיך טיף אין מיר צעברענט,
און כאָטש כ'האָב מיטגעלאַכט, האָב איך געקוועלט אין זיך — מיין מאַמע!

געבראַכט פיל קינדער. זיבן אויסגעהאָדעוועט אין ענגער שטוב,
און זיך אין זייער שיינקייט אָדער כאָכמע היים געשפיגלט.
געוואַרעמט האָפנונגען, און יעדע האָפענונג — איר לעבנס־קנופ,
און יעדן קנופ מיט טרערן אויף די קינדערס קעפ פאַרזיגלט.

אַ אידישע מישפּאָכע — זאָמען לויזע אויף דעם ווינט צעזייט.
מיך האָט פאַרטראָגן ווייט. ניו־יאָרק האָט קיין געדולד צו בענקען.
נאָך ניינצן יאָר האָב איך זי שיר געאירצט נאָך ערשטן קוש און רייד.
כ'האָב זיך פאַרכאַפּט — נאָר קיינמאָל וועל איך זיך איר בליק נישט שענקען.

צו פינף־און־זעכציק האָט איר אויג געשימערט מילד און ריין,
און אין דער בלויער טיף האָט אַ באַדויער שטיל געהויערט.
„ווען בין איך אַלט געוואָרן? אָסער צי איך ווייס און קאָן פאַרשטיין".
ווי זעכציק־פינף לעוואָנעס וואָלטן פלוצלונג זיך צעטרויערט.

„אַז ווען האָב איך געלעבט? זאָג, אהרן, עפּשער ווייס מען דאָרט באַ'ן ענק?"
כ'האָב פּוסטע טרייסט נישט אָנגעטאָן אין ווערטער צי געדאַנקען.
אַ צערטלאַכקייט האָט אויפגעקוואלט פון טיפסטעניש, די קעל פאַרענגט —
די ליבשאַפט האָט געשטיקט, ווי קוק פון נאָנטן — טויטלאַך קראַנקען.

זי האָט נאָך דאַן געטראָגן גראַד און גרינג איר גוט־געשניצטן קאָפּ,
און לייכט איר טראָט — די לאָדזשער גאַס געשניטן פלינק, בראַוואַדיש,
נאָר נאָך צוויי יאָר האָט מיט געצוקטן קסאַוו און ציטערדיקן טראָפּ
מיין טאַטע מיר געשריבן: זון, פאַרגעס נישט זאָגן קאַדיש.

פאַביוס לינדס טאָגבוך

יאַנואַר 27

מוטערדיק, טיף אין מיין אינגווייד
מאָנען לידער אין מיר ווי אַ וואונד אין געביין.
זאָל מיר זיין אַזוי און נאָך מער,
אויב נישט אַ לעמפּערט אויף לויער דורך נאַכטלעך געווילד
איז דער הונגער נאָך ליד אין מיין גומען און לענד —
אומגעשטילט.
דערפילונג איז אָנונג און אָנונג איז מאָנונג,
נישטאָ קיין זעטיקייט פאַר ליד אין מיר.

יאַנואַר 28

פינצטערניש.
געדיכטע, קנוילקע,
אוראַלטע, גרויליקע, אומהיימלעכע, מויליקע.
און פלוצלונג — פונקען ווייסע, גאַנצע פאַסן.
מאַגניום־גלי — ווייס, ווייס.
אַ קני — וואַרעם, ווייך און שטייף.
אַ רייף אַרום מיר, ווי דער רינג אַרום סאַטורן.
שטייף אַרום מיר. ווייס. מוטערלעכער נאַקטורן.
סומנע רייצעניש.
מאַרך־פאַרפלייצעניש. פאַל — פלי. פאַל — פלי.
קני. מאַגניום־גלי. און ווידער —
קנוילקע, קויליקע פינצטערניש.
פאַרפאַלעניש.

יאַנואַר 29

פון נאָנטסטן שפּיגל איז אויף מיין געהער
אַ רוף געפאַלן שאַרף און אומגעריכט.
איך האָב דערזען — נישט אַ באַקאַנט געזיכט.
איך האָב נישט־ווילנדיק געמורמלט: ער.
פון קאַלט געשליפענעם, פון גלאַטן שיכט
האָט אַ געדאַנק געוואַכט ווי זייטיק, קווער.
אַ טאַטע האָט דעראָנט זיין קינדס באַגער,
און אים פאַרטרויט זיין קלוגן סאָד פון ליכט.

ער. ער. איך האָב געפאָרשט דעם שפּיגל לאַנג,
און זיך צעלאַכט פון זיך. כ'בין דול, ס'איז קלאָר.
און כאָטש עס האָבן אויגן, ציין און האָר
צוריקגעלאַכט איצט מיט באַקאַנטן קלאַנג,
האָט אויך דער וואַכער, קווערער גאַסט־געדאַנק
געגריסט דורך דער גרימאַסע — ליב און וואָר.

און כ'האָב געוואוסט: אַ דריי און וואָך ווערט וואָך.
אַ דריי און אומזין שפּאַלט זיך אָפּ פון אום.
אַנטפּלעקונג אין דעם שטורעמס רעוו און ברום
און אויך — אָט וויזאַווי אין שפּיגלפלאַך.

אַ רייפע נאַכט האָט דרויסן קיל געבלויט.
אַ קינד האָט פריי געטייטשט דעם פּשאַט פון טויט.

30 יאַנואַר

ב. אַלקוויטן

קאָלאָמבוס־סוירקל פּאַרנאַכט — אַ געמיש פון ליכט און שטיין,
אַ צענויפלויף פון דער שטאָטס אַשירעס,
מיט אַ שווינדזוכטיק נעגעריש געסל
פאַר זייטיקע, אונטערטעניקע איידעס
אויף דעם העפקער, הו־האַ און הויכקלעטעריי.
דעם פאַרגעסענעם דענקמאָל פון דעם גרעסטן אַנטדעקער
איז לאַנגווייליק פון די אויטאָס, עלעקטרישע רעגנבויגנס,
פון די פּאַטריאָטישע סטאַטועריען,
וואָס באַוואַכן דעם פּאַרק פאַרן פאָלק, פון דעם פאָלק, דורכן פאָלק.
די דרייסיק־פּערציק־שטאָקערס אַרום —
אָט שטרעקן זיי זייערע גראַניטענע לאַפּעס
צו די מיידלשע הינטדלעך,
וואָס טאַנצן אויף די פּרוזשינעס פון אַ כיטרען מעכאַניקער,
אַראָפּ און אַרויף, אַראָפּ און אַרויף,
מיט צוזאָג, מיט לאַדונג — ווער ווייס וואָס פאַר אַ גליקן!
פון לאַנגווייל באַסעוועט פינקטלעך מיט יעדן זייגער־קער
(ווער ס'קאָן הערן — הערט)
די שטים פון דעם אַנטוישטן, פרומען קאָלומבוס:
וועמעס לעבן איז נישט אַ צופעליק איבערגעלאָזענע שילד,
וואָס שרייט וועגן דערפאָלג, וועגן גרעסטער מעציע
אויף אַ פּאַרהאַקטן, שוין לאַנג באַנקראָטירטן געשעפט?

31 יאַנואַר

א שטריט מיט דיר ברודער
אויף לעבן און טויט.
דיין גאַנצער געגודער
אין מיין שוויים, אין מיין הויט
איז מיין טויט.

כ׳בין דו — דאָך א צווייטער,
אַן אנדער געשטאַלט.
כ׳וועל ברענען אַלץ רויטער
ביז צו אַש מיט געוואַלט
דיין געשטאַלט.

פאַרביידן צוזאַמען
קיין אָרט אונדז נישטאָ.
מיט דיקטאַטאָרשע קאַמען
צעצויט איך דיין שאָ
און נישטאָ.

דו ווינק מיר נישט מיסטיש
מיט מאַגישן שטאָק.
איך טייל באָלשעוויסטיש
איצט דיר אויס דיין פּאַיאָק
מיט א שטאָק.

און מאָרגן און ברען איך
און קאַם זיך אַליין —
איך גיב נישט קיין פעניק
פאַר מיין אייגן געביין.
כ׳טויט אַליין.

פעברואַר 1

מען האָט אים געפירט צו דער גיליאָטין.
די מאַשין האָט געזאָגט: איך בין, איך בין בלויז אייזן.
דער הענקער איז געווען קלוג און פריינטלעך,
און הינטער אים האָט ער געזען נאָך אַ קליגערן, נאָך אַ פריינטלעכערן.
אים האָבן פאַרוואונדערט די פרייד-געשרייען פון די סאָנים.
ער האָט מוירע געהאַט מיט אַלע מוירעס
פון יעדן לעבעדיקן בלוטסטראָפּן.
נאָר נישט קיין וואָרט און נישט קיין ווילן
האָבן אָפּגעטיילט זיך פון אים
אויסצושרייען אָדער אַריינצושעפּטשן
זיין אומשולד.

לייב קעגן אייזן.
ער האָט גאַרנישט געוואָלט באַווייזן.
ווי דאָס מעטאַל וואָלט אַריין אין זיינע מוירעס
און זיי געשטייפט מיט מוט און איראָניע.
אין פולער האַרמאָניע מיט זיך —
צום ערשטן און לעצטן מאָל —
האָט ער געקושט דאָס שטאָל פון מעסער,
און ברידערלעך געגריסט דעם הענקער.
קיין איין וויטרינע
פון זיינע טוגענטן האָט ער נישט אויסגעפּוצט.
אויף אַלע פאַרצוייגן גרויע גאַרדינען און געזאָגט:
דו ביזט בלויז אייזן,
איך בין בלויז אומשולדיק.

פעברואַר 2

זיי רוישן און שרייען אין שטיבער, אין גאַסן,
זיי האָבן ליב פּענער, באַזונדערע רייד.
ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז באַגינען נעמט בלאַסן —
זיי זאַמלען זיך, קריגן זיך קאָביקערהייט.

ווי מענטשן אָן היימען. און אַלץ — זייער דאַיגע.
וואו עפּעס — אַ מיטינג, אַ מאַרש, אַ פּראָטעסט.
פון וואַשינגטאָן סקווער ביז אַזיאַטישער טאַיגע
מיט אַלע אין שטרייט, קעגן גאָט אין פּאַרמעסט.

וואו צוויי, דאָרטן דריטע, און טייקעף שוין היימיש.
מען זייהט נישט, מען פלאַנצט נישט — זיי וואַקסן דיר אויס.
פאַר זייטיקע ליט אַ מין פריקרע געהיימניש,
נאָר טומלער מיט אויגן, וואָס אַלץ איז זיי גרויס.

פאַר זייטיקע ליט בלויז צעשטערער אַזוינע,
אַ שייוועט, וואָס גלייכער צו ווייכן פון אים.
אַז זייער האַנט איז אין יעדן, און יעדער אַ סוינע,
און גרילציקער שוועבל צערייסט זייער שטים.

נו זאָל זיין געבענשט אָט־דער טומל גערעכטער,
אָן אים וואָלט קיין רו נישט געקומען אין לאַנד,
נאָר אייביקער כאַרכל אין אייביקן שעכטהויז —
אָן ציטער פון קוילערס נישט־זעטיקער האַנט.

אַ זאָלן זיי אויסזען ווי שרייערס אומיסטן,
גלייך דערווישן, דולע פון געטלעכן סאַם,
עס היטן די פּילדערער — די קאָמוניסטן,
ס׳זאָל דאָ זיך נישט אָפּטאָן דער געטלעכער פלאַם.

דער הויכגעפּרייזטער איז געשטאַנען פּאַר אַ מענטשן טויזנט
און האָט געפּראַוועט די אַוואַנגאַרדע פון געשאַמע־ברויזן.
די טויזנט זיינע ענטפערער, און ער דער רופנדיקער גלאָק.
די טויזנט זיינע נאָכגייער, און ער דער פירנדיקער שטאָק.
ער — אַפּאָסטאָל, ער גאָט און זיי די אָנבעטער געבוקטע,
זיין וואָרט אַ שעם־האַמפורעש, אָן שום סאָפּעק, אָן שום פּלוגתא.
הויך האָט געשלאָגן דער עקסטאַז, די הערצער — פּלאַמעדיקער קויל,
איין פּייערפּלאַם, וואָס איז געוואָקסן אַלץ אַרום דעם ליבלינגס מויל.
און מיטאַמאָל, פון גרויס עקסטאַז, די טויזנט אויף דער בימע,
און אים באַפּאַלן מיט געשריי, מיט טרערן, שלוכצן, הימנען.
פון אייטל ליבשאַפט, טריישאַפט און פון איבערשוימעדיקן גליק
האָט יעדערער פון אים גענומען רייסן שטיק נאָך שטיק.
אַ בראָק פון אים, אַ האָר פון אים, אַ זייכער פון אַ נאָגל.
אַ קאָרבן ער, די טויזנט — זיין פאַרצוקעדיקער האָגל.

ווען פון דעם גאָט איז גאָרנישט געבליבן,
און די אָנבעטער זענען אַוועק נישט־געזעטיקטע,
האָב איך דערהערט אונטער די פיס אַ סקריען, אַ סקריפּן,
און דערזען אַ קופּע בראָכוואַרג.
געדולדיק האָב איך די שטיקער און שטיקלעך
צענויפגעלייגט, צענויפגעקלעפּט,
ביז אויף מיין האַנט האָט געפּלאַטערט אַ טייערע, געגאַרטע וואַזע,
און אויף איר רונד אַרום די אויפשריפט:
דאָס איז די אַנגסטיקע באַלאַדע פון דעם וואָס איר באַגערט.
דאָס ווערק פון טויזנטער בין איך, זיין יעדנס קנעכט איז מיר
באַשערט.
די וואַזע האָט אַרויסגעגליטשט זיך פון מיין אומגעשיקטער האַנט,
איך האָב באַטראַכט די שטיקלעך און אַ קליגערער פאַרלאָזט דאָס
לאַנד.

צוויי אַלטע נאָנעס זענען געשטאַנען אין דער זאַווערוכע
פון מיינס אַ כאַלעם.
אויף זיי די סימבאָלן פון אַ פרעמדן גלויבן.
איך האָב זיי באַוואָרפן מיט שנייענע קוילן.
האָט אַ ווינט זיך צעהוילן און בייזע פליגל האָבן געקלאַפּט,
און כ'האָב צעריסענע ווערטער געכאַפּט:

סוינע אויף סוינע.
ווי די נעכטנס, אַזוי די היינטן.
לאָמיר זיך פיינטן, איינס ס'אַנדערע היטן.
איך דיך, דו מיך, מיר ביידע אַ דריטן —
סאָנים אַלע.

שוין נישט קיין נאָנעס, קיין זקיינעס —
אינמיטן צעבייזערטער ווייסקייט פון שניי
האָבן צוויי שוואַרצע שווערטן געפּאָכעט מיט סאָף.
און איך האָב זיך צעריטשעט אין שלאָף,
און געעפנט די אויגן מיט אַ צעשראָקן געשריי —
כאַוויירים, כאַוויירים, כאַוויירים.

פעברואַר 5

כ׳האָב היינט געזען מענטשן אין שטרייט פאַר ברויט,
פאַר דער גרייס פון צוגעטיילטן ביסן.
איך קען יעדן פון זיי.
דער וועבט לופטיקע בריקן אַלץ אַרויף
פון דינסטע זייד־פעדים, לויטער גייסט.
אַ צווייטער שפּייזט ציטעריקע כאַלוימעס פון אויסגעדאַכטע ברעקלעך,
וואָס עס טראָגט אָן דער ווינט פון דורכפאַל.
אַ דריטער דערציילט כאָכמעס פון זיין יינגסטן קינד
און פייכט און וואַרעם גלעט זיין אויג די גאַנצע וועלט.
אַלע פיינע לייט,
עס קומט זיי אויבנאָנס ביי אַ יאָנטעוו פון גוטסקייט.
האָבן זיי געדאַרפט מעסטן פאַר אַנדערע צוגעטיילט ברויט,
זיי — די זייד־פעדים, די ציטער־טרוימען, די ליבהאָבער פון קינד.
זיי זענען געווען ווי היינט.
און איך — יענעם טאָג האָב איך נישט גענומען
מיין איינגן פונטל ברויט און עס צעטיילט צווישן הונגעריקע.
נישט אויסגעטאָן דעם מאַנטל און אָפּגעגעבן אַ דערפרוירענעם.
נישט געלאָזן זיך נאַקעט און פריי
זוכן דעם וועג פון גוטס און קלוגשאַפט.
כ׳בין אַליין געווען אַ וועגער און מעסטער.
כ׳האָב מער נישט פיינט די מענטשן,
נאָר זיך אַליין בין איך ווי אַ וואונד און אַ קרעציקייט.
איז דאָ סייכל און פאַרשטאַנדיקייט
צווישן אָט־די פיר ווענט און דעם אויג
פון בער־שטערן ?

פעברואַר 6

הינטער אומענד קאַלטע טירן
אַנצאָל פאַרהענג פונקט ווי פעך.
ווייטער איינסאַף װעגן פירן,
אַלע פינצטער — אָן אַ דעך.
פון דער ערשטער טיר איז מער נישט
דאָ קיין דרויסן, קיין צוריס.
פאַר דער צווייטער טיר אַ שטערניש,
צו די אַנדערע קיין בריס.
און די וועגן — גליטשערס, לױפערס,
הױלע פאַסטקעס און געדריי.
ס׳קלינגען גלעקער, ס׳שאַלן שױפרעס —
נישט אויף זיי, אַ נישט אויף זיי.
װער עס שטרויכלט, וועט פאַרשאָטן,
און אַ שטרויכל יעדער קער.
אָט דאָס רעטעניש מיך ראָטן
הייסט דער שטערן פון דעם בער.

פעברואַר 7

איך האָב געיאַרשנט נאַאיוון אָפּנהאַרץ
פון דוירעם קליינשטעטלדיקע פּוילישע ייִדן,
און שפּיציקע רייד
פון הייסגעבאָדענע פּרויען אין מיין קלאַן.
אַ בלינדע יוני־נאַכט האָט אַלץ אויסגעמישט
און מיך אַרויסגעשיקט —
אָן איינזעעניש פאַר סימעטריע.

מיין וויזאַווי וועגט מיך פּאַרזיכטיק
אויף דער וואָג פון זיין וועלט־ און מענטש־געניטקייט.
רופט מיין שטים צוריק — אינטים און גראַד.
לויט דעם קלאַל פון אַ העלפט דער וואַנט און אַ העלפט דעם טייך,
איז ער מיר מויכל די אינטימיטעט.
און די גראַדקייט — עלעהיי אַ ווירע פון שטאָל:
צעשיידט און שטעכט.

ווערן מיינע וויזאַווים שיטערער.
און דער זשאַווער פון מיין קליאַמקע —
נישט בלויז דער זויערשטאָף פון דער לופט.
נאָך גוט וואָס פון צייט צו צייט
קאָן איך האָבן מיין אייגן ביסל שפּאַס מיט זיך אַליין.

8 פעברואַר

היינט איז אַ שטעג אַ רונדער,
פֿאַרענדיקט ביז צום ענד,
אַ גאַנג וואָס איך באַזונדער
דערפֿיר אים, לענק און וועגד.

עס האָבן מיר כּאַווײַרים
דעם גאַנג באַצווייט באַדריט,
כּאַווײַרים ווערן גייִרים,
און ס'שיידן זיך די טריט.

היינט ווייס איך: קיין געמיינזאַם,
אומזיסט באַגערט, געזוכט.
היינט קלאָרע פֿרייד פֿון איינזאַם,
ווי זון אויף רייפֿער פֿרוכט.

פעברואַר 9

דעם פּראָפיל האָט דורכגעלויכטן אַ וואַרעמער שמייכל,
און פון די קאַרגע ליפּן האָט ערלעך זיך אָפּגעריסן
אַ גוט וואָרט, און —
עס האָט זיך גרינג און פריי געגליטשט פאַר מיר
דער שווערער גרויער טאָג.
די זשאַווערדיקע שטאַבעס, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט
אַ ברויגעזע מיטווינטער־זון
זענען געוואָרן לופּטיקע פלאָרענטינער קאָלאָנעס,
און כאָטש דער דרויסן האָט נאָך אַלץ גרוי געגרויט,
האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם געל־גרין־רויט
פון דיעגאָ ריוועראַס בלומען־פיעסטאַס
און קינדער־פּאָרטרעטן.

איך האָב ווידער נאָך לאַנגע טעג
געשמייכלט פריידיק צו די טראַטוואַרן און צו זיך.
איך האָב אפילו פאַרגעבן דעם גראָבן מענטש,
וואָס האָט מיך אַ טאָג פריער באַליידיקט.
ער וועט אויך שטאַרבן, און ער האָט אויך אַמאָל געוויינט
פאַר נישט קריגן אַלע צאַצקעס אין אַ שויפענצטער.

פעברואַר 10

כ׳בין מיד פון ווערטער. וואָס מער קלאָר איז אַלץ מער דול.
איך בין מיט דולקייט ביז דער קלאָרסטער קלאָרקייט פול.

פון סטירעס האָט אַ טורעם פאַר אַ טאָג זיך אויסגעבויט.
דאָס ליד איז רו פאַר מיר, אַ פרייד־באַגעגעניש מיט טויט.

פעברואַר 11

ווער ס׳צעהענגט זיין פאַרלאַנג אויף די פלויטן פון היינט,
אים אַ געדער איז היינט מיט זיין לוין וואָס איז שטראָף.
אָבער מאָרגנס אָן ענד זענען יענעם געגרייט,
וואָס די נויט פון דער וועלט איז אין וואָרט פון זיין מוט,
וואָס אַריבער דעם לוין זעט די דוירעם פאַראויס,
מעג דער היינט פאַר אים הייסן „פאַרשפּאָט און פאַרשטויס״.
עס איז וואָרער די נויט ווי די לייט פון דעם דאָר,
און דער קלאָרער געדאַנק זעט גערעכטער ווי ס׳אויג.
זאָל געוויטערן בייז אַרום אים דאָס געהאַס,
ער איז קלאָרער געדאַנק און קאָן וואַרטן באַהאַרצט.
די פאַרהאַסערם — זיי שטעלן אַ פאַנצער אים צו.
קעגן שטורעם — אַ טורעם פון גיבערשער רו.

פעברואר 12

זילבערנע בלענדן ארום און ארום
פליסטערן אין אויער פאַרטאַיעטע שטילקייטן.
איך לויש צו דעם לאָשן אָן ווערטער:
פאַר דיר און נאָך דיר מיליאַסן,
אַרום דיר לאַנגען און פלוינען מיט מענטשן,
ווי לאָנקעס מיט לעמער צעלייגטע,
נאָר דו ביזט אַליין.

מיט קילער מילך פליסן פון הימל
די העלע געלאַסענע שליאַכן
פון מיין פאַרזיגלטן גוירל:
דאָס איז די קלאָרקייט פון נאַכטלאַנד,
דער טאָל פון דעם טויט דעם ליבן
מיט זיינע בלויע, לעצטע לעגענדעס.

די לעוואָנע, אַ פולע, אַן אָפענע,
שמייכלט פאַרטרוילעך אַראָפּ
און מיר פאַרשטייען זיך קלוג, פאַרשטייען זיך צערטלעך
אין רייפער, באַלאָדענער שאָ.

13 פעברואַר

בירגער בונעם האָט זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט
און זיך צעזונגען — ברוסטיק און ברייט,
ברוסטיק און פריי,
צו זיין אייגענעם גרויסן פאַרוואונדער.
שוין לאַנג
האָט ער געוואָלט זיך אויסטאַינען מיטן ווייטן שטערנשיין,
נאָר ס'געזאַנג איז אַלץ געפאַלן אַראָפּ
און שווער,
ווי דער קיינמאָל־קיינמאָלמער פון עדגאַר פּאָוס ראָב.
אַצונד איז זיין ליד געגאַנגען
אַלץ אַרויף, אַלץ אַרויף,
און גראַד און שאַרף דערגאַנגען אַהין וואו מען דאַרף.
און שנעל האָט אַראָפּגעפינקלט דער ענטפער:
קלייב אויס:
אַ גאָלדענעם קלאַרנעט, וואָס זאָל פרי און שפּעט צעקלינגען דיין רום.
אַ וואַסערל צו וואַשן דיין לייב מיט אייביקער יונגשאַפט.
אַ געלונגשאַפט אין וואָס דו זאָלסט נישט טאָן.
אַ וואונקשאַפט אין אויג צו טרעפן יעדע פרוי,
אַז איילן זאָל זי צו דיר מיט דער דרייווינקלדיקער טאַץ
פון איר רונגשאַפט.
אָדער עפשער ווילסטו דעם שפּרוך
צו עפענען פאַר אַלעמען דעם טויער צו גליקעבלאַנד,
הארבעריק פון אַלדאָס גוטס און אַלדער רו,
און זאָגן זאָל מען זאָגן: מאַרקס, לענין און דו?
דער וואוילהאַרציקער שטערן האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער.
נאָר בירגער בונעם האָט בלויז געזונגען.
און אין זיין געזאַנג איז געווען:
וואַסערפאַל,
ערהציטערניש,
מערידע פון פיל פאָלק אין גערעכטער איינזאַמלונג,
קידעש־האַשעם פון הייליקע קעפּ אין פלאַם פון שייטער, אויף פלאַך
פון טייך.

און זיין געזאַנג איז אויך געווען —
ווי געוויין פון דיכן אָנהייב פרילינג,
ווי אומעטשפיל פון יונגע ליבן שוין געבוירענע אין שטיג,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט גרעזל אויפן קריש ערד פון אַ בלומענטאָפּ.

אין סאַמע מיטננאַכט האָט זיך געשטאַרקט בירגער בונעמ'ס ליד.
נאָר געזונגען, אַלץ געזונגען.
און דער ווייטער שטערנשיין איז געווען זער באַטריבט —
פאַרוואָס וויל בירגער בונעם נישט מאַפסיק זיין זינגען?
נאַכסאָל ענטפערט נישט בירגער בונעם?

14 פעברואַר

פֿול מיט שטעכיקן געבערג
איז ס׳לאַנד אין מײַנע טיפֿן.
דאָרטן בראָיען װילדע סקיפֿן,
און אַ מאַלפּעדיקער צװערג
מאַכט אַ טעל פֿון גרױסן װערק
מיט די קיניגלעכע מיפֿן.
שײן איז ס׳לאַנד פֿון מײַנע טיפֿן,
נאָר צעהאַקט פֿון שאַרפֿע בערג.

פעברואַר 15

זוך נישט קיין בריק צו מענטשן.
וואַרט מיט דער וועלט אויף דעם וואָרט,
וואָס זאָל זיין ווי דאָס שטאַרבן פון אַ צדיק
נאָך אַ פול און אָפּגענאַרט לעבן.
בענק אויס דאָס וואָרט,
וואָס זאָל אָפּשטעלן די רעציכע פון מידע בייזע מאַכנעס.
זוך דאָס וואָרט,
וואָס זאָל פּאַרציען מיט אַ נעפּל די אויגן פון שטאַרקע לייט.
טראָג אויס דאָס וואָרט,
וואָס זאָל רעדן ווי דאָס שווייגן פון אַ גרייז
ווען ער קוקט אויף דער זון אויבן און אויף אַ לעוואַיע אונטן
מיט דעם זעלבן זעענדיקן בליק.
פון דיין הארץ שטראַלן זיך בריקן אין אַלע זייטן.

פעברואַר 16

קעגנער מײַנער, זיכער איז דײַן פּאַנים,
און איך האָב אַזױפֿיל נאָכעם צוצוזען,
װי דו לײגסט אױעק די כיטרע סאַנים,
און מיט פּרײַנט — װי פֿרײַנטשאַפֿט װאָלט געװען
צו דײַן נאָמען דער געבױרענער רעפֿרען.

שיפֿן װײַרױך, גאַנצענע אָקרענטן,
שװימען װיליק צו דײַן טיש און צו דײַן נאָז.
נעמסט מיט גראַציע אָן די קאָמפּלימענטן —
גאַנץ ענאַל, צי ס'בוקט אַ יעדער זיך צי גראָז
איבער דײַן שױן װױפֿלטן שװאַרץ־קאַװע גלאָז.

איך באַװאונדער דײַן סטראַטעגיע, קלוגשאַפֿט,
איך קװעל מיט — מיט דײַן ערפֿאָלג און אַפּלאָדיר.
מערניסט איך — כ'זוך אַנדערע גענוגשאַפֿט.
בײַם קאַפֿע־טיש אָדער איבער שרײַב־פּאַפּיר,
װיל איך זײַן געגליכן בלױז צו אײנעם — מיר.

דו טוסט ריכטיק. אין דײַן טאַט איז שײנקײט,
אױב װי דו — בײַזטו דער דינסטער, שענסטער דו.
נאָר איך האָב אַ כשאַד, אַז אין אַלײנקײט
װעגט אַריבער מײַן צופֿרידנקײט און רו
דײַנע — דעמלט נעם אָן קאָס מײַן מיטלײַד צו.

פּאַביום לינדס קעניגרייך —
עטלעכע אָפּגעצאַמטע קעסטלעך.
ווי לויט אַ שטענדיקן, זעלביקן שפּרוך
צעעפענען זיך די קעסטלעך אַרויסצולאָזן זיינע טעג —
פון איין הויז מיט אַ נומער
צו אַ צווייט הויז מיט אַ נומער.
איבער אים געראַוישן פון גרויסשטאָט,
רעדער, רעלסן אויבן,
רעלסן, רעדער אונטן, טיף אין אַ טונעל.

ווען פּאַביום לינד טוט זיך אויס פון די געראַוישן,
בלייבן ברעקלעך פאַרב, פלעקלעך קלאַנג,
אַ צוזאַמענגעשטעלטע מאַסקע פון אומרו און צעטומלעניש.
אַמאָל בליצט דורך אַ קלאָרקייט און זי כאַפּט דעם אָנבליק
פון אַן אויסגעבענקטער נאַטרדאַם,
פון אַ געפאַלנטן עמפּייר־סטייט,
פון אַן עלעקטראָ־סטאַנציע אויפן דניעפּר —
אַמאָל, אַמאָל.

די אַמאָלן ווערן בלינד צעשטאָכן פון זיגזאַגישן בראָכווארג,
וואָס פאַלט אויף זיין קאָפּ. דער קאָפּ אין סאַמע מיטן
פון פאַל און בראָך. און ער אַליין — אין אַ זייט, אויפן ראַנד.
דאַן איז ער איינגעהילט אין נאַכטעניש,
אַלע איז אים דאַכטעניש, אויסטראַכטעניש,
קונצן און מאַסקעס פון טויט.

פעברואַר 18

לערן זיך ביי די קליינע הייזער, אַלט און אַמאָליק,
וואָס קוקן טאָליק־באַוואוסטזיניק
צווישן יונגע בוצפּעדיקע פּופּציק־זעכציק שטאָקערס.
זייער אַקשאָנעס פּאַרמעסט זיך מיט דער גרויסער שטאָט.
זייער ווירדע איז העכער, ווי פּרעכע פּוסטקייט.

זאָטלט ס'פאַרשטאַנדיקע פערד מיר אויף גיך,
שפאַרנט מיך אָן מיט די מאַגישע שיך,
איך וויל קיין גליקלעכלאַנד.

רייט איך דריי טעג און דאַן טעמנע דריי נעכט
איבער געהיגל און וואַלדיק געפלעכט
צום וואווילן גליקלעכלאַנד.

קום איך צום טויער און קוק דאָרט אַריין,
ערשט אַ געמיש דאָרט פון כאַשכעס און שיין.
טאָ וואָס איז גליקלעכלאַנד?

ענטפערט אַ קאָל מיר, האַלב קלאָר און האַלב דול,
וואוילטאָג און וויטיק געוויקלט פאַרפול:
„אָזאַ איז גליקלעכלאַנד.

„עפּעס אַ נאָווי מיט שווערן געמיט
האָט אין אַ וואונדיקער שאָ אויסגעגליט
אַ טרוים פון גליקלעכלאַנד.

„ס'וואָרט זיינס די פרייד, וואָס איעדער באַגערט,
נאָר אין דער האַנט אַ שאַרפשניידיקע שווערט —
ער שניידט פאַר גליקלעכלאַנד.

„ליכטיק דער טרוים, נאָר ס'באַשטייט דאָך די טאַט,
ביז אָפט די טאַט, ווי די אַרבעט פון קאַט,
אַ וואונדיק גליקלעכלאַנד.

„ווייסט איצט פאַרוואָס עס איז סומנע געמישט,
ס'בילד און דער אָנבליק, וואָס האָסט דאָ דערווישט,
דאָס בילד פון גליקלעכלאַנד".

מער נישט געפרעגט און נישט הערן פארלאנגט,
אבער מיין הארץ האט געצוקט און געאנגסט
פונוועגן גליקלעכלאנד.

אפגעשיקט שנעל דאס פארשטאנדיקע פערד,
שווייגיק פארווארפן די שיך און פארקערט
מיין טראט פון גליקלעכלאנד.

בארוועס, צעשויבערט דורך נעכט און דורך טעג
וואגל איך איצט אין א רונדיקן וועג
ארום דעם גליקלעכלאנד.

אויערן וואָרע פארנעמען, ווי ס'פאלט
מיט א געיאָמער אן עכא אין וואלד:
א דו מיין גליקעכלאנד.

פעברואַר 20

אַן אַנדערשקייט, לויט זיינע רייד — שיגאָען,
האָט שוין מיין טאַטע אין מיין יינגלשאַפט דערקענט.
און שרייבן פלעגט ער: וועסט מיין נאָמען בויען.
איך האָב די בריוו באַהאַלטן און אין שפּעטע שאָען
געלייענט און — פון שאַנד געביסן זיך די הענט.

נאָר ס'איז צו קאַרג געווען די דולקייט־דאָזע.
די ערלאַכקייט פון טאַטנס דווירעסדיקער באָרד
האָט מילד פאַרווייכט דעם זונס פאַרשפּיצטע האָזע
און האַרט געמאַכט אַקעגן לאָמער פּאָזע,
אַקעגן נישט געמיינטן נאָר באַקוועמען וואָרט.

זיי שרייען כ'בין פאַרשטעלט און טראָג אַ מאַסקע,
ווען כ'פריר פון נאַקעטקייט אין ווינט פון יעדן שלעכטס.
זיי זעען ליסטיקייט, ווען כ'טונקל אָדער בליאַסקע,
ווען כ'פּאַל אין יעדן שויטעם פלאַכער פּאַסטקע,
און קירץ די טעג מיר מיט דער דאַכטעניש פון נעכט.

כ'האָב נישט באַזיגט מיין אַנדערשדיקן פלאַטער,
ער אָטעמט אומרואיק אין וואָרט ביי מיר, אין ליד.
נאָר איך אַליין בין זיך אַליין אַ מאַטער —
גלייך ס'וואָלט אין מיר געברענט אַ קריג־טעאַטער,
וואו מיזראַך האַסט דעם מאַירעוו, צאָפן שלאָגט דעם זיד.

אַוועק צוויי דריטלעך לעבן. פּאָראויס — פאַרפרוירן,
ווי ס'איז דער דרויסנדיקער פיינטלעכער פּייזאַזש,
וואָס ווייסלט מיט פאַרקאָוועט־קאַלטע טרויערן.
ווען כ'וואָלט געקאָנט די צייט אין נישט פאַרמויערן —
אַ שאַרף־שטיין וואָלט מיין האַרץ געווען, און איך — קוראַזש.

פעברואַר 21

דריי שפּעטנאַכטיקע לייט אין אַ סאָבוויי־צוג,
און איך אַ פּערטער — דער זייטיקער קוש.

האָט איינער געשלעפּט זיך אויף קוליעס צוויי
אין אָנדענק פון שלאַכטן ביי קורטעניי.

אַ צווייטער, פאַרלוירן אין אַקעוויט־גליק,
האָט געשלוקערצט און געבענשט די רעפּובליק.

די דריטע — אַן אַלטע נעגערשע פרוי
ווען ווייס, וואָלט זי געווען בלאָנע־בלוי.

דריי גראָטעסקע לייט אין אַ סאָבוויי־צוג,
און איך אַ פּערטער — דער זייטיקער קוש.

איז דער געלימטער העלד פון קורטעניי
זיך פאַרגאַנגען בייז מיט קייך און געשריי:

גיט אַ דיים מיר אַהער, אַ ניקל כאָטש —
ברויט פאַר די קוליעס, נישט ראַי און נישט סקאַטש.

און שרייענדיק — שווער זיך אַראָפּגעלאָזט
ביי דער, וואָס געווען ווי שאָטן און פראָסט.

ווייל זיין קאָפּ איז געשטיגן מיט ברען און ברויז,
האָט ער איר געגעבן אומהעפלעך אַ שטויס.

האָט זי, די שוואַכע, פאַרשעמט און פאַרגאַפּט
איר שטים געהויבן מיט באַפרייטער קראַפט:

רעספּעקט פאַר דעם מענטש, די ווירדע היט אָפּ!
די מענטשנווירדע איז אַלץ, וואָס איך האָב.

האָט שוין נישט פאַרטראַגן דער פּאַטריאָט,
און שיקער געבראָמט מיט ווייַ און שפּאָט:

וואָס טוט זיך אין דעם לאַנד פון דזשעפערסאָן,
די קולטור וואו איז, און וואו ברודער־טאָן?

זיי האָבן געצערנט אַלץ הייסער, אַלץ מער,
און לאַנג שוין פאַרגעסן אי וואָס, אי ווער.

כאָטש ניכטער איך, מיט גאַנצע גלידער באַשטאַט,
לויט הויט און אויגן אַ נאָרדיק קימאַט —

האָב איך מיט ליב און לעבן טיף דערפילט,
אַז אויך איך געהער אַהער צו דעם בילד,

וואו ס'האָבן פאַרטיידיקט די העכסטע רעכט
אַ שיקער, אַ קאַליקע און אַ קנעכט.

עס איז געווען זייגער דריי פאַרטאָג,
ווען זאַכן פאַרלירן זייער מאָס און וואָג,

ווען נערוון געשפּיצטע קוקן דורך — דורך ווענט
און הערן פאַרשטאַנדיק פון ענד ביז ענד.

דריי פאַרגעסענע לייט אין אַ סאָבוויי־צוג,
און איך אַ פּערטער, דער זייטיקער קוק.

22 פעברואַר

הערט צו מיין זאָג, איר פעלקער פון דער ערד,
קומט, לאָמיר זיך אַ קוק טאָן אין די אויגן.
צי ווען אַנומלט איז אַרויס פון בויגן
אַ פייל און אונדז פאַרוואונדט — האָט איר געהערט?
איר זענט געווען אַ רייאַך, העכסטנס רויגן,
ווען ווי האָט גוירלדיק אויף אונדז געשווערט.
אַצונד — אייך שמעקט די וואונד. איר מערט און מערט
איר זאַלץ, איר ווייקט זי אויס אין זיבן לויגן.

אויף אונדזער קאָפּ פאַרזייט איר אייער שולד,
און וואַרפט אין אונדז דאָס בייז פון אייער זאָמען.
איך וואָלט געזאָגט מיט בלינדער אומגעדולד —
ווען כ׳וואָלט געווען פון אייער בלוט און נאָמען:
אַ זאָל מען קוועטשן שרעק פון אייך, צעדולט —
ווי וואַסער פון געשוואָלן־פולע שוואָמען.

נאָר כ׳בין נישט איר. עס קלינגט ראַוושאַקעס וואָרט
אין בלוט ביי מיר, און ס׳ווערט דאָס וואָרט נישט זויער.
איך וויל נישט שעלטן אייך. כ׳קוק צו מיט טרויער,
ווי איר פאַרגרייט פון אונדזערטוועגן — מאָרד.
איר גרייט פאַרשטאַנדיק. עלעהיי דער בויער
אַ שלאַכט־הויז, אַ מאַטראַז זיין הוליע־פּאָרט.
נאָר וואָס וועט איר זיך האָבן אָפּגעשפּאָרט?
בלויז מאָרד, איר דולע יעגער אויף דער לויער.

און איילט איר צו דעם טאָג פון אַ פאַרמעסט,
נישט איילט זיך מיט די צימבלען, פויקן, האַרפן.
דער ביבער האָט אַ הייל, די טויב — אַ נעסט,
מיר האָבן בלוט, וואָס קאָן דעם עמעס שאַרפן.
ס׳וועט סטאַיען אי פאַר אייער רויב אויף קעסט,
אי ס׳גאַנצע רויב־־ווערק אייערס צו פאַרסאַרפן.

פעברואַר 23

א שוין נישט ווייטע שטייט ערגעץ אויף אַ באַרג
די פּאַרשייטע יונגע העקסע
אין ברייט און הויך צעפּלאָשעטן קלייד
אָן אונטערהויזן.
אירע הוילע, זאַפּטיקע פּיס
קלייבן זיך אַ טרעט צו טאָן איבער אַלע דיכן אויף דער ערד.
די פּיס ווען זיגן.
אַלע דיכן ווען אָנהויבן קאָנוואולסירן, וויברירן
און באַשפּריצן מיט פאַרבן און רייכעם די ווענט פון דער וועלט.
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג —
זי וועט איינגעמען אַלץ און אַלעמען
די נאַקעטע מוידטשיסקע.

24 פעברואַר

באַלד צוויי צענדליק יאָר. קיין קונצן אַריפּמעטישע
קאָנען נישט באַרואיקן, אַנטפּלעקן דעם געדאַנק
ווי די צייט — אַ קאַצנשפּרונג, און ווי זי ציט זיך לאַנג.
ווייב און היים — נישט ווערטער פּראָסטע, נישט פּאַטעטישע,
נייערט בלוט און לייב, ווען ס'איז דער שוטפּעסדיקער גאַנג
באַלד צוויי צענדליק יאָר.
כ'וואָלט באַדאַרפט אַ שפּרוך, אַ נישט־באַנוצט געבעטעניש,
אַן שום ענלעכקייט צו רייד גערעדטע, אָן אַ קלאַנג,
אַז אויך די — דו זאָלסט דערפילן ס'גאַנצע רעטעניש
פון מיין לעבן. ס'האַרץ וועט זאָגן דיר, עס װ ו ע ט דיר שוין,
וויפיל גראַדיק ליכט דיין נאָמען מיינט, וויפיל דאַנק.
האָסט געזען מיין שלעכטס אָן שמינק, ווי קיינער זעט דאָך נישט,
האָסט מיר אַלץ פאַרגעבן — און עס דאַרף נישט טאָן דיר באַנג.
מיין גאַנץ וועזן וואַרעמט הײנט צו דיר: ס'אַרא רייך געשאַנק —
באַלד צוויי צענדליק יאָר.

אַ פּאָרטרעט פון מאַנטיטשעלי און אַ ניוד פון רענואַר.
דאָרט אַ זעל אַ קיל־און־העלע, דאָ פון לייב דער ראָזער צאַר.

אַלטע פרוי פון מאַנטיטשעלי, מיך פארפלייצט דיין קלאָרער בליק.
ביזט אויף לעבנס קאַרוסעליע אויך געווען אַזוי באַגליקט?

אָט אַזוי מיט ווייסער קלוגשאַפט אויף דער וועלט דיין גוטס
פאַרשווענדט —
אין אַ הערדישער געבוקטשאַפט און מיט פריד פון שטילע הענט?

אָדער צום פאָטעל געגאַנגען אונטער שמיץ פון רויטן קנוט
און דיין גאַנג האָט אָנגעפאַנגען רענואַרס צעגליטער ניוד?

יונגער צאַר פון ראָזע לענדן, לייבס מעסלעסיק לייב־געשריי —
הונגער־דאָרשט נישט אָפּצואווענדן, רוף פון איין־אַליין נאָך צוויי.

איין־אַליין איז מידבער טרוקן, איין־אַליין איז שוואַרצער פראָסט,
קראַמפּן איין זיך לענדן, צוקן, עפנען זיך פאַרשעמט, פאַרלאָזט.

נאָר ס'איז צווייקייט — לידיק שפינען, אויסגעבאַלעמטער נישטאָ,
קיין שום אויסלייז, קיין אַנטרינען, איין־אַליין ביז לעצטער שאָ.

מאַנטיטשעלים אַלטע ווייס עס און איר רו — איר העכסטער סכאַר,
ווייסן דאָס די לענדן הייסע אויף דעם ניוד פון רענואַר.

לעבן — אייביק ראַשער סטימול, לעבן — אָפּגעקילטער קוואַרץ.
מאַנטיטשעלי — באַרג פון הימל? רענואַר — די ערד, וואָס
שוואַרצט?

ס'איז מיין וועג און דיין אַזוינער. דורך דער פיבערדיקער לענד,
וואָס באַפאַלט אָפּט ווי אַ סוינע — צו דעם פריד פון בליק און הענט.

פעברואַר 26

ביי די טייכן פון ניו־יאָרק בין איך געזעסן,
גאָרנישט פאַרגעסן, זיך גאָרנישט דערמאָנט
און נישט געוויינט.
ווי פאַרשטיינט איז אַ ווערבע לעבן מיר געשטאַנען,
כ׳האָב זיך געכאַפּט צו דער האַרף, וואָס נישט פאַראַנען,
און זיך פאַרשעמט.
מיטאַמאָל איז אַ קאָל אַרויס פון דער ווערבע
און איך האָב פאַרנומען:
האָסט געגנוג געזאַנגען צעהאַנגען אויף די טורעמס אַרום,
אַריינגעפּלאָסטערט אין ברוק.
איצט קוק.
ערשט די צווייגן זענען געוואָרן פּענימער,
זיך שווייגיק געקליבן,
— און אויף איטלעכן פאַרשריבן אַ יאָר,
אויף איטלעכן אַ זיגל: כאָלעם — וואָר, כאָלעם — וואָר.
און די פּענימער האָבן געלוגט מיט צעעפנטע אויגן,
מיך געמאָסטן, געוואויגן מיט אַ באַדויערן.
נישט טרויערן — איך האָב זיך געשטאַרקט.
פאַרוואָר, זאָג איך, ווי פול מיט אומרו איז מיין זעל,
איז פול און העל געוועזן מיין באַגער.
און אויב געציילט ווערט געציילט צום יאָנטעוו פון ליכטיקער פּאָן,
וועט דאַרט אַ דערמאָן אויך מיר זיין געטיילט.
די פּענימער זענען נישט געוואָרן, די אויגן פאַרמאַכט,
ווי אַ זייל נאַכט — די ווערבע, פינצטער, פאַרשטיינט.
איך האָב נישט געוויינט.

פעברואַר 27

ליגט אויס די טעפּיכער
די זעלטנסטע, באַהעלטנסטע — דער זיגער גייט!
פאַרשפּרייט די ווייִרויך־כוואַליעס.
אַלע שפּיל־פּאַמאַליעס און געזאַנג־קאַפּאַליעס —
שפּילט טרילט טרעלט קוועלט פּויקט און עוג׳ט
דעם זיגער.
גיכער ברענגט די ביכער.
פאַרשרייבט די ריזנטאַטן, גייסט־קאַראַטן, היפּער־סופּער־קוואַליטאַטן
פון זונסיסטעמישן, קימאַטאַלבעמישן אויבער־אויבער־
פירער.
דיכטער, קריטיקער, פאַרשרייבער,
ווערטער־זוכער, זילבן־קלייבער:
שלייפט די טאַלאַנטן, שנעל ווערט גענייאַנטן פאַר דעם
אויבער־פירער.

האַר פון האַרן, העלד איבער העלדן,
זערע געבענטשטע פון גאַנצן מענטשטום —
אונדזער בראַך די שווערע טוען מיר איצט דיר מעלדן.
עס פעלן שוין קלאַנגען
צו מייסטערן די גילדערנע שטאַנגען פון דיין נאָמען.
נישטאָ — אָ שאָ אָ ליליפּוטישע
האָט געהויערט איבער די פּלוטישע ווערטערבוך־זאַמלער.
אַ אידיאָטן, אַ שטאַמלער, פּינצטערע קראָטן,
האָבן נישט פּאַראויסגעזען דיין קומען —
כאָטש נעם און רייס די צונג מיטן גומען.

דער זיגער האָט געשוויגן
און זיין שווייגן האָט געגרימט עפּאָכאַל,

זיין שווייגן האָט געקרימט אַזוי פּאַטאַל,
אַז ביי אַלע כּאַרטומים און טומטומים
האָט קוידעם אין קאָפּ געטאָן אַ קנאַל,
דערנאָך זענען די בלוטן געוואָרן אייז.
דער זיגער האָט אַלץ געשוויגן.
ווען פון שרעק איז ס׳לעצטע אויפּעלע אין מאַמעס שויס
שוין געוואָרן ווייס און גרייז,
האָט אַ טומטומל אַ קליינס און אַ שיינס,
נאָר אַביסל פּליכעוואַטע און מיט אויגעלאַך בלאַטע
דעם האַר אַריינגעשושקעט אין אויער
וואָס היינריך היינע האָט געזאָגט וועגן הינט
מיט מיילער פאַרמאַכט.
אַ ווײַלע האָט דער זיגער געטראַכט:
איז וואויל? איז וואויל? — וואויל!
און באַלד האָט געשאַלט אַ באַפּויל —
מוילשלאָס אויף יעדן מויל!
און — געשווינדער פון געשווינד
האָבן די דיכטער, קריטיקער, פאַרשרייבער,
אַלע מענער, קינדער, ווייבער,
זיך אויפגעפירט פּונקט ווי היינעס הינט.

דער זיגער — צופרידן, מען קען זאָגן גליקלאַך,
ברייט צעפּנט די נאָז און געוואָרן היבש דיקלאַך.

דערום האָט לאַנג צוריק געזאָגט (שוין זייער, זייער לאַנג)
דער סומנער דיכטער־פילאָזאָף פון כינע לעק־לונג־פאַנג:
שטאַרבן קאָן שטאַרבן דער זיגער פון אַלץ נאָר נישט פון געשטאַנק.

אוי האָט פּאַביוס לינד פֿיינט דאָס וואָרט.
אוי וויל ער דאָס אויף די ליפּן נישט ברענגען.
פּאַסט דאָס פֿאַר אים ?
כאַראַקטעריזירט. נישט טראַכטן. הער אויף טראַכטן !
נאָר אַנשטאָט זיך צו נורן אין דער ווארעמקייט
פֿון אייגענעם לייב און געטרייען בעט,
שטאָט צו זופּן דעם גוטן מעד פֿון נאָך־נישט־שלאָף און שוין־נישט־וואַך,
שטייט ער נאָר אין די פּאַדזשאַמעס פֿאַרן שפּיגל,
און פֿון דאָרטן — ער איז מעשוגע, פּאַביוס לינד. קוק־קוק :

וואַרפעניש און אויפגעריסענע אויגן אויף דער אונטערשטער צווייג.
האָרך.
האָרך — מען שאַרט זיך טאַקע ?
זיי זענען מיינע, מיינע,
די דריי זי־ס און איינע וואָס וואַקסט ערשט אונטער.
נישט דערלעבן אייך צוצוקומען צו די אויבערשטע צווייגן.
איך בין דאָ.
מיין פּויסט איז דאָ.
נישט דערלעבן.

שלאָפלאָזע נעכט אויף דער אונטערשטער צווייג.
דעם גרויסן שטאַרקן אָף פּלאָנטערן זיך מוטנע זיכרוינעס.
ווי ער אַליין האָט מיט אַ פּאַרטאַיעטן אָטעם
געשאַרט זיך דורך די בושעס, אין די גראָזן,
געדראַפּעט זיך פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך.
בלויז נאָר איין קליין שפּרונגעלע און —
פֿלוצלינג בליץ. דונער. בליץ. בליץ. בליץ.
דערנאָך כווישעך. או־או כווישעך.
ווען ער האָט געעפֿנט די אויגן,
איז אין אים קיין גאַנצערביין נישט געווען.

יעדער קער ווייז־ווייז־וויי. פּייער.
ער איז געלעגן. געלעגן. געלעגן.
שפּעטער האָט ער פאַרט געקראָגן איינע.
שפּעטער נאָך.
און אַזוי האָט ער געבויט זיין באַוואָרעניש אויף דער
אונטערשטער צווייג.

דער שווערער שוואַרצער גוף פאַרמאַכט די אויגן.
איינדרימלען. פּרוּוון איינדרימלען. עפּשער וועט היינט פאַרט
קיינער נישט קומען.
מאַכשאָווועס שאַרפע, האַרטע, ווי די שטיינער דאָרט ביים טייך,
קוועטשן דעם דרימל.
וואָס לאָזן זיי אויבן זיך כאַפּן אַזוי גרינג?
וואָס שטעלן זיי זיך גאָרנישט אַנטקעגן?
די נאַכט קלאַפּט אין דעם ערעוו־שלאָף מיט אַ גאַנצן וואַלד פּויסטן:
וועסט נישט איינהיטן. נישט איינהיטן. נישט.
ווער שאַרט זיך דאָרט?
ווערער שאַררט זיך דאָררט?

פּאַביום לינד איז מעשוגע אויף טויט.

מיינע לידער

1

מיינע לידער קאַלטע זענען
און פון זיי מיט ווייטקייט בלאָזט.
האָט קיינער ניט געהערט פון קאַלטן ברענען,
ניט געלעקט דעם פלאַם פון פראָסט?
מיינע לידער האַרטע זענען
שטייפער, פעלזיקער מאַרשרוט.
קאָן קיינער ניט אין האַרטן פעלז דערקענען
קיל פאַרטאַיעט לאַוואַ-בלוט?

2

כ׳בין ווייט. אַן אומגעצאַמטע לאַנדשאַפט,
אַריבער ווייטסטן ברעג פון האָריזאָנט,
פאַרפלייצט די שטימען פון פאַרוואַנדשאַפט,
און ציט צו זיך דורך צאַם, וואָס היימיש מאָנט.

און פראָסט, און פעלז, און האַרטקייט גאָרע,
זיי זענען דאָ נאָר דאָרט, וואו גליאיק ליכט
האָט וואָר געבייטשט מיט ריטער קלאָרע
און זיך אַליין פאַרהוילן — שיכט אויף שיכט.

איך נאַר זיך ניט מיט קיינעמס ליבע,
און איך אַליין — קיין סאַרוועך פון געפיל.
בין מויכל ס׳טרינק-געלט. טרערן, פיבער —
פאַרדינט ניט ס׳גאַנצע מענטש-און-לעבן שפּיל.

דער האָס איז שטאַרקער ווי די פֿריינטשאַפֿט,
און ס'ביסל גוטסקייט — עט, אַ הינדל פֿליט.
און אויב איך סאָם זיך ניט מיט פֿיינטשאַפֿט,
איז נאָר ווייל מיטלייד ביי דער פֿאַלע ציט.

צו זיך, צו אַלעמען. צו יענע,
וואָס גליקלעך — און צו אומגליקלעכע אויך.
צום פֿייגער און צו דער היענע,
צום קאָפּ, צום האַרץ, צום רירנד־טעמפּן בויך.

נאָר מיטלייד, זאָל עס דער צעטרענצלען —
אין זילבעדיקע ווערטער, פּונקט צום טאַקט,
ווער ס'קאָן ביים טויטנקאַסטן טענצלען,
און אויספּוצן דעם ראַנד פֿון אָפּגרונט וואַגט.

וואָס אַלע ווילן — אַלע ק אָ נ ע ן,
און וואָס איך וויל, דאָס קאָן נאָר איך אַליין.
ווער ס'זעט אַסאַך און הערט אויף מאָנען —
פֿאַר אים אַ קלייד פֿון אייז און קלאַנג פֿון שטיין.

מאָטן

זיי קלאַפּן שטאַרקער היינט באַנאַכט, די מאָטן,
זיי שטורעמען די דראָט-נעץ שיכט נאָך שיכט.
פון אַלע נאַכטיק-אומבאַשטימטע גראָטן —
צו מיר אין פענצטער, צום באַשטימטן ליכט.
געקלאַפּ פון ווייכע קערפּערלעך אָן דראָטן,
געדראַנג און פאַל — צוריק אַריין אין שאָטן,
געזאַנג פון זיג, וואָס קומט ווי אומגעריכט.

דורך יעדן שפּאַלט, דורך איטלעכער שפּאַרונע
דרינגט דורך די אומבאַזיגבאַרע אַרמיי.
און אַלע רייסן, שפּאַרן זיך מעשונע,
ווי ס'וואָלט געיאָגט זיי זייער סאַרם געשריי:
פליט, פליט, און טרינקט פון יענער שטראַלן-ברונע,
פליט, פליט, און שטאַרבט אין יענער בלענדן-טרונע...
באַלד ווערט מיין ליכטיק צימער פול מיט זיי.

וואו איז מיין לאָמפּ? זי איז אַ קאַרוסעליע.
איר יעדער פאָדים העלקייט איז אַ שטאַנג,
וואָס טרייבט אַ דולע, שיקערע קאַפּעליע
אַרום, אַרום אין שיקער-דולן דראַנג.
בלויז איינער טאַנצט נישט. אין זיין ברוינער דעליע
באַזעצט ער קאָפּ-אַראָפּ זיך אויף דער סטעליע —
אינסעקטן-קוניץ, וואָס פלעפט ראַק מיין געדאַנק.

ער הענגט אַ וויל, דאַן ווערט עס אים דערעסן,
און באַץ! אַראָפּ מיט קלאַפּ שוין אויף אַ וואַנט.
קלאַפּ-קלאַפּ. (וואו נעמט ער קראַפט? פון קאַלעך-עסן?)

און אַט איז נאָך אַ דעזערטיר אין לאַנד:
אַ זאַך פון לופט און פאַרב, אַ מין פרינצעסן,
וואָס קוק און ריר נישט, אָפּגערעדט פון פרעסן.
זי ווערט-נישט ביי דעם מינדסטן הויב פון האַנט.

איך קוק, באַטראַכט. נישט מיינס דאָס צימער.
די מאָטן האָבן עס פאַרנומען אומפאַרשעמט.
נישט זיי, נאָר איך — דער שטאָלצער אייגנטימער,
בין איצט דאָ איבעריק, בין איצט דאָ פרעמד.
און נייע מאַכנעס ציען זיך צום שימער,
און נייע רויבער קלאַפּן אין געגלימער —
אויף דראָט, אויף ווענט, צו מיר אריין אין העמד.

כ׳ווער בייז. כ׳בין גרייט אויף זיי זיך צו פאַרמעסטן,
און זיי פאַרטיליקן אויף אָרט און שטעל.
נאָר ס׳בלייבן הענגען אַלע הינריכט-זשעסטן.
די האַנט פאַלגט נישט דעם קאָפּ׳ס באַפעל.
אַ וואָס ווייס איך פון מינדסטן — און פון גרעסטן,
און ווי קום איך אַ לעבנס-לענג צו מעסטן?
פאַרוואָס פאַר מיר און נישט פאַר ז י י — דאָס העל?

אַ ברוינימלעך מיט גרויסע, זשעדנע אויגן
און צאַרטע פליגעלעך, קאָלזמאָן עס שיינט,
קאָנט איר מיט אייער צאָל מיך איבערוועגן,
קאָן אייערס זיין — דער מאָרגן ווי דער היינט.
כ׳וועל אויסלעשן, צום מוז דעם רוקן בויגן...
צעפליט אייך, כעווירע, מער קיין ליכט צו זויגן,
און לאָמיך מיט דער וועלט פאַרבלייבן פריינט.

„אַ מיטלייד"

איך האָב געזען אַ קעלבעלע, אַ ביקל,
אַ האַלבע וואָך, צי מער, נאָך זיין געבוירן.
אַ מענטש האָט עס פֿאַרבונדן אויף אַ שטריקל,
בלויז זיין געוויין געגרייכט האָט מאַמעס אויערן.
דער מענטש האָט זיך דעם קעלבלס מילך גענומען,
און זון און מאַמע סייכלדיק אין שטאַל צעשיידט.
די מאַמע האָט נישט אויפגעהערט צו ברומען.
דער זון האָט גאָרנישט סייכלדיק זיין קלאָג געשפּרייט.
דער שטאַל איז פול געוועזן מיט יאָמערדיקן הילך.
„אַ מיטלייד, האָט דער מענטש געזאָגט, דאָס האַרץ צעגייט.
וואָס זאָל מען אָבער טאָן? מיר דאַרפֿן האָבן מילך".

איך האָב געזען דעמזעלבן ביקלס ברודער
פֿאַרבונדן מיט אַ קייט אויף פֿעלד זיך פּאַשן.
„אַ שטאַרקער כעוורעמאַן, קוקט אָן זיין רודער,
עס גלוסט זיך אים שוין איצט אַ קו צו נאַשן".
ער האָט געלאַכט, דער מענטש. „אַביסל שפּעטער
וועט ער אַ וואוילער מאַן זיין צו די זיבן קי,
און ברענגען קעלבער איינס פֿון צווייטן פֿעטער,
און מילך וועט זיין לערהוו, און שמאַנט אי שפּעט אי פֿרי".
„און דאַן"? „צום קאַצעוו אים. ער ווערט צו שטאַרק, צו בייז.
אַ מיטלייד, אוי אַ מיטלייד, כאָטש ס'אַ שטומע פֿי.
וואָס זאָל מען אָבער טאָן? מיר דאַרפֿן האָבן פֿלייש".

פֿון שטאַל אין פֿעלד, פֿון פֿעלד צו זיך אין שפּיגל.
כ'האָב דאָרט געזען אַ מענטש ביים אָנהויב וויאַנען,
און איבער אים אַ האַנט, אַ גרויער זיגל,
און ער אַליין האָט גאָרנישט נישט פֿאַרשטאַנען . . .
פֿאַרוואָס? און ווען? — אָט קינד און אָט — סאַכהאַקל.
ווער פֿירט דעם כעשבן, מעסט די הייך און טיף?
וואָס פֿעלשט נישט קיינער אין אָט־דעם אָראַקל?
„אַ מיטלייד", האָט דער מענטש געזאָגט נאַאיוו,
אַ מיטלייד — — — — — — — — — — — — —

צוויי טעג

קומען צוויי יונגע, הונגעריקע טעג
צו דעם קאַלטן הענקערס ווייב,
און בעטן:
„באַבעשי צייט, לאָז לעבן".
„צו וואָס, קינדערלעך?
אַלע מוזן גיין דורך מיין זיפּ,
און זי, כע־כע, האָט נאָך קיינעם נישט פאַרהאַלטן".
„האָבן מיר נאָך נישט געמאָלדן:
מיר זענען דער דינסטיק און מיטוואָך פון טריסטאַם
און איזאָלדן".
„אַהאַ — דאָס באַליבטע מענטשלעכע שפּיל.
נאָר איר פאַרלאַנגט צופיל.
איך קאָן בלויז לאָזן אייערע נעמען געדענקען,
מער שענקען — טאָר איך קיינעם נישט".

געווען אַ ביטערער דינסטיק, זאָגט טריסטאַם.
דו ביזט נישט געקומען צו מיר,
און האָב איך דיך גערופן אויפן טעלעפאָן,
האָט דער גאַנצער קויאָך פון עלעקטרישן שטראָם
נישט געקאָנט אָנפילן די ליידיקייט פון דיין שטים.
אַ גרויער, שווערער דינסטיק, איזאָלדע.
דער באַלקן איז צום דיל געפאַלן
און צעדריקט מיך, ווי אַ באַלעם.
דערפאַר דער מיטוואָך, זאָגט איזאָלדע.

יאָ, דער מיטוואָך, זאָגט טריסטאַם.
מיטוואָך זענען אַוועק אַלע גרענעצן זעקס,
און ס'האָבן געבלענדט לאַנען פֿון ווייסקייט
און גליקלעך האָט געברענט אַ זילבערנע גאַס.
מיטוואָך האָט צווייט פֿון אַנטפּלעקונג
געבליט אויף טייך פֿון עקסטאַז.

טעג זענען אַזוי פֿאַרשידן, טריסטאַם.
מיר מוזן זיך טוליען צוביידע, איזאָלדע.
קאָן דער מיטוואָך נישט זיין אָן דעם דינסטיק, טריסטאַם?
ביידע זענען אונזערע טעג, איזאָלדע.

שטימען אין דער נאַכט

לידער

אין האַרץ איז אויפגעגאַנגען אַ טרויעריק, צאַרט געוועב
פון ווייטיקדיקע פלאַנצן-ציינגלעך.
(אָרכידייען מיט אויסטערלישע פאַרבן אין געצירטע
אראַנזשערייען?
וואַסער-ליליען אין ווייט-לענדישע באָכן?)
אַלץ ווייל אַנאַ מאַרגאַלין האָט מיך היינט געטראָפן
און געפרעגט:
„שרייבט איר עפּעס פיינע לידער,
איר זענט דאָך אַזוי פּראָדוקטיוו?"
יאָ. אין האַרץ האָט אויפגעברענט אַ וואונדיקער דאַרשט,
אַ ברי און אַ צערייצטקייט,
וואָס וויל ניט אָפּלאָזן.
אַלץ פון דער אַזוי-זיך דערמאָנונג —
לידער.

„געפין דעם וועג דעם פאַשטעס־ברייטן,
און לייג אויף אים דאָס האַרץ דיינס אויס.
דער קלאַל וויל הערן זיינע נויטן,
זיין פרייד דורך גאָלדענע טרומייטן,
טאָ זינג, און זינג פאָראויס!
ניט איצט די צייט צו טאָקן, שניצן,
יעכידיש שפּילן דינסטן טאָן.
דער קלאַל וויל הערן ווערטער — בליצן,
וואָס זאָלן פייערדיק זיך קריצן
אי אויפן האַרץ אי אויף דער פאָן“.

כ׳וויל אויך אַמאָל פאַר מיינע לידער
דעם קלונג און שוואונג פון האַמער־שלאָג.
און ווען עס שטרייטן הויך מיט נידער,
וויל אויך דער וואָרט־ און קלאַנגען־שמידער
ניט זיין ווי ס׳צינגל אויף דער וואָג.
נאָר כ׳בין קיין דראָט־גייער אויף טעמען.
זאָל ס׳וואָרט צום קלאַל זיך טאָן אַ שפּאַר,
וועל איך ניט צאַמען אים, ניט קלעמען.
כ׳וועל הייסן ברענען אים, ווי זשאַר.
דערווייל זאָל ס׳ליד מיינס דער פאַרנעמען
ווער ס׳וויל אַ ליד. ס׳פרעגט נישט פאַר ועמען.
מיין ליד — ס׳איז שטענדיק צייט דערפאַר.

מאָשיאַד אין קיך

צו שרייבן לידער באַנאַכט אין קיך.
צו זען זעאונגען אין קיך באַנאַכט.
(פון אַלע צימערן דאָס היימישסטע די קיך,
פון אַלע שאָען די ליבסטע באַנאַכט).

וועלט-לערער, בראַמין, אדיאר, אינדיע.

אויף דער עסטראַדע —
אַ ציוויליזירטע זקיינע אין ווייסן געקליידט,
רעדט אַ פּראַכטפולן ענגליש וועגן אַ יונגן גאָט.
איר קאָפּ האָר — פרישע ליכטיקע בליאונג
איבער אַלטע וואָרצלען, וואָס זייער היים איז די ערד.
און זי רעדט:
קומען קומט דער נייער וועלט-לערער,
גייט נאָך אים — ער וועט אייך אויסלייזן.

איך ווייס ניט ווער ס'וועט קומען,
און צי וועט ווער ווען עס איז קומען.
נאָר אין אַ קומען גלויב איך.
וועלט-לערער —
צערטלען וועל איך צערטלען דיינע קלאַנגען.

קומען קומט.
צערטלען וועל איך צערטלען —
מיט פרייד נעם איך אויף אַלע באַנייטע פאַרבן,
היימיש-פרישע אָרנאַמענטן
וואָס יהואָש'ס חומש-איבערזעצונג
מאָלט-צו אויף דער יונגער גרייטער וואזע
פון אונזער שפּראַך.
געזונטער געמיש פון בעסטן, נאָכגיביקסטן ליים
וואָס מיזרעך און מאַריוו זענען ביידע זיין היים.
געדאַנק-בילדער אין פאַרביקסטן שפּיל
פון אזוי פיל צייטן.
דעם מייסטערס פינגער אויף אָט דעם ליים —
פריידיקע שטראַלן,
וואָס זינגען דאָס געזאַנג פון ערשטער שאַפונג.
דערמאָנען וועל איך אייך דערמאָנען,
מיט באַוואונדערונג דערמאָנען,
יהואָש.

אַ גוטע נאַכט

שטילע, שפּעטע שאָ פון נאַכט
וויפיל קלאָרקייט לויכט פון דיינע טונקלקייטן.
דו גלויבסט מיר.
און וואונדערסט זיך מיט מיר אינאיינעם,
וואָס די שאָמרים פון מיין וואָרער געשטאַלט
צעפאַלן זיך, שלעפעריק, שלאָפע,
ביי מיינע טאָגיקע שוועלן.

גוטע, שפּעטע שאָ,
רעדסט צו מיר אָן ווערטער,
און דער עמעס מאָנט ביי מיר פריי און אָפנהאַרציק,
ווי דער טויט,
אומשולדיק, ווי דעם טויטס צעטומלט קינד —
דאָס לעבן.
שלאָפע, טאָגיקע וועכטער,
ניט פאַרמיידט כאָטש פונאַנדערצעטראָגן דאָס וואָרט
פון אָט דער לויטערער שאָ:
פריד צו אַלע. אַ גוטע נאַכט.

טעג

טעג לויטערע, ליכטיקע —
פילפינקלדיקע.
קרישטאָל גאָלדבאַזוימטער, זילבערצעשוימטער.
טעג —
דורכזיכטיקע קליאָשן
אָנגעפילט מיט ריינסטן וואַסער.
זאַרגלאָזע, פרייִלעכע גאָלד־פישלעך
שווימען אין דער דורכזיכט
פאַרטרוילעך, פאַרשטענדלעך און זיכער.

און מיטאַמאָל אַ טאָג
(פונוואַנען, פונוואַנען?)
און מיטאַמאָל אַ טאָג —
אַן אַכזערם האַנט, רוי און שווער,
וואָס גיט אַ זעץ מיט בלינדן, בייזן כּעס
אין דעם ליכטיקן זיכער.

די דורכזיכטיקע קליאָשן — צעקריפּלט,
די גאָלדענע פישלעך — צעשראָקן, שלאַקרירק,
פאַלן אויף זייערע פלאַכע זייטן מיט צעעפנטע פיסקלעך,
הויכן אוים זייערע רעגעם פרייד.

מוטנע און טונקל.
טונקל און שווער.
שווער און נוצלאָז ווי אַ צעקרימטע, פאַרזשאַווערטע זעג —
טעג.

אַן אַקאָרד

פעגימער צופעליק ערגעץ געזעענע,
פרויענגעזיכטער אין סאָבוויי, אין גאַס —
פריידיק, ווי עכאָס פון ניסים געשעענע,
וואונדיק, ווי רוף פון באַגערטן עקסטאַז,
טוט איר אַ זענג מיך — און ווייסט איר, אָ זעלטענע,
ווייסט איר ווי לאַנג ס'וועט אייער בליק צי פּראָפיל
נאָכגיין מיר, מאָנען אין באַנגער באַהעלטעניש,
גלייך כ'וואָלט פאַרשאַכערט אַ הערלעכן ציל?

אונזער געסל

נודנע-שטיל אין אונזער היימיש געסל.
ס'הילכט שוין, ווען אַ נאָז באַקומט אַמאָל אַ שנעל.
שטיל, ווי אַ פאַרגעסענער בעסוילעם
אונטער בראַזג פון שנעלן, רעוונדיקן על.

אין דער שטילקייט ווערן זקיינים מוטיק,
קריכן פון דעם פיעקעליק: „מיר לעבן נאָך“
ציטערט נעביך זייער שטים פאַרצייטיק,
ווי אַ קוטשער׳ס בייטשל אין ניו־יאָרקער קאָך.

רירנד — טעניסאַנישע צילינדערס
מיט די פערד און בריטשקעס ביי דעם סענטראַל-פּאַרק.
קאַמיש-רירנד אונזערע אַרכאַיער,
ווען זיי הענדלען זיך אינמיטן שטילן מאַרק.

און די שטילקייט וויקלט, עסט דאָס געסל.
אויך מיין נאָנטער כאַוועד איז שוין מיד און שווער.
ס'שויבערט זיך דער קאָפּ דער בלאָנדער זיינער
נישט מיט קלאָלעס און מילכאָמע-רופן מער.

איז נישטאָ ווער ס'זאָל די טעראַכס יאָגן
אין דער קלאַסישער באַמאָכטער רו אַריין.
זוערט, פוילט אַ שאָלעם אין דעם מאָקעם:
בלאָטע צווישן כורוועס; שעקערס טוכלער וויין.

און ביים ראַנד פון דעם פריטשמעליעט געסל
שטייט אַן אַלטע הור און שפּעט, און מאַכט ס'געניאַר.
ווינקט מיט לעצט-געפאַרבטע גרויע פּאַסמעס,
דרייט זיך אויפן קאָרעק, ניוועט: פּראָלעטאַר...

צו אַ קאַלעגע אַ ראַשע

דיין רישעס אָרט מיך ניט.
דאָס פייער, וואָס דו ווילסט מיר אונטערלייגן,
ברענט קוידעמקאָל דיין אייגן הארץ.
די וואונד
וועט סאַמען דיך ביזן לעצט פון דיינע טעג.
ביזטו קיינמאָל נישט אַליין מיט דיין הוילקייט?
און איז אויף דיינע ווענט קיין פיצל שפיגל נישט פאַראַן,
טאָ קוק אין מיינע אויגן.
דו זעסט קיין פרייד דאָרט נישט,
כאָטש איך זע, ווי דו כאַפּסט זיך פאַרן הארץ.

מיך צערנט דיין שוואַכקייט.
איך פאַרגין דיר נישט מיין ראַכמאָנעס.
ווען גראָז שפיגלט זיך אין מיינע שיך,
און ציכטיקייט גרינט יונג אויף די קעפּ פוןביימער,
וויל איך נישט געמיעסט ווערן פון דעם איבעריקן לאַמענט:
אָרימער, אָרימער ראַשע.

זומער

פיר מענטשן קאָנען קוים
אַרומנעמען דעם גוף פון אָט דעם בוים.
דאָס אויג אין דעם פאַררים‌ענעם קאָפּ
מוז קוקן לאַנג אַרויף צו זען די לעצטע שמעראַלדן פון
זיין קרוין —

די גרינע, דינע שריפט,
מיט וועלכער די ערד פאַרשרייבט איר גלויבן
אין דעם בלויען בוך פון הימל.
אַ בוים
וואָס שטייט זיכער אויף דער האַנט פון ברייטן,
גאָלדענעם גיבער זומער,
און אָטעמט רו, גרינע ראַכוועס, קלוג־שמייכלענדיקן ביטאָכן
אויף מיין צעקראַכן־שווייסיק טומלעניש.

קום, שוועסטערל, פיצעלע מוראַשקע,
קום, האַונדיק האַרעווענדיק קינד פון דער ערדס גרינעכצן.
לאָמיר זיך אַ ווייל באַרוען.
אויף דער האַנט, וואָס האַלט אַזאַ בוים
פון אונז ביזן הימל
קאָן מען זיך פאַרלאָזן.
מיט איר צוקאָפּנס קאָנען מיר זיך פאַרגינען אַפילו צו כאַפּן
דעם לאַנגן, לאַנגן דרימל.

ביימער

דער פּאַרק שטאַרבט אָפּ.
איבער יעדן גרינעם קאָפּ
בלאָנדזשעט פרעגנדיק מיין אויג.

איך האָב ניט מוירע פאַר טויט.
נאָר פול באַלאָדן מיט שרעק איז מיין יעדער טאָג
פאַר דער פּילפּאַך-געקאָוועטער וואָג פון לעבן.
יעדע נאַכט וויים איך ניט,
וואָס איך וועל טאָן מיטן מאָרגן,
יעדע נאַכט ווערט מיין מויאַך געוואָרגן פון דער קלאָג:
דיין היינט איז געוועזן אַ שילטעניש אין מויל,
און אַ צעקרימעניש, און אַ פאַרלוירעניש.

דער פּאַרק שטאַרבט אָפּ.
גיט מיר פון אייער רו,
אָ, צווייגנדיקע ברידער.
גיט מיר פון אייער כאַכמע,
איר שטייגנדיקע געדולדיקע שווייגער.

טרעטן־צעטרעט

. . . די גאַליקע וואָר איז געפאַלן אונטערן מעסער
פון מיין כאָלעם.
דער כאָלעם אָן וואָר האָט געזשיפּעט אַ רעגע,
און אָפּגעצאַנקט.
כאָלעמלאָז, וואָרלאָז
וועל איך איצט אַרויס אין גאַס
און וואַרפן אויפן ברוק די פאַרביקע העלקייטן
פון דעם פאַרשפּעטיקטן אינגל אין מיר,
די אייליקע פלאַמען פון באַוואונדער און גלויבן,
די שטעכיקע שאָען האַרן־האַרן אויף דעם,
וואָס וועט נישט, וויל נישט געשען.
און ביי די ערשטע פּאָר פּיס, וואָס וועלן קומען צו קלאַפּן,
וועל איך בעטן:
טרעטן — צעטרעט אָט־די מיסטיקע קופּע.

אַ באַגעגעניש

אַ צוויי מינוט האָבן מיר זיך אָנגעקוקט
אין נייגעריקער שווייגעניש.
ווען די העפלעכקייט האָט מיך אַ טאָרע געטאָן ביים אַקסל,
האָב איך זיך פאַרגעשטעלט:
אַ מענטש, די קרוין פון באַשאַף.
דער גראָזנהאָפּסער
איז נישט ניספּאָעל געוואָרן
און ווייטער געקוקט מיט פאָרזיכטיקע, גלימערדיקע אויגן.
אפילע ווען איך האָב אים מיט שטאָלץ געוויזן דעם עראָפּלאַן,
וואָס האָט פונקט דעמאָלט פאַרבייגעזשווישעט
איבער אונז ביידן,
האָט ער נישט פאַרלוירן די ווירדע.
אַ באַליידיקטער האָב איך שוין אָן צערעמאָניעס
גענומען אים אויף מיינע אויגן
און באַטראַכט זיינע פיין־געשניצטע רויטע פּיס,
די שטאַרקע פליגל,
די העכסט־מענלעכע וואָנצעס.
מיין כוצפּע איז דעם קינצלער פון גראָז גאָרנישט געפעלן.
מיט אויבנאָראָפּיקער גלייכגילט
האָט ער אויסגעדרייט צו מיר זיין זייער באַכיינט הינטענדל
און האָפּס־האָפּס
אוועק —
אַ סאַך שענער, עלעגאַנטער, זיכערער,
ווי מיין עראָפּלאַן.

ווען איך וועל לעבן נאָך הונדערט יאָר,
וועל איך שוין מיסטאָמע האָבן די נויטיקע מאַשין צו הערן
זיין אור־, מיליאָנמאָל אור־אור־אייניקלס
פאַרניכטנדיק געלעכטער.

עפּיטאַף

דער דאָ אונטן
האָט זיין קריגל שלעכטס צעגאָסן אָפן לינקס און רעכטס
און זיין קריגל גוטס, נישט טראַכטנדיק פון נוץ,
געשטעלט ביי טיר און פענצטער,
ווי מילכלייט מילך — אין דעם גאַנעווס שטונדן.
ווען ס'האָט אים אַ רוף געטאָן זיין צייט,
איז ער געווען באַפרייט פון ביידע לאַסטן.
זיין גאַנג צום ליימענעם, צום לעצטן טויער
איז געווען אַ שמייכל,
וואָס האָט געזילבערט מיט קלוגן טרויער און געדולד.

הויל און פריי

לאָמיר שפּילן —
קאָפּ צי אָדלער?
אויב קאָפּ, האָב איך פאַרלוירן אינגאַנצן.
לאָמיר שפּילן.
איך האָב פאַרלוירן אינגאַנצן.

נישט זאָטלט די פערד, מיינע קנעכט.
שיקט נישט קיין שטאַפעטן צו די דינער
אין קרישטאָלענעם פּאַלאַץ.
איך וועל נישט קומען.
דאָ וועל איך בלייבן און זיך נישט רירן —
פריי און הויל און מיט געשלאָסענעם מויל.
יאָ, יאָ, ברידער פריינט און ברידער פיינט,
מיין רעגנבויגן-שלאָס איז מער נישטאָ.

כ'האָב אים אויסגעוואַכט און אויסגענאַכט
כ'האָב אים אויסבאַגערט און אויסגעקלערט,
און אים פאַרשפּילט אין אַ גרויסער ווייל —
צו זיין הויל און פריי.

רויך

די פייערדיקע זייל אַ ווייטע ערגיץ שטייט,
און עפּשער וואָרט דאָס וואָרע ליכט אי גרייט, אי פריינטלאַך.

נאָר נאָענט איז די זייל פון רויך. זי היט,
באַגלייט, און גייט געטריי נאָך מיינע טריט פון שטענדיק.

אָפט טרעפט: ס׳לעבט אויף דער פורעם פון אַ זאַך,
און שלעפעריקער דוימעם הייבט אָן וואַך צו רעדן.

כ׳קוק דורך ביז טיפסטע גרונטן די געשטאַלט
פון יעדן מענטש, אַז אָט דערקען איך באַלד זיין עמעס.

איך זע די פרוי אין פּאַשטעס, ווי זי איז,
אָן בעטאַריטשע-קרוין, וואָס מיין קאַפּריז באַוויליגט.

איך הער ס׳וויברירן פון דעם ערשטן וואָרט
און ניי באַזין איך יעדן דאָ-און-דאָרט מיט בסורעס.

נאָר איידער כ׳פאַנג נאָך רעכט די גרויסע וויל
יאָגט אָן די פאַלשע, רויכערדיקע זייל איר נעפּל.

וואָס ערשט געווען אַ יונג, פריש מאַרגנלאַנד,
פאַלט מאירעוודיק — נאָך שאָטנדיקער שפּאַנט דער קלוימערשט.

קאַלטע נאַכט

פּאַראַן אַ געבוירן אַזאַס,
וואָס איז רויווינטיקער, ווי אַ באַלויכטענע גאַס
אינמיטן מערץ.
פּאַראַן אַ געבוירן אַזאַס,
וואָס איז אומפאַרשטענדליכער ווי דער קאָס
פון אַ פאַרשפּעטיקטן ווינטער
מיט זיין אויסערצייט,
אויסערפּלאַץ,
אויסעראַנשטענדיקייט.

און דאָס געבוירן האָט אַ נאָמען: איך,
און בירגער איך איז אַ פאַרהאַקטער שלאָס.
פלינקע לייט ווילן צו אים צופּאַסן אַ פלינקן שליסל,
אָבער אַליין איז ער שוין לאַנג אָן אויפדריי.

און בירגער איך
האָט זיך שוין עטלעכע-און-פערציק מאָל געדרייט אַרום
דער זון.
טאָקע די טעג איז געוואָרן רונד אַ פולער כעשבן —
און דער שלאָס איז נאָך מער פאַרדרייט.

אין נאַכטיקער שאָ

אדעלאַן

אין נאַכטיקער שאָ וואַכט לויעריק די אַנגסט,
און ס׳ציטערט דער גרונט פון דיין הויז.
וואָס טאָגיק דו בענשסט און פאַר וואָס דו באַדאַנקסט,
פאַלט שרעקיק, פאַרלוירן, אין נאַכטיקן שוים.

אין נאַכטיקער שאָ שרייט די שטילקייט אויף דיר,
און דריקט דיר די שלייפן מיט דוימענס פון קעלט,
ביז מיט שפּיציקער שריפט אויף שוואַרצן פּאַפּיר
דו שרייבסט דיין צוואָע דער געציקער וועלט.

אין נאַכטיקער שאָ האָב איך געזען מיינע טעג,
ווי באָרוועסע בעטלער אין שלאַקסיקן ווינט.
און באַלד איז געפאַלן — אין מייסים־געשלעג,
אַ טאָג נאָך אַ טאָג — נישט־געשטילט, נישט־באַזינט.

אָ ק ט אָ ב ע ר

און נאָכאַמאָל באַגרים איך דיך, דו שיינקייט פון אָקטאָבער,
און ווידער קלינגט מיין לויב צו דיר, דו ליבער בראָנקסער פּאַרק,
וואָס אינדערמיט פון מענטשן־קעסטלאַך, אויטאָס, טומל, מאַרק —
באַמאָלסטו מיין געמיט מיט וויין, מיט ליכט פון רייפן האָבער.

איך האָב די פאַרבן דיינע, האַרבסט, באַוואונדערט און געשילדערט,
נאָר כ׳קער זיך אַלץ צוריק צו דיר—דו שטאַרקסט מיך און באַנייסט.
ווי ס׳וואָלט פון יעדן בלאַט אַראָפּגעקוקט אַ קלוגער גייסט,
מיין ווי פאַרענטפערט און דעם גאַנצן וועלט־ווי אויך געמילדערט.

איך טראָג אין זיך דעם שטענדיקן פּיל־קוילעסדיקן יאָמער,
וואָס מערט זיך דורך די ציי‌טן, מאָנט און רופט צו האָס און שלאַכט.
ער הייסט: גיי מיט אַקעגן רישעס, וואָס איז מענטש־געמאַכט!
און מיטגיין וועל איך פלאַמיק גיין — אָן עפּשער, אָן שום טאָמער.

אַ שטענדיק איבער מיר פון טויט דער סוידעסדיקער אָטעם,
שוין וויפיל קוואָרים פון כאַוויירים בערגלען זיך אין האַרץ.
פאַרגעסן סינעם איצט. געבליבן טרויער, שטיל און צאַרט.
ווי ווייט, ווען איך אַליין וועל וואַרפן שוין דעם לעצטן שאָטן?

האָט היינט פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך דער אָקטאָבער פּיל־
געשטאַלטיק.
גלייך ס׳וואָלט דער וועלט־גייסט, ווי אַ גאָלדיק־דורכזיכטיקע טויב
אַראָפּגעלאָזט זיך אויף מיין אַקסל און געמורמלט: גלויב —
און זע און טרינק פון מיין פּילפלאַמיקער צעשטראַלטקייט.

איך האָב נישט ווידערשפּעניקט. ס׳האַרץ צעעפנט מיט פאַרטרויען,
אַקעגן אַלע ליכט־וואונדער פון פאַרק ביי מיר אין בראָנקס,
געשלונגען צונטער, און געשלונגען פּורפּור, בראָנז און פאָמס,
געוויינט, געלאַכט אין פרייד — און פריד געשיקט צו ווייט
און נאָענט.

פֿאַרטאָגן און נעכט

ליד צום אידישן פאָלק

נאָך אַ סוינע, נאָך אַ סוינע — ביזט צו אויסגעפּרואווט און קלוג.
נאָך אַן אָדער דיר געהאַקט, נאָך אַ ריטשקע בלוט דיר אָפּגעצויגן,
נאָך אַ בלענד און וויזיע אין אַ נייער כאַשכעס אויסגעזויגן,
ביזט געניט און ווייסט: נישט אויסצולײדיקן דעם גורלס קרוג.

דאַרפסט ניט מיין באַווייגען דיינע בראָכן, דאַרפסט נישט קיין דערלייזער.
קענסט גוט זיך און קענסט צו־גוט דעם מענטש — דעם אײדעלן פאַרשוין.
האָסט נאָך לאַנג צוריק פאַרשטאַנען: פּוסט איז שטראָף און פּוסט איז לוין,
ווינט און נישטיקייט אַלץ — צוימען־צוים אי טרערן, אי געבייזער.

שפּאַנסט—פּאַלסט, שטעלסט זיך—לויפסט, און אָפּטמאָל טומלסטו,
אַזש דיין קאַשקעט
הייבט אָן שוויצן און פאַררייסט זיך קרום, אויף פּיינע לייטס געלעכטער,
נאָר אָט כאַפּסטו אָפּ דעם אָטעם, אַ פאַרקלעמטער, אַ פאַרשוועכטער,
און דיין אויג דאַן — טרויער פון דער גאַנצער לומפּיקער פּלאַנעט.

דענצמאָל קוקט דיין אויג אַלוויסיק דורך די אַלע קאַטאַסטראָפן,
אלדער בריעס שאַנד און וויטיק שטומט געוואַלטיק אין דיין בליק.
דענצמאָל ביזטו דו, ביזט מעכטיק, הערלאַך, ווי די מילכוועג־בריק,
וואָס פאַרבינדט מיט ליכט־פּינטלאַך די פינצטערע איינסאָפן.

דענצמאָל ליב איך דיך, דו פאָלק פון גרינטלאַך דורכגעגאַרבטער הויט
מיט אַ ליבשאַפט, וואָס אַ זון האָט נישט געפילט נאָך צו אַ טאַטע.
דו, דאָס רעטעניש, דו אויסטראַכטער פון ענטפערס שיינע, זאַטע,
דו פאַרלייקענער פון צווייטן גרויסן רעטעניש — דעם טויט.

ווּעסט אַריבערלעבן אויך די נייע אומרינגלער און יעגער.
דאַרפסט נישט קיין דערלייזער, ווייסט שוין יעדן גויעלס קראַנקן סאָף.
ד י י נ ע מוישעס—שטאַמלער, דיינע דאָווידס—שוואַכער מענטשנשטאָף.
און דיין שטאַרקייט — די פאַראַכטונג צו דער שטאַרקייט פון די שלעגער.

בירא-בידזשאן

גיי אויף,
גיי פורפור-רויט אויף,
אידיש ליד.
גרוי-פּאַשעט פּאַרזייט,
גיי אויף פורפור-רויט
אין בירא-בידזשאַן.

זינג, אידיש ליד,
צום פרוכטבאַרן שניט
אין ווייך-שוואַרצער ערד.
זינג צו מעטאַלענעם בליאַסק
אונטער נייעם הימל.
צום שטאָל פון אַקער און לאָם,
צום גאָלד פון זאַנגיקער רייפקייט,
צו מוסקולענער שטייפקייט —
אין בירא-בידזשאַן.

זינג מיט, אידיש ליד,
צו דער מי פון פּיאָנערן,
צום ציטער פון זייערע באַגערן,
צום שטאָלץ פון זייער זיג.
קלינג, אידיש ליד,
מאַך הערן —
נאָענט, באַקאַנט,
דעם וויט-פרעמדן נאָמען
בירא-בידזשאַן.

אַ פּאָשעטע מאַיסע

ס׳איז אַלץ אַזוי פּאָשעט,
אַז עס דערציילט זיך אַליין.
אַ פּאָשעטע מאַיסע,
וואָס שיילט זיך אַליין.

אַ סטרייקער, אַ פּיקעט, איז אַרויס אינדערפרי
און מער נישט געקומען צוריק.
זיין בליק האָט געקאָנט מאָלן וואָס נאָך נישטאָ,
און די שטאַרקייט פון גרויסע צאָלן איז געווען אויף אים.
פון מיליאָנען דאָס שטאָל האָט געצערנט אין זיין קאָל,
ווען ער האָט געשריגן צו די לייט מיט די בלעכלעך
אויף די רעק:

איך בין אין קומענדיקן טאָג אַ גלויבער,
און איר געדענקט, איר באַשירמער פון רויבער.

אַ פּאָשעטער סטרייקער אין דעם רייכסטן לאַנד
איז פּאָשעט געפאַלן פון אַ פּאָליציייאישער האַנט.

האָבן הונדערטער פון די מיליאָנען זיך געקליבן אינאיינעם,
דערהערט זייער מאָנונג אין דעם טויט-שריי פון איינעם.
זיי זענען צו די היטער אַוועק
און געפרעגט:
נאָכמאָל האָט איר געקוילעט אונזער ברודער?
און זייער פרעגן איז געווען ווי וויכער וואָלט
געגריזשעט זיכערע דעכער.

ווי געוויטער געהיימער וואָס שיקט ציטער און איימע
צו האָרן פון רייכע שטעט.
נאָר שולד מאַכט האַרט און אומרעכט בייז.
און וואו איז דער שלעגער וואָס זאָל מעסטן די גרייס
פון זיין כעס
און זאָגן: גענוג?
אָן ערדענע קרוג איז דער קאָפּ פון אַ געדעכטן פרעגער,
און שטעקנס זענען דאָ צו ברעכן און שפּאַלטן.

ווען מידקייט האָט די שלאָגנדיקע הענט פאַרהאַלטן,
האָבן שטיינער מיט שטיינער זייער שרעק געטיילט:
מיר האָבן געזען... מיר האָבן געהערט... מיר האָבן געציילט...
און איין פאַרווירטער שטיין האָט געמורמלט:
אויף מיר אַ פליוך היים בלוט,
און זעט — ווערט אַלץ גרעסער, הייסער, רויטער.
ווי אַן אַרויסגעריסענע צונג וואָלט נישט גערוט,
נאָר געוואַקסן גרעסער, הייסער, רויטער.

די היטערס האָבן מיט פּאַשעטע רישעס זייער מוירע
געקנאָטן,
מיט די שטעקנס געשלאָגן און מיט די פערד געטראָטן.

נאָר צומאָרגנס —
צומאָרגנס האָט געבלאָזן דער האָרן
פון אַ גרויסן צאָרן.
גלייך יענע צעריסענע צונג
וואָלט גערופן מיט געקלונג.
און ווער ס׳האָט געדאַרפט האָט פאַרנומען,

און ווער ס'האָט געמוזט איז געקומען.
ווי א גרויס כּאַיל זיך געשפּרייט
און שטורעם געזייט,
און שטאָלץ אויף נייע פּאַרטאָגן
דעם טויטן ברודער געטראָגן
אינמיט פון פופציק טויזנט מאַן.
פופציק טויזנט — איין צאָרנדיקער, וואָרנענדיקער שפּאַן.

די זינדיקע שטעקנס זענען געלעגן באַהאַלטן.
זיי האָבן ווי פאַרגעסן, אַז זיי דאַרפן שפּאַלטן.
די שולד האָט מיט די אויגן געפינטלט גאַס נאָך גאַס,
און שאַ און שטיל געבלאָזן קיל אויפן הייסן האַס.

יענעם טאָג האָב איך געזען ברייט-געעפנטע רויטע טויערן.
יענעם טאָג האָב איך אויך געהערט מיט מיינע אויערן,
ווי טורעם-זייגער צו טורעם-זייגער האָט קלוג געלאַכט:
אזוי־אָ פּאַשוט ווערן דאָך רעוואָלוציעס געמאַכט.

אַמעריקע 1927

נישט קיין פֿאַראַדן גרייט מען פֿאַר פֿליענדיקע העלדן.
נישט קיין יאַנטעוו־פּענער צעווייט מען פֿאַר צוריקגעקומענע זיגער.
די אויפֿגערייצטע מוירע צעפֿראַלט איר מויל,
צעהילכט זיך מיט קוילעס רויטע, געלע, גרינע,
שיקט אַליאַרמען איבער דער מעדינע:
היטן זאָל מען אָפּהיטן די זעט פֿון די זאַטע,
די זיכערניש פֿון די זיכערע.
קומט אַהער, עלטסטע פֿון די שאָמרים:
זענט איר אָנגעגרייט אין אייערע צענטוויזנטער
מיט אייערע שלאָג־שטעקנס, ביקסן, פּונקטן, פּאַראַגראַפֿן פֿון בוך?
פּאַרטיק און גרייט ביזן לעצטן מאַן, אַ האַרן.
קומט אַהער, עלטסטע פֿון די שאָמרים:
ווי האַלט עס מיט די שלעסער אויף די טירן פֿון אונדזער אַלמאַכט,
מיט די שוץ־טורעמס איבער אונדזער וואָוילשטאַנד?
שווערער ווי אייזן, פֿעסטער פֿון שטאָל זענען די שלעסער,
און די טורעמס —
העכער, ווי אַ פֿויגל קאָן פֿליען און אַ ווינט קאָן ציען.
הערן די באַוואַכטע און קוועלן:
קאָנען מיר טאָן, וואָס אונדז טוט געפֿעלן?
(אומרואיק־רואיק זענען די האַרן,
אומרואיק־רואיק די, וואָס האָבן וואָס צו היטן).
מיר קאָנען טאָן וואָס אונז טוט געפֿעלן.

* * *

ליכט און זיכערניש.
ליכט און זעט.
הייסער סאָד פֿון לעבן, וואָס ברענט, ברענט,
ביז עס דערברענט
צו דער אַנטפּלעקונג פֿון טויט.

אין 347,000,000 שטיבער קוקן עלעקטרישע לעמפלאך
מיט אויגן, וואָס ברענען, זענען, זעען,
אפילע ווען זיי אליין ווערן פון קיינעם ניט געזען.
די אויגן וואַרטן אויף הענט אין דער פינצטערניש.
א צי — עס ברענט.
א צי — אויס.

ליכט און לעבן.
אור־אויג. אל־אויג. אור און אל.
אין א זאל — — ניין, אין א קאַמער פיר אויף פיר
הינטער א טיר, וואָס ווייס און באַהאַלט אַלץ,
א טאָפּעלע קאָראָנאַציע אינמיטן נאַכט.
(העראָלדן האָבן די קרוינונג געמאָלדן
מיט וואָכן, כּאראשים, יאָרן פאַראויס.
זיבן יאָר האָבן אין זייער אינגעווייד געצייטיקט, געוויטיקט
דעם קיניגלאַכן ריטואַל,
ביז זיי האָבן אים אויסגעליידיקט
אין דער שווארצקייט פון האַלבענאַכט).
אלע אויגן — איין ווייס, קאַלט זען.
ווייס, קאַלט זען וואַכט.
שטילקייט וואַכט.
אויבנאָן
דער טראָן.
מען טוט שוין אָן
די קרוין
פון קאַלטן מעטאַל.
א צי.
1776 וואָלט.
1789 וואָלט.
1917 וואָלט.
יאָ. יאָ. מיר האָבן געטאָן, וואָס מיר האָבן געוואָלט.

* * *

ניקאָלאַ סאַקאָ, דו גוטער שוסטער!
באַרטאָלאָ וואַנזעטי, אָרימער פּעדלער פון פיש.
סאַקאָ — פּאַר מיליאָנען אַ מוסטער.
וואַנזעטי אין מיליאָנען הערצער — פריש.

סאַקאָ האָט באַגריסט די הינריכט־איידעס.
וואַנזעטי האָט די טאַליאָנים מיט פאַרגעבונג באַלייט.
אַ רעטעניש סאַקאָ! מאַסאַטשוזעטס, באַשייד עס!
אַ וועלט האָט געהערט און באַשיידט וואַנזעטי׳ס רייד.

סאַקאָ האָט זוילן געקלאַפּט צום טאַקט פון טרוימען.
וואַנזעטי האָט געפּעדלט און „דזשוסטיס" באַגערט.
אַ וויי צום באַוואַכטן און וויי צו דעם שוימער,
אַ וועמען, אַ וועמען איז אַזאַ טויט באַשערט?

* * *

גוד מאָרנינג, מיסטער וואָרדן. אַ טאָג אַ שיינער, זעט זיך אָן.

הענקער, האָסט דיינס געטאָן. איצט גיי און קום לאַנג ניט צוריק.

איך האָב אויך אַ געוויסן, מיסטער וואָרדן.

הענקער, כ'וויל ניט וויסן. קריגסטו נישט 150 פּער שטיק?

די וואַפּס לאָזן מיך נישט שלאָפן, מיסטער וואָרדן.

הענקער, דו ווייסט, כ'בין קעגן דעם שטראָפן מיט טויט.

כ'פאַרשטיי. ברויט. אַ פאַמיליע אויפן קאָפּ, מיסטער וואָרדן.

הענקער, צי אַרויף דעם ראָלעט, און טראָג זיך אָפּ.

האָט איר אויך קאָשמאַרן, מיסטער וואָרדן?

הענקער, האָסט זיך היינט שוין צופיל צערעדט.

ווי לאַנג וועלן מיר נישט קאָנען שלאָפן, מיסטער וואָרדן?

הענקער, עס זשומעט מיר אין שאַרבן פון דיינע רייד. גיי.

זיי... אַ טשיקאַווע וועלט. לייכטער צו שטאַרבן, ווי צו לעבן אין איר, מיסטער וואָרדן.

הענקער, הענקער. דו האָסט דיין געלט, איך האָב מיין אמט. גיי.

גודבאַי. פאַרדאַמט. ס'איז אויף אייך אויך אַ ראַכמאָנעס, מיסטער וואָרדן.

* * *

א שטאָט צווישן שטאַטן איז מאַסאַטשוזעטס
אין דעם לאַנד פון די בערג און די לייקס און די פּריירים.
האָט מאַסאַטשוזעטס דערהארגעט סאַקאָ'ן און וואַנזעטי'ן,
און א דריטן — סעלעסטינאָ מאַדעיראָס.

האָבן די צוויי געהייליקט דעם דריטן.
האָט דער מערדער געוויינט מיט זיין שווייגן מאַראָניש:
טעמפּ איז מיין מויאַך און איך וויל נאָר שלאָפן,
נאָר איז דאָ טאַקע שוין נישטאָ קיין ראַכמאָנעס?

טעמפּ איז מיין מויאַך און איך וויל נאָר שלאָפן.
נאָר היינט בין איך מיט זייביידן — קאָלעגן.
ניט נאָר זיי — אויך איך וועל אייביק און אייביק
ביי אייך אויף מיין לעבן א רעכנשאַפט פרעגן.

ביי זיי האָט די זעל זיך צו־הויך געריסן.
מיך האָט דאָס לייב געשלעפּט צו דער נידער.
נאָר לייב צי זעל, דיזעלבע נעקאָמע.
א זענען מיר היינט נישט דריי טרויעריקע ברידער?

אזוי האָט דעם מאַראָנ'ס שווייגן געיאָמערט.
אזוי האָט געמאָנט דער מערדער מאַדעיראָס
ביים שטאָט צווישן שטאַטן, וואָס הייסט מאַסאַטשוזעטס
אין דעם לאַנד פון אשירעס, פון די מאַרגאַנס און גיירים.

* * *

זינג מיר אַ ליד פון דעם וואָס מוז קומען.

זינג מיר דאָס ליד פון באַצאָלונג.

ווי קאָן איך זינגען, אַז יעדע נאַכט צינד איך און לעש עלעקטרישע לעמפּלאַך,

אַז יעדן טאָג ברענען מיך די נעמען סאַקאָ־וואַנזעטי,

ברענט מיך דאָס שווייגן פון דעם אומגליקלאַכן ברודער, סעלעסטינאָ מאַדעיראָס ?

נאָר הערן הער איך,

פאַרוואָר איך הער די שטים,

וואָס טראָגט זיך פון אייביק ביז אייביק :

עס וועט זיין באַצאָלונג

עס קאָן נישט זיין, אַז עס זאָל נישט זיין קיין באַצאָלונג.

מילכאָמע

„פּאָעט מאַרינעטי, פֿאָטער פון פו־
טוריזם, איז אויך אַוועק קיין
עטיאָפּיע צו פאַרגרעסערן די
גלאָריע פון מוסאָלינים אַרמיי“.

טאָ ווי, פּאָעטן ? זעט : אויף הייסע ווילדע שליאַכן
הירזשעט ווידער ס׳עקלהאַפטע לאַכן פון היענעס —
שוין דערשמעקט אין ערדישן געהענעם רייכסטע פּאַדלע.
דער זונס האַמער שלאָגט אויף אַ קאָוואַדלע פון צעטרענטע בייכער.
מענטשן, פערד, מוילאייזלען פרייכן אין געסיסע.
מיט פריקרע זיסע געשטאַנקן פון פוילן פלייש
גייט אויף דער נייער אַמוד־אייש פון שיגאָען.
באַלד און די גאַנצע וועלט איז פול מיט דול.

טאָ ווי, פּאָעטן ?
וועט איר מיט מאַרינעטין און ד׳אַנונציאָן
אָנהויבן ברייען וועגן דער פונקציע פון דער פען,
אַז זי פאַרמאָגט מער ברען אַפילע ווי די ביקס
און פיקס — — — און פיקס־און־פּאַרטיק — — — — גרוים־גרויסאַרטיק
אַנטקעגנקומען מיט געזאַנג
דעם פאָלק־צו־פאָלק געשטאַנק ?

דער מאַרק איז הייס און גרייט און צאָלט אַ פּרייז.
וועט איר זיך שטעלן שורעסווייז אין סאַמע מיטן
פּאַרקויפן ריטם, און ראָיען זיך מיט גאַפּלען שעקער־רייד
אין אינגעווייד פון צאַפּלדיקן מענטשן־מיסט —
צום בליאַסק פון קופּער־קנעפּ,
צו די דזשאַנגל־קלעפּ פון פּויק ?

פארגעמט איר מויל־זשאָנגליאָרן:
דאָס ווייץ און קאָרן פון דעם וואָרט — אייער וואָרט
איז גענוג אָן אייך צעטראָמפּלט און פארסארגעט.
גענוג אָן אייך רוישט און ראַשט מען: — הארגעט, הארגעט! —

נישט צום מארק — קומט מיט מיר, צו דער טיר פון די נידערן
ליגט אייער אויער.
זאָל אייך דורכשטעכן די אָל פון העכסטער מאָנונג:
אונטערן גאַנצן ברוד — טיף־טיף
פינקלט נאָך מיט העלן שליף א נישט־דערשטיקטער קלונג.
ווי אמאָל דער אורוואַלד־יונג, ווי דער ערשטער שיפער
אויף כוואַליעס טיפע, סומנע־נאַכטיקע
פיבערט, בענקט נאָך אים דאָס אָפּגענאַרטע מענטש־געמילב.
ס'איז עפשער בלויז א זילב, צוויי־דריי,
נאָר ס'ברענגט דעם פריד און טראָגט די פריי
און זיגלט יונגע פליגל צו
אויף עלטסטע אקסלען.

איז ווען מיט נייע שלאַקסן בליי און בלאָף
שפּרינגט הויך דער בויך פון יעדער בלאַטער פאָן אויף לאַנד און יאַם,
ווען פון יעדן ראָג יאָגט אָן אן אנדער סאַלאַמאַנדרע
צו בלאָזן פלאַם אויף פלאַם,
און ס'קומט א בעסער — גרעסער טראָמפּלען־טרעטן —
הערט, פּאָעטן, הערט:
קיין טייל אין יענע פייערן, קיין כיילעק אין דעם מאָרד,
נאָר שייערן, אָפּשייערן און אנטפּלעקן
דאָס וואָרע, דאָס ריינע וואָרט.

צו אַן אַמאַליקן באַן־ברודער

צעשערבלטע ווערטער — צעבראָכענע קרוגן.
די האָפנונג, ווי פּרעפּל דורך ריטלאַך אַאיר.
איך האָב נישט פאַרלאַנגט קיין געבאַסמעטע פּאַפּיר —
דיין וואָרט און מיין גלויבן — איך האָב זיך באַנוגנט.

און האָסט מיך גענאַרט, נישט געהאַלטן דיין צוזאָג,
ווען אור־שטראָם פון הייל האָט פאַרפּלייצט דיין געמאַרק,
פאַרגאָסן מיט כאַיע אַריבער דיין קאַרק
אַזוי אָפּנהאַרציק, אַזוי אָפּנשליוזיק.

און ווי כ'וויל נישט גוט זיין, פאַרגעבן דיר — פּלוצים:
עס עפנט זיך יענע פאַרטרויילאַכע שאָ,
ווי אויג פון אַ קינד — און נישטאָ, און נישטאָ
פאַר גלויבן גענאַרטן קיין גוטע טערוצים.

וויר אין דויטשלאַנד זינד יאַ אַלע זאָציאַליסטן.
ווען היר זאָוואַס ווי דאָרט דריבן פּאַסירט —
וויר מאַכן די רעוואָלוציאָן.
זאָלידאַריטעט! גאַנץ געוויס.

דו האָסט עס געזאָגט און געמאַכט ווי אַ וואָרע
מיט גיבערשן הויב פון אַ זיכערן פויסט,
און איך האָב געזען, ווי דער שטורעם שוין ברויזט
אין באַן אויף מיין רייזע — קיין מאַרעוו, קיין מאַרעוו.

די באַן האָט געפירט מיך פון לאָדזש צו דער פרייהייט,
און דו האָסט געבאָרגט מיר דיין פלייצע צום שלאָף.
איך בין דיר געווען די פאַרוואָגלטע שאָף,
פאַר וועלכער ס'האָט „דריבן" קיין אָרט נישט געסטאַיעט.

געשמאַק איז דער דרימל דעם אינגל פון זעכצן.
דיין פלייצע אַ קישן אי וואַרעם, אי ווייך.
מיך האָט נישט געאַרט דיין ציגאַר און איר רויך.
דער רויך האָט פאַרהאַנגען מיין קינדישן נעכטן.

וויר אין דויטשלאַנד זינד יאַ אַלע זאָציאַליסטן.
ווען היר זאָוואַס ווי דאָרט דריבן פּאַסירט —
וויר מאַכן די רעוואָלוציאָן.

געווען איז נאָך מוטיקן יאָר ניינצנפינעף.
געשטאָלצט האָט אַ לאָדזשער מיטן צונאָמען רויט.
איך האָב דיינע „זאַיענס" ווי מאַרקסן געטרויט —
עס וועט זאָציאַליזמוס דערשלאָגן די סינע.

פאַרשפּילסטו דיין גוואורע. אויס פויסט און אויס שטורעם.
פאַרטראָגסט שוין פיל ערגערס, ווי דריבן און דאָן.
דיין זיכערקייט בראַט זיך אויף העלישער פאַן.
אַ שימשן פאַרשעמט, הערקולעס אין אַ טורמע.

און ס'מאָנט די נאַאיווע, די האַסטיקע קינדהייט
ביי דיר זאָציאַליזמוס און רעוואָלוציאָן.
(ווי איינפאַך צו זאָגן : איך מאָן און איך מאָן,
ווי לייכט איז צו שטראָפן : האָסט ביטער געזינדיקט).

וויר אין דויטשלאַנד זינד יאַ אַלע זאָציאַליסטן.
ווען היר זאָוואַס ווי דאָרט דריבן פּאַסירט —

ביזט שולדיק, ווי טויט. נאָר נישט דו בלויז ביזט שולדיק.
א דאָר האָט געפּעלשט און געקרימט האָט א וועלט.
איך האָב מיינע אייגענע שטרויכלען פאַרשטעלט
מיט וויפיל טערוצים, מיט וויפיל געדולדן.

כ׳געדענק דיינע וואָנצעס די בראַווע, די בלאָנדע,
פאַרטיפט אין זיכרוינעס פון זים ביירישׁ־ביר.
צי פילזנער? אלצאייגס. פאַרשאַדט האָט עס דיר.
אויך מיר האָט פאַרשאַדט א פּאַטאַלישער אַנדענק.

צי איך פיל דיר מיט? פון דיין שענדלאכער נארע
היים רעדט אין מיין אויער דאָס מויל פון דיין וואונד:
ס׳א ליגן און בלויז אסטראָנאָמישער שונד,
אז רויטס וועט נישט אויפגיין — פון מאָרעוו, פון מארעוו.

מאָסקווער נאַכט סאָף דעצעמבער 1934

שווער צו זיין קלוג היינטיקע נעכט,
און ס׳העלפט נישט צו זיין מאָדערן.
עס העלפט נישט צו שמייכלען וויסיק און מעלאַנכאָליש
אויף די שפּראַכלאָכע מאַמזערייען פון דער היסטאָריע:
„די רעגירונג פון דער רעפּובליק ווערט איבערגעגעבן אין די
הענט פון אַן אימפּעראַטאָר״.

א פּאָסקודנע אַלטע לעוואָנע קריכט אַריין צו מיר דורכן פענצטער
און וואַרגט מיך מיט קאַלטער האַנט.
זי קייכט, זי שוימט איבער מיר:
ווער ביזט דו צו וועלן אויסגלייכן כעשבוינעס פון דער וועלט,
צו צערענען טאָמער איז דיר אַ קינדישע צאַצקע צעבראָכן.
ערשט אייערנעכטן האָב איך געזען אַ פּאַלעסטינער מוירער און באַטלען
אַכצן: יוישער, ליבשאַפט,
און רופן צו הילף עפּעס אַ טאַטל דאָ ביי אונדז אין הימל.
ערשט נעכטן האָט זיך אייערס אַ געזעמל נאַריש געמאַכט
אַרום אַ שטיינערנער מוידטשיסקע מיט אַ שטורקאַץ אין געהויבענעם אָרעם
און געשטורעמט, געליאַרמט מיט היספּאַלעס:
ברידערלאַכקייט, גלייכהייט, די פאַרנונפט!
און היינט גלאָצסטו אַרויף צו מיר פון אַ צעקנאָדערט קישן,
און מאָנסט מיט טרוקן־בראַנדיקע אויגן אַן ענטפער ביי מיר,
האַלמאַי אַן איקאָנע דיינע איז אַרויסגעפאַלן פון ראַם,
און די ראַם אַליין — באַשפּריצט מיט העוולס וואָרעמען שוידער.
עפּשער ווילסטו פרעגן נאָך העכער, די שטערן?
נאַ, פאַרנעם (ווי איר יאַלדישע פּאָעטן האָט ליב צו זאָגן) זייער געזאַנג—
וואָס הערסטו?
האָרך גוט, האָרך גוט.

איך האָב געהערט, איך האָב פאַרנומען,
און געוואָלט אויסשרייען מיין גרעסט־לעצט געשריי
פאַר מיר און פאַרן גאַנצן באַשאַף.
נאָר דער העקסעם האַנט אויף מיין האַלדז,
דער העקסעם קעלט אין מיין קעל.

אָ ווער האָט געזאָגט, אַז ראַכמאָנעס איז נישט אַ יעסאָד פון דער וועלט?
פונקט דאָ האָט דער לואך
געגעבן דער אַלטער אַ בלאַטן וואונק
און זי איז אוועק מיט אים ווי קיינמאָל גאַרנישט.

מיין האַלדז איז לויז געוואָרן.
נאָר מיין צונג שטום.
נאָך שטומער.

די אַלמאָנע און ער

נישט קיין שווארצע כמארע אויפן הימל רייט,
נישט קיין דונער־בליץ די הייך צעשניידט.
ס׳ליגט די גאָרע ערד איצט א פארטאַיעטע,
די מענטש־געטרעטענע — א יצעטומלטע.
א צעטומלטע, א צערודערטע ערעוו ציטערניש, ערעוו שוידערניש,
ווייל ס׳וועט קומען וואָס מוז קומען.
רעדן רעדט זיך אי פון נאָענטער נאָענט,
אי פון ווייטער ווייט, דער פארגעסענער, לאַנג אַנטרונענער.
ס׳איז געוועזן אזוי שוין נישט איינמאָל דאָ —
זיין וועט זיין אזוי נאָך וויפל־וויפל מאָל.

יענע נאַכט איז שוין די אלטע פרוי אינגאנצן נישט געשלאָפן.
ס׳איז קיין טרייסט נישט זיך צו טרייסטן, צי זיך מוסערן און שטראָפן.
וועלן נישט מיט דעם סאָוועטיש־פּראָדוצירטן וועקער־זייגער
אויפגיין איבער איר די טעג פון זעלבן איינגעשרויפטן שטייגער?
ס׳דריקן זיך די אויגן צו. וואָס מאכט נישט קיינער א מאַשינקע
אָפּצושטעלן גאַנג פון וואָס מען וויל נישט טראכטן? אָט, די לינקע.
יאָ, די לינקע, אלע פריינט און נעכטיקע כאַווירים אירע.
ווי זי דרייט נישט איר געדאַנק — עס דרייט זיך אויס א גראָדע ווירע
צום וואָקזאַל. די רעלסן — טאַ־טאַ־טאַ־טאַ — צו דער שטאָט פון לעגין
(ווי ס׳קלינגט ווייט דער נאָמען איצטער!) דאַן — צום סמאָלני,
וואו עס זענען —
ניין, זי וועט דערפון נישט טראכטן. טאָטשקאַ. שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן.
מאָרגן גאַנצע בערג מיט ארבעט. ווייטער דאַרף מען האָפן, האָפן.

נאָר עס שלאָפט זיך נישט. עך, דו, געדאַנק־דיקטאַטאָר. איז נישט מעגלאַך
אויסצודרייען דיינע רעלסן און אראָפּ פון דיינע שטעגלאַך?

קוקן אויגן אין דער פּראָסטיק־מאָסקווער נאַכט אַריין און קוקן,
און די אויגן זענען אויסגעסטאַרטשעט, הייס און אַלט און טרוקן.
מאָסקווע, מאָסקווע, אַלטע שטאָט פון קניאַזן, צאַרן, בייזע האַרן,
יונגע שטאָט פון קאָמונאַרן, און נאַראָדנע קאָמיסאַרן.
ווערמען מאָסקווע איז אַ שטאָט—פאַר איר איז דאָס אַ בוך אַן אָפּנס,
אַ זיכרוינעס־בוך אין גרויע טאָוולען פון נישט קאָנען שלאָפן.
מישן דאַר־פאַרקרימטע פינגער אין די האַלב־פאַרגעלטע בלעטער,
און דער פיבער ווערט נאָך גרעסער אין דער שאָ, דער נאַכטיק־שפּעטער.

לענינגראַד. די שטאָט פון לענין. ס'איז דאָך אירער, איר וולאַדימיר,
אירער פון דער טורמע, פון דער וואָגלעניש, פון ענגן צימער.
וואָס־זשע לאָזט ער זי אַליין דאָ ? ווען האָט זי געקאָנט זיך ספּראַוון
מיט אַזויפיל שווערע שטיינער, מיט דעם גאַנצן דרייען־האַוון ?
הערן מוז ער זי, איר אייגנסטער, איר כאַוועריסטער וולאַדימיר.
און ער הערט. נישט מער איינזאָם — פול דאָס קליין־אַלמאַניש צימער.
מיט וואָלאָדיען פול די ווענט און פול די נאַכטיק־קאַלטע פענצטער,
און ער שיצט זי קעגן דרויסן, קעגן מאָסקווע דער פאַרפרעמדסטער,
קעגן מאַוזאָליי דעם נארישן, וואו עס ליגט אַ קאַלטע מומיע
אויסגעסטראָצלט און באַפּאַרבט אין הייליק־לעסטערדיקער טומע.
(ווערמען וויל מען איינרעדן, אַז דאָס איז איר איליטש, וואָלאָדיע ?
אָ, נישט איר. עס קאָרטשעט איר פון דער עגיפּטיש־ווילדער מאָדע).

און וואָלאָדיע איז אין שטיבל. ביי איר בעט שטייט ער אַ ברייטער,
ווי זשאַר־פּטיצע פון די מאַיסעס, ווי אַ פויגל אַ צעשפּרייטער.
און ער קוקט, באַטראַכט זי. רעדט נישט, נאָר דער שטערן—הוידע־הוידע.
זי האַלט אויס. מיט רונדע אַפּלען קוקט צוריק, און איז זיך מוידע :
כ'האָב געזאָגט וואָס אַלע זאָגן און פאַרטראָג אַלץ פּונקט ווי אַלע.
דיר איז גוט. אַוועק אין צייט מיט וויזיעס ווייטע, קאַלאָסאַלע,
אָבער איך . . .

. . . **סיאיז געווען** גרישאַס איינפאַל, דאָס באַלזאַמירן, מומיפיצירן, געצנדינירן. גרישאַ דער היציקער, גרישאַ דער טרערנדיקער. פון דעם האָט זיך עס איינגעטלאַך אָנגעהויבן, פון אויבן ביז אונטן, ביז די ברייטע, טיפע גרונטן.

זי טראַכט, הייסט עס, ווידער? זי טראַכט ווידער. איז דאָ נאָר וואָס געווען וולאַדימיר? געווען. נישט דער פון מאַוזאָליי — דער אַמאָליקער, אירער. ווער געדענקט אים איצט? בלויז פרעמדע ארום. א נייער דאָר. נייער דאָר — יונגע יאָר. די יוגנט. נאָר זיך נישט באַנוגנט מיט די דערגרייכונגען וואָס. די יוגנט וואָס דערגרייכט. באַנוגנט די. ווער דערגרייכט? וואָס דערגרייכט די יוגנט?

יוגנט איז געווען אין זשענעווע, אין דער שווייץ.

לאַנג, לאַנג צוריק. הונדערט יאָר, טויזנט? צענטויזנט. וואָלאָדיע שטענדיק א ליסע קאָפּ. און ווי האָט ער ליב געהאַט די יונגע מיט די לירישע אויגן און פאַרגלויבטע אויערן, מיט זייערע זאַפטיקע טרויערן.

איז דער שאָס אויפן פירער טאַקע געקומען פון דער יוגנט?

דער אַלטער שלאַבעריקער קערפּער דרייט זיך אויס צום וואַנט. אויגן פאַרמאַכט. די פינגער ציטערדיקע כאַפּן זיך פאַרן האַלדז. אָט דאָ האָט מען געשניטן. האָט זיך וולאַדימיר דאָס געשראָקן פאַר דער אָפּעראַציע! נאָכגעפּרעגט זיך ביי יעדן איינעם און געהאַלטן אין איין באַרואיקן זי. נישט געפערלאַך, איך שווער, אַרכי־זיכער. א קלייניקייט — די היינטיקע כירורגן! איינס און צוויי, ווי א שניט אין פינגער. וועסט זען, נאַדיושקאַ. זי האָט געזען. פון דער דריז — ווי רופט מען זי? — שלעכט געאַרבעט — האָט זי באַקומען די אַרויסקריכנדיקע אויגן. קינדער דערשרעקן זיך אַמאָל אויף איר קוקנדיק. פאַראַן גאַנץ שיינע אַלטע. א שטייגער די באַבושקאַ, ברעשקאָווסקאַיאַ קאַטיערינאַ. די באַבושקאַ איז שוין געווען אַן אַלטע, ווען זי אַליין איז נאָך געווען יונג. זיך געטראָפן אין סאַמאַרע.

יענע איז געלאָפן פון סיביר. א ליב ווייבעריש פּאָנים געהאַט, די עסעראָווקע, די טעראָריסטקע. און זי איז — האָט וולאַדימיר קיינמאָל נישט באַמערקט אָט די מיסע אויגאַנעס אירע? וולאַדימיר, וואָלאָדיע —

צעדרייטע פינגער אויף א האַלדז אין קאַלטן גלי,
א האַלדז וואָס איז צערונצלט, אָדערדיק און געל.
עס דאַכט זיך איר, וואָלאָדיע גלעט, באַרואיקט זי,
און ס׳רייסט די זקיינע נאַכט א שלוכץ פון כריפּלער קעל.

וואָס איז דער מענטש — א פורעמער צי נאַר געפּעס?
און קאָן דער איינער בייטן פלי פון פרייער פייל?
איז פריי די פייל? און איז פאַראַן אַזוינס, ווי נעס?
און זענען יאָרן שלעכטס די שטראָף פאַר גרויסער וויל?

מידקייט, די אַלטע פרוי גייט אַוועק, טיילט זיך אָפּ ווי פון זיך אַליין. איר וואָג ווערט נישט, וועגט נישט. גוט. וואַרעמע, מאַמעשע נעפּלדיקייט. האַלב־באַוואוסטזיין. פּערטל. נאָר פון נעפּל אַרויס שפּיצט זיך, שטעכט א שאַרפע, האַרטע מאָנונג: איז דער שאַס אין סמאָלני געקומען פון דער לענינגראַדער יוגנט? טעראָריסטן, ווי די עסערן, ווי די באַבושקאַ?

סמאָלני. פּעטראָגראַד.
הייסע פרייד און הייסער טראָט פון מיליאָנען.
פון די באַלקאָנען רעדע נאָך רעדע.
יעדע —
א פלי אין האַרץ אַריין און א פלי אַרויף.
א יאָנטעף אויף דער וועלט דער גאָרער און א פלי אַרויף.
און אָט רעדט, אָט רעדט —
זענען אַלע ליכטיקע שפּאַרבערס,
איז ער אַן אָדלער איבער וואָלקנס,
זענען אַלע אָדלערס,
איז ער אַן אָדלער פון אָדלערס

מיט פליגלען פלאַם, מיט פליגלען פייער.
צוויי פייער־פייגל האָבן געצונדן אַ יאָנטעף איבער וועלט,
צעלויכטן דעם אָקטאָבער־גלי.
איז איינער געשטאָרבן אינמיטן פלי,
איז געבליבן איינער.

וואָס טוט זי? ווי דערוועגט זי זיך? ניין, שוועסטערל פאַרגינסט זיך געפּערלאַכע שפּאַסן. גאָר אַנדערע טעג אויף מאָסקווער גאַסן. טראַכטן אַזוי איז סאַקאַנע. גאָר — וואו איז איצט דער אָדלער? אויף אַ טערקישן אינדזל, צי — נו, מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט.

די קיילאַכדיקע, טרוקענע אויגן זאַפּן ווידער אין זיך מאָסקווער נאַכט.
ערגיצדאָרט אויף יענער זייט פענצטער איז ער.
ער. ער.
ווער ער?
די איינציקע זילבע הייבט אָן ווירבלען אין דעם אַלטן מאַרך,
יאָגט זיך נאָך — נאָך זיך אַליין,
שוין אָן מיין, אָן זין.
אַ שפּין שפּינט אין דעם אַלטן מאַרך,
שפּינט דין, שפּינט דין
געוועב פון איין וואָרט, פון בלויז איין זילב.
זי זעצט זיך אויף.
ווער שלאָפט — וואָס שלאָפט?
אַ רעטעניש ראָט איר מאָסקווער נאַכט,
איר גאַנץ לעבן מאָנט באַשייד.

פעסט איז ער. פעסט. האַרט. שטיין.
אַ שוואוּע האָט ער געשוואוירן:
ניין וועל איך גיין אין דעם מיינסטערס פוסטריט.

און ער גייט —
אין די הויכע שטיוול, אין דעם סאָלדאַטסקן שינעל,
אין גלאַנץ אין גרויען פון שטאָל,
באַפּאַלט ווי שטאָל און שניידט ווי שטאָל.

אַ כאַוּוער כאַוּוערסטער,
האָסטו דיין נאָמען דאָ געלאָזן
בלויז פּאָר אַ שפּרוך,
דיינע פוסטריט — בלויז פּאָר קאָרסיקאַנער שטיוול?

מאָסקווער נאָכט האָט איינגעשלונגען דעם באַשייד
מיט דער אַלמאַנעס מאָנונג.

... און וואָלאָדיע איז אין צימער. ביי איר בעט שטייט ער אַ ברייטער,
ווי זשאַר־פּטיצע פון די מאַיסעס, ווי אַ פויגל אַ צעשפּרייטער.
און ער קוקט, באַקוקט זי, רעדט נישט, נאָר דער שטערן — הוידע־הוידע.
זי האַלט אוים. מיט רונדע אַפּלען קוקט צוריק און איז זיך מוידע:
איך פאַרטראַג אַלץ פּונקט ווי אַלע, און איך זאָג וואָס אַלע זאָגן.
אַט ערשט היינט, ערשט היינט האָב איך מיין שטערן־קלאַפּ געבראַכט
צו טראָגן:

און אַלץ האָבן מיר צו פאַרדאַנקען
אונדזער גרויסן, איינציקן, אייגענעם
כאַוּוער ער. זיין קלוגער קאָפּ, זיין
וואַכזאַם אויג, זיין ווייטער בליק . . .
— בלויז דאָס האָט באַוואָרנט אונדזער
זיג. דערפאַר רינגלען מיר אים אַלע
אַרום מיט אונזער ליבע. וואָס ער טוט
איז גוט און מיר מוזן אים אין אַלץ
פאָלגן. פאָלגן און ליב האָבן. זאָל
לעבן אונדזער גרויסער, הייסגעליבטער
כאַוּוער ער.

קיין וואָרט פון וולאַדימירן. וואָלאָדיע, וואו ביזטו? אוועק. נאָכ־אַמאָל אוועק. נישטאָ. טויט. ביזט אַ פאַררעטערל אַ געמיינס, ביר־גער טויט, אַ כיטרע־גנייוויש פּריקאַשטשיקל, וואָס אין דער ריכטיק־קריטישער מינוט שלעפּט עס אַרויס אויפן טומבאַניק פון דער היס־טאָריע, און מישט ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל אויף דעמזעלבן אַלט־באַקאַנטן, אָפּגעשאָסענעם פּאַסאַן.

זענען אויפגעשטאַנען אויף דער ערד דריי גיבוירים־לייט,
דריי גיבוירים שטאַרק, נאָר ווי דעמבענע.
האָט איינער אַלץ געזען, האָט איינער אַלץ געוואוסט,
אי דעם טייך דערביי, אי דעם יאַם העט־דאָרט,
אָי די גראָזן קליין, אי דיביימער די געקרייזלטע.
האָט ער פעסט־געדיכט געוואָרפן וואָרהייט אין דער ערד,
איז זי אויפגעגאַנגען גוט מיט גערעטעניש,
מיט גערעטעניש, מיט זאַפּטיק־זאַטיקער.
נאָר נישט אויסגעהאַלטן האָט דער גיבער מוטיקער,
טויט האָט אים אוועקגעלייגט אין אַ נאַכט אַ כמוריקער,
אין אַ נאַכט אַ כמוריקער, אין אַ טרויעריקער.
זאָגט דער צווייטער גיבער דער האַרט־שטייניקער,
צו דעם דריטן, צו דעם אָדלער־פייערדיקן:
מאַכסט מיר ענג די ערד מיט דיין פליענישׂ,
מיט דיין ברענעניש, מיט דיין גליעניש.
ווילסטו בלייבן דאָ אין לאַנד מיט מיר,
מוזטו שטילער זיין ווי די וואַסערן,
מוזטו קלענער זיין ווי דאָס גראָז אין פעלד.
רופט זיך אָפּ דער דריטער גיבער דער העל־אויגיקער,
צו דעם צווייטן, צו דעם טראַכטונג־טראַכטנדיקן:
ביזט אָן אייזערנער, אַ שווער־פוסיקער,
נאָר דו זעסט נישט וואָס עס טוט זיך דאָ,
וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט, דער פיל־יאַמיקער.

קליין ווי גראָז דאָס בין איך נישט,
שטיל ווי וואַסער וויל איך נישט.
אויפשטיין וועל איך מיט מיין גאַרער קראַפט,
אויפדעקן וועל איך דיינע טראַכטעלאַך, די געקליגלטע.
האָט דער צווייטער גיבער זיך צונויפגעקניפּט
מיט די גוטע ברידערלאַך מיט די אייגענע,
מיט די נאָענטע, שאַרף־געשפּיציקטע,
וואָס די קינע די גרין־פּלאַמיקע האָט געברענט אין האַרץ ביי זיי.
זיך צונויפגעקליבן, זיך צונויפגעקליגט
און דעם דריטן גיבער ווייט פאַרטריבן,
אַזש פון לאַנד אַרויס.

אַלט בין איך און עלנט — גאַנצער דאַר אַזאַ,
בלויז אַ דעקאָראַציע, לאַנג אַרויס פון סטיל.
ווילט זיך אויפהויבן דעם קאָפּ, איז שטיל און שאַ.
ווילט זיך קומען, ווילט זיך טאָן — איז שאַ און שטיל.

היים געווען דער מאָרגן, היים דער מיטנטאָג.
און צום אָוונט ווידער בראַנדן, ווידער שטרייט?
קאָנען אַלע בייקומען די גרויע וואָג
פון דער שטויב און זשאַווער־זאַמלערין — דער צייט?

איבער אונדז געגאַנגען איז אַ רעדער־גאַנג.
רוקנס זענען ביינער, ביינער ברעכן זיך.
בלייבט אַ רוקן גאַנץ — איז קומט אים נישט קיין דאַנק,
מיטלייד יענעם קומט, וואָס קאָן נישט ווערן זיך.

איך באַשווער אייך דוירעס, דוירעס שפּעטערע,
נישט געדענקט דאָס נידערן, נישט געדענקט די פּלאָך.
ווי, ווען אין דעם מיטן שטייגן, קלעטערן
קומט פון דיר אַליין אַ שטים און קרעכצט: ביזט שוואַך.

איינזאַם בין איך. צווייִמאָל יונגשאַפט איז נישטאָ.
אויך נישט צווייִמאָל אָנהויב, צווייִמאָל פלי פאַראויס.
וואויל צו דעם, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע שאָ,
ווי — פאַר וועמען בלויז איין שאָ איז אויך צו גרויס.

ער: דיין רעדע איז געוועזן גוט. דו קריגסט אַן אָרדן.
איך בין צופרידן, וואָס דו ביזט שוין קליגער איצט.

זי: ס׳דאַרף קלוגשאַפט דער, וואָס קאָן נישט מער געדעכט זיין,
און מערער נאָך — וואָס קראַפט איז אויסגערונען פון זיין זעל.

ער: פאַרקערט. געדעכט — איז פאַנצער פון אומקלוגשאַפט.
ווער קלוג, דער זוכט נישט קיין טערוצים און איז שטאַרק.

זי: ביזט קלוג און שטאַרק און אויך דערפאַר געדעכט שוין.
נאָר זאָג — צי ווייס די שיף פון שטאַרקייט ווען אַ פאָרט?

ער: דו מיינסט צי מאַכט קאָן אָפּשטעלן איר גאַנג און רוען?
נישטאָ קיין רו פאַר מאַכט. מאַכט נערט זיך בלויז אויף מאַכט.

זי: און אויך אויף שרעק, און שרעק — געבערערין פון סאָנים,
ס׳מאַכט יעדן סוינעס סינע נויטיקער מער מאַכט.

ער: געוויס. אַ ראָד, וואָס אין געדריי שמידט נייע רעדער.
דערפון דאַרף ווייכן דער, וואָס ס׳שווינדלט אים אין קאָפּ.

זי: קאָפּ באַדאַרף מעסלעסיק האָבן אַ צוקאָפּנס.
מיר דאַכט, ס׳איז דיין צוקאָפּנס אָנגעפילט מיט שטעך.

ער: נו, זיכער נישט מיט דעם געפילן־פוך פון ווייכקייט.
נאָר ס׳שטעכט נישט אַזוי שטאַרק, און זאָרג נישט, כ׳שלאָף געשמאַק.

זי: און ס'קומען נישט די פריינט די נעכטיקע צוכאַלעם —
די טרעפּ, וואָס האָבן דיך געפירט דאָרט וואו דו ביזט?

ער: דו זאָגסט אַליין — די טרעפּ. אויף טרעפּן גייט מען, טרעט מען.
ווער ס'ווערט געטרעטן, קומט נישט, קאָן נישט שטערן שלאָף.

זי: און אויב דער אויסלאָז איז גאָר אַנדערש ווי דער אָנהויב,
די מאָרגן־שאָ ווי גאָלד, דער מיטנטאָג ווי בליי?

ער: פאַר מיר קיין נויט, קיין צייט נישטאָ דערפון צו טראַכטן.
פאַר מיר אַליין איז אויך קיין אַנדערשקייט נישטאָ.

זי: ביזטו אַליין? האָסטו באַרעכנט וויפיל בענקשאַפט
און וויפיל טרערן האָבן דיך געבראַכט צום שפּיץ?

ער: איך בין דער האַרטער איינס צו טויזנט כאַלעם־נולן.
ווי לאַנג עס וועלן נולן זיין, בין איך דער איינס.

זי: דער איינס טוט אַלץ — מוז טאָן — עס זאָלן בלייבן נולן.
צי דאָס איז אונדזער אויסגעהאָדעוועטע פרייד?

ער: נישט איך באַדאַרף אויף אַלע פראַגעס געבן ענטפער.
כ'האָב פרייד געגנוג, און דו — געדענק: דו דאַרפסט זיין קלוג.

. . . און גרישאַ אין טורמע איצט. נישט ער איינער זיצט. און ער איז נישט בעסער ווי די אַנדערע. ער האָט זיך שטאַרק געמיט ביים ליגן די טרעפּ צו. נאָר נישט איצטיקער גרישאַ בלויז איז אַן אַרעסטאַנט. אויך יענער, דער יונגער, דער שווייצארישער, מיט דער נישט־געהאָרכזאַמער טשופּרינע, מיט די פולע באַקן. די שטוב אַן קינדער. ער איז געווען ווי אַ זון. נו — ווי אַן איינגערער ברודער. אַן אייגענער, גאָר אַן אייגענער. האָט ער זיך פאַרזינדיקט — ס'האָט געטראָפן —

איז געקאָסט זיך, אַנגעזידלט און ווידער גוט. ווי אין אַ פאַמיליע. שטענדיק געווען אַן אַנגעלאָדענער, אָט־אָט שיסט אוים. זיך געקאָכט — אַ שרעק. אָפּט נאָר ביי די זייטן זיך צו האַלטן. און מיטאַמאָל טרערן. פאַלט אַוועק אויף דער קושעטקע, אָך־אָך־אָך. דאָס הויז אַן קינדער —

געקומען אַמאָל צו לויפן, נאָך גאָר אַ יונגיטשקער געווען, אין דער שווייץ — פּלאַצט אַרוים: מען האָט אַרעסטירט דעם־און־דעם. מען דאַרף גלייך עפּעס טאָן, ער קאָן דאָרט נישט איינזיצן. נו, נישט קיין קאַמיקער? — ער קאָן נישט איינזיצן.

ווי קאָן ער אַליין איצט איינזיצן? אין וועמעס טורמע? פאַר—פאַר—וואָס? ווען וולאַדימיר לעבט איצט, וואָלט ער געוואָגט אים איינצוזעצן?

צוויי העלדן־באַגאַטירן צופוסנס פון בעט.

ביידע פאַרפאַנצערט און זייערע פּענימער נישט יונג, נישט אַלט, און אונטער אַ נעפּל.

בלויז די אויגן דורך דעם נעפּל — שטרענג מיט קילער שטרענגשאַפט.

ווער זענט איר?

מיר זענען דער עמעס און דער גערעכט.

און אייער טו וואָס איז?

מיר לעבן, מיר טייטן, מיר שטאַרבן.
מיר שטאַרבן, מיר לעבן, מיר טייטן.
מיר טייטן, מיר שטאַרבן, מיר לעבן.

זענט איר וואָר צי אויסגעטראַכטע?

ווי איר דאָ ווילט.
ווען איר טראַכט אונדז אויס זענען מיר וואָר.
ווען איר ווילט וואָר, זענען מיר אויסגעטראַכטע.

שטרענגע זענט איר — האָט איר אַ צייט,
ביז וואַנען איר דאַרפט טייטן,
צי דאָס איז פון אייביק ביז אייביק?

ביז איר וועט נישט דאַרפן אונדז אויסטראַכטן מער,
אָדער ביז איר וועט אויפהערן וועלן.

דערווייל זאָלן מיר אייך כאָוון אין אונדזערע הערצער?
טאַטעס שפּרינגען אין פייער פאַר אייך, זין אין וואַסער?

ווער ס'כאָוועט און שפּרינגט טוט זיין מוז.
נאָר אויך ער זעט אונדז אין נעפּל בלויז.
זעלטן אינגאַנצן, קיינמאָל נישט אונדזער אַלפּאַנימדיקייט.

אָ איר אומראַכמאָנעסדיקע,
פאַרוואָס הענגט אַזוי דיק נאָך
דאָס גרויע טוך, וואָס פאַרשטעלט אייער קלאָרקייט פאַר מיר?

שוואַכע זקיינע, באַרואיק זיך.
שטאַרקערע פאַר דיר האָבן געפּרעגט און געגרייזט.
מיר וועלן צונויפנעמען אַל דיין וויי און געפּלעפּטקייט
און פאַרזייען אויף דעם הויכן אַש־באַרג פון די דוירעס.
ערגעץ און אַמאָל
וועט זיך אין האַרץ פון אַש אַ ריר טאָן דער רייכער פאַרזוי,
און עס וועט ווידער אַרויס
דער אומפּאַרטיליקבאַרער.

שטיל אַלמאַניש שלוכצן טראָגט זיך איבערן צימער, גיסט זיך אריבערן פענצטער. שטיל זקייניש שלוכצן שטייגט דורך דעם דאַך אין דער מאַסקווער נאַכט אריין, צעוואַקסט זיך, צעשטאַרקט זיך, צעיונגט זיך:

זינג איך איצט־אצינד דאָס ליד דאָס ליבטיקע,
דאָס ליד דאָס עמעסע, דאָס גערעכטיקע:
זיגן זיגט מען נישט מיט האַרטשטייניקייט,
מיט שווערהאַנטיקייט, מיט האַרצליסטיקייט.
זיגן זיגט מען מיט העלאויגיקייט און מיט ריינעם האַרץ.
וויפיל מענטשן אויף דער ערד אצינד, וויפיל בייזע, וויפיל גוטע,
וועלן אָפּגיין ווי די כוואַליעס פון דעם בלויען יאַם
און די צייט די באַרמהאַרציקע וועט זיי צודעקן מיט אַ גרינעם טוך.
וויפיל גוטס ס'איז אויף דער וועלט פאַראַן —
כ'וועל נישט זען שוין, כ'וועל נישט הערן.
נאָר דאָס לעבן מיינס איז אַ פעדערל,
בלויז אַ פעדערל אין אַ שטורעמווינט.
זאָל עס אויפלויכטן און גליען
אין די פליגל די פולשטראַליקע
פון דעם לויטערן, געבענטשטן, גרויסן, מעכטיקן און אייביקן
פייערפויגל, אַך־דו־פייערפויגל!

אַזוי האָט די אַלמאַנע מיטגענומען איר בענקעניש און געטריישאַפט אַהין, וואו דער שפין הערט אויף שפינען אין מאַרך און דער גרויער צודעק פאַלט אַראָפּ פון אויג און האַרץ. מיטגענומען דאָס געזאַנג פון איר לעבן, מיט דעם גלויבן אין דעם שטענדיקן ליכט־ברענגער, וואָס ווערט ווידער און ווידער באַנייט אונטער דעם אַש פון די דוירעס. ענדלאַך — רו. און דאָס שווימען־אַוועקשווימען אירס איז נישט גע־שטערט געוואָרן, ווען עס איז דערגאַנגען צו איר די שטים פון איינעם, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געזען, זיין אומרו קיינמאָל נישט געאָנט.

דורך אַ וואַנט ווייטעניש האָט זי פאַרנומען —

אויך איך קאָן נישט שלאָפן.
כ'קאָן נישט באַזינען, געפינען טרייסט פאַר דעם טרויער,
וואָס ליגט זיך אויפן געמיט מיט געדיכטן אַש.
דרויסן איז ווייס מיט גלאַטן שניי.
די גרויסע קאַלטע בעלמע פון דער לעוואָנע גלאַצט, גלאַצט.
דורכן פענצטער זעען זיך ווייטע שוואַרצע ביימער,
שטרענגע ווי טליעס.
אויף זיי קעפ — בלאַסע, ווייסע. קעפ, קעפ.
האָס הענגען די אַמאָליקע דוירעס אין אומהיימלאַכן אויסשטעל
אָן ענטפער אויף זייער נישט־דערזאָגטן וויי.
(מיין קאָפ צווישן זיי וועט אויך אַמאָל זיין.)

מיין איז דיין האָפענונג, אַלמאָנע, דיין גלויבן — מיין.
כ'וועל ביידע הויבן אויף אויסגעשטרעקטע הענט און טראָגן
צו די הייליקע געהאַנגענע קעפ
און גאַרנישט זאָגן וועגן מיין אַנגסט און טרויער.

אַליינקייט קומט נענטער, נענטער.
סאָנים מערן זיך — פּאַרזיכטיק־שווייגעדיק ווערן פריינט.
מידבאָר אָן עכאָ.
איינקייט, אַליינקייט אונטער דער בעלמע פון הימל.
היינט בויג איך דעם קאָפּ צו מיין מוז.
היינט פאַרנויג איך זיך טיף אין וואַרעמען גרוס צו דיר,
אַ ווייטע, אין מאָסקווער נאַכט.

נאָענטע און ווייטערע

עפשער

. . . מיט וויפיל טעג איינזאַמקייט
דאַרף איך צאָלן פאַר אַ רעגע צוויי־דריי־פירזאַמקייט.
ווי אָפט טראַכט איך, אַז איך האָב נאָך צו ווינציק
געזופּט דעם לויג פון לעבן, דעם ווײַן פון ווייטיק
צו פאַרדינען די הייליקע גאָב —
כּאַווערשאַפט.
ווי אָפט טראַכט איך, אַז איך האָב געדאַרפט אַראָפּוואַרפן פון זיך
אַלע שאָלאַכצן,
וואָס פירצענדליק יאָר האָבן אָנגעוויקלט אויף מיר,
און אַ נאַקעטער,
אַ הויל־אַליינינק־הוילער,
טוקן זיך אין שאַנד און אומגליק.
עפשער וועלן דעמאָלט פאַלן די ווענטלאַך,
וואָס שטייען שפּיזלדיק צווישן מענטשן און מיר.

בייראָן

"But there is that within me which shall tire
Torture and Time and breathe when I expire."
—BYRON.

I

אַ פלאַם דאָס וואָרט. דאָס האַרץ פון דיכטער ברענט,
און וויפיל אַנדערע ער זאָל נישט בריען —
אַליין פאַרצערט ער דאַך און פונדאַמענט
פון זיין געביי, און שווינט אויך נישט די ווענט.
ער איז שוין אַש. מען זעט אַ פונק קוים גליען.
דער דיכטער האָט זיך אויסגעברענט אין פיין.
איז דאָס זיין ווערק. איצט, מעסטערס, מעסט זיין שיין,
און נעמט זיך פלייסיק אין זיין כורבן ריען.
קריכט כאָטש אַזוי אין אייביקייט אַריין.

II

אָ, בייראָן, גרויסער באַרד און ווילדער לאָרד,
כ׳בין אין מיין זינד פאַר דיר אַצינד זיך מוידע.
כ׳האָב לאַנג שוין נישט געהערט דיין אייגן וואָרט,
און ס׳האָט פאַרטומלט מיך דער מאָרד
פון דיין געדעכעניש. ווי אויף אַ הוידע
האָט „יאָ" געטריבן „ניין" און באַלד פאַרקערט.
דאָ האָט זיך לויב און דאָ פאַרדאַכט געמערט.
כ׳האָב קעגןביידע זיך געוועַרט מיט ביידע,
ביז „יאָ" האָט אויפגעהעלט און אויפגעקלערט.

III

אין לאָנדאָן האָב איך אָפּטמאָל ווי געוואָרט:
אָט גייסטו, שיינער אויסגעפּוצטער דענדי.
עס רייסט נאָך אויפּטו זיך דיין בלוט, און גאָרט
ווי העקטאָר, אַלעקסאַנדער, באָנאַפּאַרט
מיט הייסן שפּאָן צו שרייבן דיין לעגענדע.
נאָר פּלוצלונג קרימט זיך אויס דיין קינדיש מויל.
אַ דריי אין קנעכל, באַלד אַ קראַמף אין זויל —
און אויס מיט זיג און מאַרש אין שטעט און לענדער.
דיין לאַמער פּוס פאַרבט דיין געמיט אויף קויל.

IV

דאָך ווידער לייכט דיין אויגנבלוי באַפרייט.
איז וואָרט נישט שאַרף גענוג צו שניידן גורל?
איז האָס נישט שטאַרק גענוג צו שטורמען צייט?
אָן א נ ד ע ר ליד האָסטו געבראַכט די לייט
פון שטילן קאַטעדזש און געשניצטן טוירל.
האָט א י י ן העלפט וועלט געשטוינט און זיך געבוקט,
די צווייטע האָט אין סינע זיך פאַררוקט,
און דיך געפּלוכט מיט קינע און מיט מוירע.
און דו — האָסט מיט די אַקסלען בלויז געצוקט.

V

נישט זילבן, האָסט געוואָרפן שטיקער פעלז
אויף קעפּ און הערצער — דיין געמיט אין שטיקער,
און וואו אַ שעדל נאַר, אַ פאַלשס, אַ געלס,
האָסט געריסן אים דעם ווייכן פעלץ.
האָסט דרייסט געצערנט קעגן אונטערדריקער
און דרייסט אַקעגן יאָך אין מענטש אַליין.
ס'האָט נישט געלוינט דיך ערלעך צו פאַרשטיין,
ווייל נישט צו זיין אַ וואוילער רו־באַגליקער,
נאָר שטערן רו — געווען דיין הארטער מיין.

VI

די בירגער האָט באַאומרוט דיין מאָראַל,
די מוירע פאַר די ווייבער און די טעכטער,
וואָס האָבן שטאַרק געלעכצט נאָך זייער פאַל
אויף רום־באַגלאַנצטער שאַרף פון דיין קינזשאַל.
די קריטיקער האָט לוסטיק דיין געלעכטער
געשטופּט אין דעם נאַראָנים־מאַרק אַריין.
ווי קאָן דער שייוועט דיר דאָס מויכל זיין?
דערצו האָסטו, דו ציניקער, דו שלעכטער,
דערמאָנט זיי אָן די „פּערל פאַר דעם שוויין“.

VII

האָסט נישט געקילט געדעכטן ציל מיט מאָס.
און טאַקט — די דעליקאַטע סעוועד-וואַזע —
(גאַנץ אָפט אַ פּוסטע שמאָכטע בלויז פון גלאָז)
האָסטו אָוועקגעשאַרט ווי וויאַלע גראָז,
ווען ווילן האָט געקעמפט מיט צאָל און פראַזע.
אָ, שענער אין באַרוישטער וואַגעניש
אַ קער צו טאָן אַ קליאַש מיט גאָלדנע פיש,
ווי פיל-אויגיק צו היטן זיך די באַזע
און שמייכלען ליב, באַקוועם, ביי יעדן טיש.

VIII

רום, רום! ווער איז נישט גרייט אויף הענט און קני
צו גיין דורך דראָט און זומפּ צום בלאַנקן צעפּטער?
דיך האָט דער רום אַליין געזוכט — און פרי.
דאָך האָסטו נישט געדינט צום זיסן גלי.
אָט בלענדיקער, אָט באַלד אַן אויסגעוועפּטער —
האָסטו זיין פולן, פוילן זין דערקענט.
געוואוסט: דער וועג צו פאַלק און מאָנומענט
איז אַ געדרייטער און אַ פיל-געטרעפּטער,
און איין טרעפּ נאָר, נאָר איינע, איז טאַלענט.

IX

מיט רום געזעטיקט און מיט ווייבער אויך,
האָסטו געלאָזט זיך — איינזאַמלען די גאַרבן.
די זעקס-און-דרייסיק יאָר געשאַצט נישט הויך
און זיי אַוועקגעלאָזן מיט דעם רויך
פאַר העלאַסעס פאַרשטויבטע שיינקייט-פאַרבן.
אַ כאָלעם האָט דיין יונגן פלאַם געשפּייזט,
דיין גאַנג געצייכנט און דיך אויסגעלייזט.
ניין, ס'וועט דיין טרוים העלענישער נישט שטאַרבן,
ווי לאַנג דאָ ברענט אַ דיכטער'ס וואָרט און גייסט.

X

אין רוים. ס'האָט יוני-זון באַגאָלדיקט מילד
די פּיאַצאַ, וואָס געקענט האָט דיינע ווייען.
דיין שטאָלצער נאָמען אויף אַ קליינער שילד
האָט אויפגעראָלט מיר ס'טומלדיקע בילד
פון יאָרן אין פּראָצעסיע — רייען, רייען.
שוין הונדערט נאָך דיין פרייד און נאָך דיין נויט,
און וואָס ? די צייט איז נאָר אַ שאָטן-פלויט.
נאָך ווימלען שטום און רישעס פון פּיגמייען
אַרום פּאָעט, וואָס פירט זיין שטרייט מיט — טויט.

יהואשעס טויט

1

בליציק זיגזאַגט דער ווילן,
און פלאַמיק געבערט ער דעם אָנהויב.
אונטערערדיש שלייכט דער סאָף
קומט אַליין אין זיין רעכטער צייט.
לאָמיר, שיקערע, פליען די רונדן אויפן קאַרוסעל פון אָנהויב,
און וואָוויליונגעריש כאַפּן די רינגען —
נאָך אַ פּאָר, נאָך אַ פּאָר!
און לאָמיר ניכטערע קייען דאָס זאַמד פון דעם סאָף,
און לויבן זיין כאַכמע,
און בענטשן זיין ניצאָכן.
דאָס ראָד פון דעם סאָף גייט איבער דעם האַרצן,
צעדריוועלט עס אין וואונדיקע פּאַסן.
האָט גאָט באַשאַפן די הינט,
און זיי קאָן מען צוואַרפן די וואונדן.
און בויגן זיך די קני צום אָפּגרונט אַראָפּ,
און וויל מען נאָך צערטלען דעם זשאַר פון אָנהויב,
קאָן מען ארויסרייסן די אויגן,
קאָן מען אָפּהאַקן די הענט.
ניט זען —
און שטומען.

2

טיפער, טיפער, קאַלטער ברונעם.
קוק אַריין.
טרינק זיך אָן מיט דעם שווינדלעניש.
זאָל שווינדלען מיט נאָכגיביקייט.
זאָל דער קאָפּ גיין פֿאַראויס פֿאַר די פֿיס.
זאָלן די פֿיס מער קיין אָנהאַלט ניט האָבן.
אָט איז ערד און אָט איז הימל,
און אָט איז אַלץ אויס.
לאָז זיך אַריינציען, אַריינזאַפּן.
הער ווי עס פּאַטשט מיט קיל־שוואַרצע פֿליגל
דער אומפֿאַרמיידלעכער, טרויעריקער פֿויגל פֿון לעצט.
גיב זיך וויליק אים אָפּ.
פֿאַרטיליק די מורא.
שטעך זיך אַריין מיטן האַלדז אין זיין שפּיציקן שנאָבל.
פֿאַראַנקער די ברוסט אויף זיינע דאַרשטיקע קלאָען.
און פֿלי —
אַרונטער, אַרונטער, אַראָפּ.
עס איז, ווי ס'באַדאַרף זיין —
סאָף.

צום גוף

I

כ׳בין קראַנק געווען און כ׳האָב געטראַכט פון קלוגן היינען,
וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג געשטאַרקט צו שמייכלען
אויפן בעט.
פון לודוויגן, וואָס האָט מיט צוק און זשעסט זיין
וואונד פאַררעדט
און נאָך פיל שענער אויסגעשטילט פאַר אונז זיין וויינען.
פון קיטסן, דעם באַזינגער פון דער פרייד צו זיין פּאָעט,
דעם ליבע־קראַנקן, לייב־פאַרשעמטן, שטילן, קליינעם.
פון אַלע, וואָס דאָס לייב האָט זיי באַטיילט מיט קרוינען
פון ליידן — קרוינען פון דעם לייבס נעקאָמע און געשפּעט.

אָ לייב, דו פּאַלשע, אָרימע, פראַגילע הילע.
קאָנסטו ניט פּאָלגן גריכנלאַנד, טאָ הער דעם רוף פון רוים.
באַפליגלט זיי מיט קראַפט, מען זאָל אָן דיר געדענקען קוים,
ווען דו דערמאָנסט אונז ניט אָן דעלפי אָדער מילאָ.
און ווערסטו בעטלעריש און פאַלסט אויף מיר מיט
קראַנק געוויכט,
פאַרלירסטו גאַר דיין זין, און ס׳עקלט מיך דיין אָנגעזיכט.

II

כ׳בין קראַנק געווען און אויף דער דראָט

דער רויט-געגליטער,

בין איך אַ דורכזיכטיקער מיטגעגאַנגען דאָן מיט אים,

וואָס האָט ערשט אויסגעטאָן דאָס לייב אויף אייביק.

מיט אַ שטים,

ווי פליגל-פלאַטער דורך אַ פינצטערן געגיטער,

האָט צו מיין האַרץ גערעדט יהואש טרויעריק-אינטים:

געדענק די שוואַרצע טיר. איר שאָטן איז דיין היטער

די גאַנצע נאַכט, ווען בלויז דאָס קישן וויים דיין ציטער,

ניט יענע רעגע נאָר, וואָס וויקלט אוים דעם לעצטן דרים.

אַ טויבער מידבאַר-גען, וואָס האָט מיט טרייפער לוסט

און מאַכט

ביים האַלדז געשטיקט — איז יאָר נאָך יאָר געווען

יהואשס נאַכט.

ווי אָפט האָט פון אַליינקייט אים דאָס שטאַלצע

האַרץ געצוקט!

מיך האָט דאָך בלויז אַ ריץ געטאָן דעם לייבס

פאַרסאַמטער שטיין.

און ווי בין איך אין יענע וואָכן שוין געווען אַליין.

דער נאָענטסטער האָט אויך ווי דורך אַ דיקער שויב געקוקט.

יוסף אָפּאַטאָשו

אין שרייבן — אונזער זין, מיר שרייבן אַלע.
און יעדער זוכט און איטלעכער באַגערט.
געבענטשט, ווער אין זיין טואונג ווערט ניסאַלע;

ווער ס׳טרייבט פון זיך די זאַמדן, די טריוויאַלע,
און ש פּ אַ נ ט , כאָטש ס׳ברומט דער קאַם און
ברענט די ערד:
אין שרייבן — אונזער זין, מיר שרייבן אַלע!

פון גרויע גרונטן, נאָנט צום קאַפּאַקאַלע,
אַ ר ו י ף איז אָפּאַטאָשון אַלץ באַשערט.
געבענטשט, ווער אין זיין טואונג ווערט ניסאַלע.

ווער ס׳ווייס עס ניט, דעם בין איך דאָ מעגאַלע
מיין פרייד, וואָס אין דעם כאָר זיין שטים זיך הערט:
אין שרייבן — אונזער זין, מיר שרייבן אַלע.

ס׳לויכט אונזער שפּראַך — אַ יונג-באַגערטע קאַלע,
וואָס מער זי ווערט פון זיין עקסטאַז גענערט.
געבענטשט, ווער אין זיין טואונג ווערט ניסאַלע.

הערט אָפּאַטאָשום טריט, די פעסט-וויטאַלע,
און זאָגט און זינגט צו זיך, ווי ניי-באַקערט:
אין שרייבן — אונזער זין, מיר שרייבן אַלע.
געבענטשט, ווער אין זיין טואונג ווערט ניסאַלע.

יעקב גלאַטשטיין

ס'איז פאַרשטענדלעך דער ווײ פון דער עלטער,
וואָס מיט רונצלען אויף פּאַרמעט זיך מאָלט.
נאָר אומהיימלעך דער צאַר, דער פאַרשטעלטער,
ווען ער טונקלט דורך יונגשאַפט און גאָלד.

כ'האָב פאַרנומען אַ דיכטערשן פליסטער
און פאַרבענקט שוין געוואַנדלט אַ טאָג.
ס'האָט געמיניעט אַ ליכטיק געווויסער,
ס'האָט געיאָמערט פאַרטאַיעטע קלאָג.

טיר און פענצטער רײסט ברייטהאַרציק גלאַטשטיין,
האָט נישט מוירע זיך ווייזן דער וועלט.
און פאַרבלייבט אין די נעצן פון מאַט־שיין,
ווערט פרי גרוי און אַלץ העכער פאַרשטעלט.

היינט וויים איך...

ווער קלימפּערט עם דורך טאָג און נאַכט
און מאַכט האַוואַיעס ווי אין אַ הייליקער שלאַכט
מיט די הימלען?
עס איז מיין וויטער באַקאַנטער, דער אינדישער פּאָעט,
וואָס האַלט זיך פאַר אַ שטאָפּעט פון די געהיימע קויכעס
און גייט אַרום אַ פול־באַלאַדענער מיט שליסלען —
מיסטאָמע פון טאַרפּאַטן סוידעס.
איך בין זיך מוידע — מיינע אויגן טוען מיר וויי
צו קוקן אויף אים.
זיין פּאַטעטישער געשריי, ווי בלאָנדזשענדיקער רויך
פון ווייטע שיפן,
זיין דעקלאַמירן מיט קרומע היעראָגליפן, אַז אָט־אָט־אָט
וועט ער עפענען פאַרריגלטע טירן
און אויפרייסן — צום גראַם — פאַרזיגלטע פּאַפּירן,
מאַכט מיך נאָר שטאָלץ מיט מיין אייגן נישט־וויסן.
אָט זאָג איך אָפן:
איך וויים גאָרנישט,
נישט דעם טאָפּל, נישט דעם איקער.
איך בין פריי,
ווי דער שיקער, וואָס גיט אַ זעץ אַרוים דעם פּראָפּן
און כאַפּט אַ שטאַרקן זופּ.

דאַווקע היינט וויים איך יאָ עפּעס,
ווייל אַ קנופּ רייבט דאָרט ערגעץ אין מיין מאַרך.
יאָ, איך וויים גענוי:
היינט האָט אַ פלוי מיך אַ בים געטאָן.

(מאַלט אייך — ס'איז אַ פיגוראַטיווער אויסדרוק,
נישט אַ פּלוי,
נאָר אַ מענטש אזוי־און־אַזוי האָט אַ שפּרונג געטאָן
אויף מיר אַ מינוט,
געגעבן אַ שמעק, אַ לעק מיין בלוט און איז אַוועק —
אָנגעפילט מיט זאַטקייט און מיט גאַיווע).
איז אָט דער ביס,
כ'ווייס עס אויף געווים אין דער איצטיקער שפּעטער שאָ,
האָט געמישט מיט ביטערניש דאָס ברויט פון מיין מאָלצייט
און מיך אַפילע געפירט צו געדאַנקען וועגן טויט.
ס'איז געקומען אַזוי ווייט,
אַז איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט מיין דזשעניטאָר,
אַן אינטעליגענטן נעגער.
ער האָט העפלעך אויסגעהערט און קלוג צעקייט:
You jes' cant do nuttn wid a goddam parasite.

אַ געשפּרעך

דר. חיים זשיטלאָווסקין מיט ליבע

„מיר האָבן צופּיל דורכגעלעבט פּאַר בלויז איין לעבן, מייסטער.
געשטיגן הויך, געפאַלן טיף, געוווירבלט אין אַ ראָד.
אַט אָנבליק העל פון מענטש אין נעם — אַט מאַסקע פון אידיאָט.
מיר ווייסן שוין נישט מער, וואָס רייסן הייסט, וואָס וועבן,
מייסטער".

„די יוגנט שפּרינגט און מיינט מיט איר באַגינט באַגינען, יונגער.
נישט היינט דער אָנהויב און נישט מאָרגן דער פאַרהאַפּטער סאָף.
פון „אלף" ביזקל „תיו" אין פּילפּאַך „אלף", פילפּאַך „תיו",
און דאַן ערשט קריק—און נישט פאַראָגען קיין אָנטרינען, יונגער".

„איז נישט פון „מיר", פון „איך" וויל איך דאָ איצטער רעדן,
טרייסטער.
מיין ווייטיק גייט וואוהין? און וואו דער בלי פּאַר מיין פאַרבלי?
העל וואונדער ווינקט, נאָר איך ביים פוס פון באַרג אויף וואונדן-קני.
איז העלקייט דאָ, מוז העלקייט זיין פּאַר היינט און יעדן,
טרייסטער".

„איך קאָן דיר בלויז פון איין איך וואָרעוודיק דערציילן, פרעגער.
כ'האָב קלאָר געזען, וויל כ'האָב דורך אַלע טעג געזוכט די וואָר,
און וואָר געגאַנגען, וויל כ'האָב אומעטום געדאָרשט נאָך קלאָר—
און העלקייט איז געווען, גענוג אויף זיך צו טיילן, פרעגער".

„ס'איז בייז אָרום און בייסיק. וואו מען ברענגט די בליקן, זעער—
ווי ס'וואָלט די ערד אַליין געוואָיעט, מיט איר דורכפּאַל פּול.
דאָס איי פון צייט — די לייגערין געווען איז דאַנדיק־דול,
און כ'האָב באַשטעלט די שלעכטסטע שאָ זיך אויסצופּיקן, זעער".

„נישט שפּרינג, נישט שפּרינג. דאָס איי פון צייט איז נאָר מעליצע, צווייפלער.

דער בעסטער אָנהויב הייסט: די יונג־מעליצע בענדיקן.
געדענק און דאַנק: נישט דו באַרופן ביסט צו ענדיקן.
נאָר קלאָר געלוגט און קלערער אַלץ! און זיך נישט היצן, צווייפלער".

דער ברודער פון גאָליל

ער האָט געוואונען, דער ברודער פון גאָליל,
ער קאָן נישט פאַרלירן, דער פּאַשטן פון נויצערעס.
אַ שוואָם מיט עסיק האָט ער באַקומען —
אַ כאַלעם האָט ער געגעבן,
דעם אייביקן כאַלעם פון וואָרט אַקעגן דער אייביקער וואָר.

דריי יאָר האָט דער ברודער פון גאָליל
געוואויגן כאַלוימעס מיט וואָר אויף דער וואָג פון זיין ליד.
ער האָט ווערפל געוואָרפן מיט זוינעס אין גאַסטהייזער,
מיט מערדער און מאָסרים אין פינצטערע ליקעס,
מיט די לייט פון שטאָט
און מיט די לייט פון דאָרף
אויף די וועגן און געמאַרקן.
צום סאָף דריטן יאָר האָט ער פאַרשעמט זיינע אויגן
געוועגדט
אַהין און אַהער און אַרויף
(נאָר קיינמאָל שוין מער ניט אַראָפּ)
און געזאָגט מיט טרויער און מיט קלאָרקייט פון האַרץ:
פאַרוואָר, די זין פון מענטש האָבן פיינט איינס ס׳אַנדערע,
און זיך אַליין נאָך מער,
און מוירע גרויט שווער אויף זייערע ברעמען.
זים איז צו זיי דאָס הויז אויפן זאַמד — זייער לייב,
און זים די זשומענדיקע פליג — זייער טאָג,
און פיינט האָבן זיי זיך, און פיינט איינס ס׳אַנדערע,
ווייל זיי קאָנען נישט ביישטיין דעם סאָם פון דער זיסקייט.

האָט דער ברודער פון גאַליל געטראַכט אַן אָוונט מיט אַ נאַכט.
און ווערפל געוואָרפן מיט זיך אַליין,
און געשמייכלט צום לעצטן מאָל איבער די שאָלן פון זיין וואָג.
דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט אריינשלאָגן טשוועקעס
אין די הענט און פיס,
און פאַרשניידן זיין טאָג מיט עסיק אויפן וואונדיקן גומען,
און האָט זינגען געזאַנגען גענומען,
זינגען העלע געזאַנגען גענומען —

פון דער פיינטשאַפט פון פיינטשאַפטן,
פון דער דין־דינער סינע,
וואָס טוליעט און קניפּט און פאַרבינדט.
וואָס קניפּט און פאַרבינדט,
און פליסטערט, ווי אַ קינד,
און ציינדט מיט באַגערן,
ווי דורך טוליען פון טרערן.
פון דער מוירע פון מוירעס,
פון דער שניידיקסטער שרעק,
וואָס שיקערערהייט הויבט די הענט אין אַ פרייד
הויב־הויב־הויב, אַרויף און אַרויף —
נאָר אין בענטשונג, נאָר אין לויב.
פון אַ היינט, וואָס נישט פינצטערט, נישט שיינט,
וואָס איז גאָרנישט קיין היינט,
נאָר אַ צוק פון אַ ברעם,
נאָר אַ ליכטיקער, דריימאָל געזיגלטער שעם:
מאָרגן, מאָרגן, מאָרגן.

און דער ברודער פון גאַליל איז זינגענדיק געשטאָרבן.

און ווען הייסע, בייזע שטרייפן, שאַרפע ווי כאַלעף און
רויטע ווי בלוט
האָבן ווידער געשפּאָלטן די שטיבער, צעריסן אויף צוויי,
ווען געמיטער האָבן ווידער אָנגעשוואָלן ביז ארויף
מיט גרימיקן שיגאָען און וואָרגענדיקער טאַיווע,
האָבן מענטשן מיטאַמאָל אויך אָנגעהויבן —
זען העלע, מילדע העזעלעך טאַנצן אַנטקעגן פון
איינזאַמע ווינקלען,
און שפּירן אַ פלאַטער פון ווייס־ווייכע פליגל —
מאָרגן, מאָרגן, מאָרגן.

וואָרים פּאַרוואָר:
פּיינט האָט דער מענטש זיך אַליין און אַנדערע,
און מוירע שוועבט גרוי אויף זיינע אויגנדעקלעך,
און קיינמאָל הערט ער נישט אויף צו בענקען נאָכן
גאָלדענעם ליד פון וואונדער.

העברעאיש

„ערשט דורך העברעאיש קומט דער עכטער אידיש-שאַל".
נו גוט, נו גוט, טאַקיפים-העברעאיסטן.
איז יידיש ניט דער יונגער שפראי פון אַלטן קוואַל?
פאַר מיר פיל מער: איך הער אין אים דעם שטייג און פאַל
פון אַלע די, וואָס שרייבן נישט לעהאַכים, נישט אוממיסטן,
פון די כאַווײרים מײנע, וואָס מיט האַרץ און גאַל
מיט מיר אינאײנעם גראָבן אויף אַ וועג אַ ווײסטן,
און זוכן שפריצן אײדלשטײן און טראָפּנס שטראַל
פון אונטער גאַנצע הויפנס אָנגעיאָגטע מיסטן.
נאָך מער: אין אידיש-טײטש האָב א י ך אויף צײטס
פּאַרטאַל
מײן נאָמען אָנגעשריבן און — באַגריסט אים!

פאַביוס לינד

פּאַביום לינדס טעג

פּאַביום לינדס טעג גייען אָפּ מיט בלוט.
דורכפּאַלן אין רויטע שלענגעלעך לײדיקן אוים די אָדערן.
אין קאָפּ —— מוטנע-ווייסע פלעקן. צעטומלעניש.
און דאָס האַרץ איז שווער-באַלאָדן.
ער וואָלט...
ער וואָלט...
גרויע געשפּינסן מאַרע-שכוירע —
אין דעם זינען, פאַר די אויגן,
און עפּעס אַן אָנגעצויגענער בויגן, וואָס צילט
אין סאַמע שפּיץ נאָז.
פּאַביום לינד פּאַרטראַכט זיך,
פאַררעדט זיך, פּאַרלייענט זיך, פּאַרציט
פון פּאַרלוירעניש
די פּעטליע אַרום דעם האַלדז.

פאַרוואָס קאָן זיך פּאַביום לינד נישט אָנכאַפּן
פאַר די פּאָלעס פון דער צייט
און מיטגיין אין די רייען פון אַלע מאַרשירער?
פאַרוואָס קאָן ער נישט אַ פאַר טאָן צוריק צום קינדישן
שפּיל-הויף
און ברעגנעך פון דאָרטן די פּייפּעלעך אויסצופּיפּן זיך
דאָס ליד פון באַרואונג?
פאַרוואָס איז ער אַזוי גלייכגילטיק ביי אַ לעוואַיע
און אַזוי דענערווירט ביי אַ געבורט?
פאַרוואָס קאָן ער נישט אַ כאַפּ טאָן ביידע הורן —
טויט און לעבן
און לאָזן זיך מיט זיי אין אַ הייליק-נאַריש ריקעדל?

נאַר װעמען פרעגט דען פּאַביום לינד?
קיינעם נישט, בלויז זיך אַליין.
און װאָלט ער געקאָנט אויסמויעכן אַן ענטפער,
װאָלט ער נישט געפרעגט.

פּאַביום לינד איז אין אַט די טעג פון גראָדע רעלסן
גאַרנישט װאָך.
ער גייט אַרום שאָען, טעג
און כאַלעמט גאָלע נישטאָען.
אַ צייט, װאָס נישטאָ,
אַ לאַנד, װאָס נישטאָ,
מענטשן, װאָס נישטאָ,
אַ פּאַביום לינד, װאָס נישטאָ.
ער װאָלט...
ער װאָלט...
יאָ, יאָ, ער װאָלט!
דער פאַרלאַנג, דער געדאַנק פליט אַװעק אויף אַ
נישט-געבעטענעם װינט,
און קומט צוריק װי אַ קנויל רויך.
דער כעשבנדיקער מויעך האָט פּאַביום לינדן
קיינמאָל נישט גוט געדינט.

פּאַביוס לינד רייט אויפֿן ווינט

I

פּאַביוס לינד האַלט זיך פֿעסט אַן דער צעפּלאַשעטער גריווע
פֿון יונגען פֿרילינג
און גאַלאָפּירט איבער די פֿרייע שליאַכן פֿון באַגער.
וואָליופּטע סאַמומלעך אַרום אים,
וואָליופּטע סאַמומלעך אין אים.
פּאַביוס לינד פֿאַרטרויט זיך דער פֿאַרשייטער גריווע
און ער טראַכט,
און ער כאָלעמט.

II

פּאַביוס לינד האָט זיך שוין לאַנג געכאַפּט,
אַז אַרום אים מערן זיך אַלץ מער און דרייסטער
אַלערליי יונגע מאַנספּערשוינען,
אומגלויבלעך אינגערע פֿאַר אים.
אַסער, צי ער וויים
ווען אַזויפֿיל טעג
האָבן צייט געהאַט זיך אויסצושטעלן ווי כאַיאָלעם וועכטער
הינטער זיין נישט-פֿאַרדעכטנדיקער שטאָלצער פּלייצע.
אַסער, צי ער פֿאַרשטייט,
פֿאַרוואָס די אַלע פֿרעמדע איידעס זאָלן ניט צוריק אַוועק
אין די נישט-געבעטענע נעכטנס, אייערנעכטנס און
פֿאַרפֿינעפֿיאָרנס —
פֿון אַ פּאַך בלויז מיט זיין יונגער האַנט.
אָבער צו-וואָס אַזויפֿיל נייע מאַנספּערשוינען?
און פֿאַרוואָס בייסן פֿרעכע ציינער אָפּ שטיקער פֿון זיין פֿרייד
ביים אָנבליק פֿון די נייע אָפּעליאַס?

III

פּאַביום לינדס האַרץ איז פול מיט צאַרטקייט
צו די לעצטע פרויענמאָדעס.
זיינע ליפּן מורמלען אָפּט פרומע אָדעס צום אײדעלן ריטם
פון נישט־איבערגעוואָקסענע, וויברירנדיקע היפּטן,
און מיט ליבשאַפט גליטשט זיך זיין דערפרייט אויג
איבער דעם שטייפן בויג פון אָפּנהאַרציק טרעטנדיקע פיס.
נאָר די נייע ער׳לעך
פאַרשטעלן אָפּט כוצפּעדיק דעם פרייען אויסקוק.
און פאַביום לינד איז נישט קיין הײלמאַן־יעגער,
נישט קיין ער־גאָרילע.
ער איז נישט אַפילע — גלאַט אַ שטרייטער אָדער שלעגער.
ער איז אַ דזשענטלמאַן
פון דער געצאַמטער, ציוויליזירטער שטאָט ניו־יאָרק,
וואָס וואַנדלט נאָר אַמאָל איבער די סאַמיק־רייצנדיקע שטעגלעד
פון פרוידס כאָלעם־טײַטשונג.
און אויב נישט ער פאַרשעמט זיך,
און נישט ער ווערט געטרייסט,
דערלויבט אים דאָך דער גרויסער זעער און פאַרשטייער פון ווין
צו שמייכלען גוטמוטיק.
און אַז וועלכעלעך טרויער
שלאָגן אין די ברעגן פון דעם שמייכל —
זעט עס דאָך קיינער נישט.

IV

פּאַביוס לינד איז שוין אָפּגעריטן אַ מעהאַלעך
אויף זיין האָרכזאַם פערד.
נאָך דאָרשטיקער טוליעט ער זיך צו דער העפקערדיקער
גריווע,
און איילט —
איילט, איילט, איילט —
אויף אַלץ נייע און נייערע רופן.

פּאַביוס לינד אויף דער לעוואָנע

פּאַביוס לינד זיצט אויף דער הוידע פון דער לעוואָנע,
קוקט אַראָפּ אויף דער ערד, טראַכט און באַטראַכט:

ווי שטיקער נאַכט-הימל מיט פינקלדיקע יופּיטערס,
בלישטשנדיקע סיריוסן,
פלעיאַדן און קאָנסטעלאַציעס,
זעט אוים זיין געליבטע שטאָט אונטער אים.
(אויבן פליען שטערן-שטעט איימעדיק און האַסטיק,
און אונטן ראָלט אַן איימעדיקע פאַנטאַסטיק אַרום און אַרום
הינטער די עלעקטרישע בליצערס
אין די געמויערטע גיגאַנטן.
ווי אויבן — אזוי אונטן).

די מויערן לעשן זיך איינציקווייז.
איצט זענען זיי דער נאַכטס הויכע וועכטער,
וואָס באַשירעמען אַלע נעכטער פון דער פאַרשווערערין —
דער שטאָט.
(פול מיט פאַרשווערונג איז שטאָט.
אירע לייט בעטן שטענדיק אַ נישט-געהערט געבעט:
היט און באַשירעם!)

די לעוואַנע רייזט, קרייזט מיט פּאַביוס לינדן,
און ער ווענדט אַלץ מער זיין טראַכטעניש צו זיך אַליין —
לויט אַלע קלאַלים פון דער לירישער פּאָעזיע.
ער איז נישט אַזוי אויסער פלאַץ ווי אַ שויפענצטער לאַטוסן
אונטער אַ הורבע וואַלקן-קראַץ,
נאָר פון פיר מאָל פיר ווינקלען אַרום אים
שטעכן בערעלאַך פון פרעמדשאַפט.
ער איז נישט אַזוי פאַרלוירן
ווי אַ זונטיק-אויסגעסטראַצלטער פּראַנט,
וואָס האָט נישט קיין ביינאַנד, און נישט וואו צו גיין,
נאָר . . .
(פּאַביוס לינד פאַרמאַכט די אויגן.
זיין קאָפּ צינדט זיך אָן — ער ברענט ווי לויטער ליכט.
ער פליט פון דער לעוואַנע און אין די פאַלנדיקע פלאַמען
ברענען אַלע ווענט, טירן, שלייערן,
וואָס האָבן פאַרשטעלט פון אים די וועלט מיט אַל איר
ווידמענונג,
פאַרשטעלט אים אַליין פון זיך).

פּאַביום לינד צום כּאַווער טויט

מענדל עלקינען

נישט אַזוי דו אַליין,
ווי דער גאַנג צו דיר, דאָס קאַפּיטולירן צו דיר,
ליבער דיקטאַטאָר.
איך ווייס נישט אין וואָס פאַר אַ קאַלכאויוון
ס'האָבן זיך מיינע שטאָפּן געפּורעמט,
נאָר קאַפּיטולאַציע פּיינטן זיי מיט אַ גרוים פּיינטעניש.
איך בין נישט געבוירן זיך אונטערצוגעבן.
ווען דו גיסט הינטערוויילעכס אַן אָטעם אויף מיר —
אין דעם אַוועקפּאַל פון אַ נאָענטן,
אין אַ רעגע פון אייגענער געפאַר,
צי אין אַ פרעמדער לעוואַיע אויפן גאַס —
וויל איך שוין זיין אויף יענער זייט פּאַרקן,
אין דעם נישט-הערן-געדענקען פון דיינע שאָטנס —
אַבי אויסמיידן דאָס געפעכט, וואו דו מוזט זיין זיגער.

אויף מיין שוועל איז שוין אויסגעקאַרבט דער טאָג,
ווען דו וועסט קומען צו מיר גוט-יאָנטעוו ביטן.
נאָר וויל איך — קאָן איך פריער קלאַפּן אין דיין טיר,
און דו וועסט מיך אויפנעמען.
אָן פרעגענישן, אָן טאַינעס,
וועסטו דריקן מיין האַנט און באַדעקן דעם טיש
מיט דיין ברויט און זאַלץ.
דו צו מיר — אָבער איך אויך צו דיר,
ווי עס דאַרף זיין צווישן עמעסע, נאָענטע פריינט,
כּאַווער טויט.

פּאַביוס לינד איז זיך מוידע אין אַ זינד

פּאַביוס לינד איז זיך מוידע אין אַ זינד,
אין אַ זינד פון געדאַנק, נישט פון טאַט, נישט פון האַנט.

פּאַביוס לינד האָט לאַנג געשוואוירן:
ס'גאַנצע אייזן פון דער ערד וועט קרישלען זיך פון זשאַווער,
איידער ער וועט קענען ווען אויפהייבן אַ שווערט.
מעג עס זיין דער ערגסטער סוינע אָדער בעסטער כאַווער—
ער וועט אָננעמען פאַר ליב אַ קריוודע, ווי באַשערט.

און אָט איז פּאַביוס לינדס זינד:
אימיצער האָט געצויגן אַ סינעדיקן בויגן
און געצילט אַ פייל צו אים גלייך אין האַרץ.
די פייל האָט נישט געטראָפן —
פּאַביוס לינדס האַרץ איז אויסגעפּרואווט
און פאַרפּאַנצערט קעגן שלעכץ און טויט.
נאָר דאָס מאָל האָט ער נישט געקאָנט איינהאַלטן אויפן קייט
אַלע הינט פון קאַס.
איינער האָט זיך אָפּגעריסן, צעבילט,
און ווילד געהעצט צו רעציכע אַקעגן דעם טויטלאַכן סוינע.

ס'איז געווען אַ קאָשמאַר, נישטמער.
דער צעדולטער קעלעוו איז פאַרבליבן אין פּאַביוס לינדס מאַרך,
און בלויז דאָרט פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אימיצנס
פרומער פיינטלאַכקייט.
נאָר פּאַביוס לינד הערט נישט אויף צו שיטן אַש אויף זיין קאָפּ:

דאַרף נישט געדאַנק זײַן נאָר שטאַרקער ווי האַנט,
און די רו פֿון האַרץ — נאָך פֿעסטער ווי אַ שוואוּע?
האָט ער נישט געקוקט געַנוג אין דעם קרישטאָל פֿון וואָרט,
וואָס טרייסט און לייטערט?

אַ ווײַנט מיט פּאַביוס לינד.
ווי וועט ער אויסקויפֿן זײַן שווערע זינד?

טונקלנישן

שוואַרצשאַבעס

גאָט — מאַכטיק ווייב פול מיט לייב.
ניטשעס קאָפּ — אַ גליבע ליים.
ראָדענס בראָנזענע באַסאָווע פּלייצע.

פון די אָפּגרונטן, וואָס ענדן נישט
אפילע מיט מיין ענדעניש,
דען זיי זענען פאַר — — פאַר — — פאַר
אסאַך, אסאַך פאַר מיר.

פון די טיפגרונטעני‌שן,
אָנענדן,
כוואַליעט אינדעט אויף מיר
גרוי, בלייערן,
גליטשיק, לאַבעריק, לאַבנדיק.

גראָב-דאַבעריש, שווער-שטאַבעדיק
שאַבערט, צעשאַבערט מיך
און צעראַבעוועט מיך
אַ שוואַרצשאַבעס,
דער שוואַרצשאַבעס.

די מאַראַנע אין סאַבוויי

קעגן מיר אין דעם סאַבוויי איז געזעסן די מאַדאַנע,
פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס
און געלייענט אַ טאַבלאָיד.
געלייענט ווי אַ קאַסירשע האָט זיך געטאָן אַ טוק און
אַ טויך —
איר כאָסן האָט זי פאַרלאָזן מיט אַן אויפגעגאַנגענעם בויך.
די מאַדאַנע האָט מיט איר ליפּ־שטיפט באַשמירט איר מויל
און ווייטער געביסן אין דער ברעניקער קויל
פון טראַגעדיע.
די מאַדאַנע האָט אַ גלעט געטאָן איר שיכל פון
שלאַנגישער הויט
און ווייטער באַיאַמערט דעם שלונדיקן טויט
פון דער קאַסירשע.

טיק־טאַק האָט געקלאַפּט מיין בליק.
דער מאַדאַנעס אויגנדעקלעך האָבן דערהערט
און צוויי לענגלעכע היילן האָבן געטאָן אויף מיר אַ קער
זייער זאַמשענע טיפקייט, זייער היימלעכן סאָד,
און איך האָב פאַרנומען אָט די רייד דער מאַדאַנעס,
די רייד, וואָס זי האָט גערעדט בלויז צו מיר
אין דעם סאַבוויי:
און גאַליל, דעמלט אין גאַליל,
האָבן די סטאָליערס, די שוסטערס, די שניידערס,
די פישערס, די מאַלוועס, די גאַנאָווים
אַ רעטער באַדאַרפט און אַ גאָט.
האָב איך געעפנט מיינע בסולישע לענדן,

און אין אַ טונקעלער שאָ אויפגענומען אין מיין טראַכט
דעם באַדערפטיקן זאָמען פון דעם, וואָס כ'וויים נאָך אַלץ
נישט זיין נאָמען.
אַ זעלנער, אַ פרעמדער, אַ בייזער, אַ קנעכט פון דעם קייסער,
אַ פישער מיט הענט אין קרעץ פון שלעפן די שטריק
פון זיין נעץ,
צי אַזוי אַ בראָדיאַגע, וואָס האָט גראָד דעמאָלט
געפּרעפּלט: מיין גאָט!
איך קאָן דיר נאָר זאָגן, כ'בין פאַרגאַנגען אין טראָגן.
אָ, פאַראַנען נעכט ווען ס'שטעכט דער גייסט דיין אינגעווייד,
ווי אַ קאָרשונס שנאָבל,
און פלעכט דיך אַרום ווי אַ שלאַנג.
פאַראַן שוואַרצע, אָפּנהאַרציקע נעכט, וואָס אָנען
דאָס מאָנען פון בסולישע לענדן.
ס'איז געווען דער גייסט פון גאָט,
וויל זעלנער און פישערס און בראָדיאַגעס
האָבן געמאָנט אַ רעטער, אַ גאָט.

די מאַדאָנע האָט באַפּודערט איר נאָז און קין,
(איר נאָז איז געווען נאָבל און דין)
און האָט ווייטער גערעדט:
פון ווייטן בלענד
און ליכטיקן רוף,
פון נאָנטן טרויער
אין שווערן גוף
כאַלעמען אוים מאָלער און פּאָעטן
מיינע פאַרטרעטן דאָר נאָך דאָר.
פון אַמאָליקן צוויטיקן פרילינג
אויף פעלדער, אין וועלדער,
שטרעקן הענט זיך: באַוויליק!

בעטן אויגן
דורך דער לענג און ברייט פון יאָר.
אין געוואָרגענער וואָר
אויף גאַסן, אין סאָבוויים,
בענקען מענטשן אַלץ נאָך דעם וואונדער,
כאָטש זיי גלויבן נישט מער אין זיין געבוירן.
אָ, איך וועל אַמאָל וואַרפן פון זיך די געוועבן
וואָס וויקלען מיך, פענטן אַרום
און מיט נאַקעטקייט
אָנטרינקען אייער דאָרשט.
און הער:
ס׳וועט זיין ווי יענער גרויסער באַשער
דעמלט,
דעמלט אין גאַליל.

די מאַדאָנע האָט גערעדט נאָך לאַנג,
נאָך לאַנג און היים און גיך.
נאָר איך — כ׳האָב שוין מער נישט פאַרנומען.
אין פלאַטער אין פרומען האָט גענענט דאָס קומען
פון אָפּנהאַרציקע לעוואָנעס און זונען,
און כ׳האָב געשפּירט ווי עס רירט זיך גאָטס גייסט אין מיר
ווי אַ האָז, ווי אַ שלאַנג, ווי אַ פויגל.

פרוי

(זעענדיק דזשייקאָב עפּשטיינס מאַדאָנע)

נעם מיך אַרום
מיט דיינע צערטלעך־שטאַרקע הענט.
נעם מיך אויף
מיט דיינע גרויסע, ערדישע פיס,
זאַפּ מיך איין אין דיינע טונקלקייטן.
הויך אויף מיר אַרויף מיט דיין אָטעם,
לויכט צו מיר אַרויף מיט דיין פּאָנים,
אָ דו וואָס יערסט אין עקסטאַטישער רו
דורך רעגעס פון מיין רייצונג.

ברענג מיך צוריק צו דיר,
מיש מיך ווידער אוים מיט זיך,
דו צעשפּרייט־פּיסיקע,
געבערערין מיט אויפגייענדיקן בויך,
אַנטפּאַנגערין פון צופעליק־אויפגעשווימטן זאָמען,
און לייז אוים מיינע רעגעס,
שטיל איין די הייסע דאָרשטן פון מיין אומרו.

שטיל מיך איין, שטיל מיך איין,
מאַמע־ווייב,
שאַפערין אין שטילע פייכטקייטן,
אויפהאַלטערין, געווינערין,
באַשיצערין,
אַלאייזנדיקע.

אין אַ נעגערשן קאַבאַרעט

ברוינע היפּטן — פידל־פידל.
ברוינע היפּטן וויגן זיך,
הייבן זיך און הוידען זיך,
ווינקען צו, און סוידן זיך
מיט די בלוטן פון דער ווייסער ראַסע —
אַנגלאָ־זאַקסן, נאָרדיקס, אידן. מענער, פרויען.
ווער פון זיי עס שווערט ביים בוך, ווער עס קומט
פון קלויסטער.
אין דער צעברויזטער, געדיכטער שאָ — וואָס ווערט
פון אַלץ מיט אַלעמען?
ווינט־געפילטע באַלימער,
און ברוינע זאַדיקלעך פּאַטשן זיי,
און ברוינע פריידיקלעך קאַפּיען זיי,
און זיי שפּרינגען אָפּ פון דעם וואַרימען, געשטייפטן בויגן,
פון בייכער, לענדן, קני און פיס.
זאָל ווייסע כּאַכמע ערגעץ קילן.
דאָ הילן הייסע נעפּלען פון שווערע רייכעס און שאַרפן שוויים.
דאָ שפּילן הייסע פייפלעך פון וואַלד און בוש —
ווענן ערדיש־פייכטע טונקלקייטן.

פייכטע טונקלקייטן אויף געוועקסטע דילן.
ווייסע הענט — צו ברוינע היפּטן,
ווייסע הענט —
אָרום ברוינע היפּטן.
ריטמיש, ריטמיש
גליטשט זיך, גליטשט זיך
ווייסע בענקשאַפט צו ערדס געבאָט.

הייסע נעפּלען צווישן טישן.
שיקערן, סאַמען,
מאַכן דול, מאַכן פול, מאַכן שוואַך,
און ס׳פּאַלן צאַמען ביי ווייסע דאַמען.

אַ, צו וואָס די איבעריקייטן פון מוסלין און זייד,
אַז ריין, פאַרשייט צויבערט, שויבערט
ס׳ליד פון פייכטע טונקלקייטן אויף גלאַנציקע פּאַרקעטן.
שטערט־זשע נישט דער בלאָנדער געטין
צוריקאַנטפּלעקן פון לייב די פרייד.
לאָזט זי טאַנצן.
זאָל זי בייסן, זאָל זי רייסן
פּאַסן יאָרן, פּאַסן זיקאָרן, פּאַסן קלייד —
ס׳ווייסע בלוט וויל זיין באַפרייט.

ברוינע היפטן — טידל־דע־דידל.
ברוינע היפטן באַלאַנסירן,
און וויברירן,
און זשאָנגלירן
מיט אַלע ווינט־געפילטע באַלימער פון דער וועלט.

פראַגמענט פון אַ האַלבן דיאַלאָג

דער סאָד פון מאַנוויב, ליבע כאַווערטע,
איז דער סאָד פון מאַן און ווייב,
אַמאָל פון מאַן אָן ווייב,
און אַמאָל פון ווייב אָן מאַן.
שטוינט נישט טיף, ליבע כאַווערטע, איבער אָט די
מוטיקע פלאַכיזמען
נאָר הערט און פאַרנעמט
נאָך אַ פּאָר.

צו פופצן איז דער סאָד אַ נייגעריק פערדל,
וואָס רייט איבער אַ טיפן אָפּרים מיט אומרואיקע פיס,
און גאַרט פאַרצוקונג און פאַרצוקט צו ווערן.
צו פינפנצוואַנציק איז ער אַ רויטער טרומייט,
וואָס באַזאָטלט דעם ווייסן האָרן פון דער לעוואָנע
און הילכט אַרויף צום ווייטסטן שטערן
דאָס געזאַנג פון מוז און דעראָבערונג,
פון מאַכט און צערטלעכקייט.
צו פינפנדרייסיק איז ער אַ ליד,
וואָס באַנוגנט זיך מיט אַסאַך נידעריקערע ספערן,
זעמערט שטיל און היים צו קנעכלען און קני,
פלאַטערט איבער דיך און צווישנלענד.
צו פינפנפערציק איז ער נאָך אַלץ דאָ,
נאָך אַלץ כוצפּעדיק דאָ, דער סאָד,
און צו פינפנפופציק אויך, און אזוי ביז אונזערע טעג
און יאָרן לאָזן זיך ציילן.
נאָר ביים סאָף איז דער סאָד אַ פאַרשטיינערטער מאַסקע,
פול באַקאַרבט מיט היראָגליפן,
וואָס זייער טייטש האָט נאָך קיינער נישט אויסגעפונען.

ווי אזוי זאָל איך, ליבע כּאַוועדטע,
אַפּילע אויף אייער באַפּעל זיך נעמען קלעטערן אויף די אַלפּן
און מיט פּאַרפרוירן-גלייביקע פינגער אָפּפּליקן עטלעכע
בינטלעך איידלווייס,
אַז איך ווייס נישט וואו איך זאָל זיי וואַרפן —
דעם פערדל אונטער די נערוועזע קלאַען,
אַרויף, אַרויף צו דער לעוואָנע,
אָדער בינדן זיי אַרום קני און לענד,
צי גאָר באַפּוצן די שטיינערנע גרויקייט פון דער מאַסקע.
וואָרים, פּאַרוואָר, ליבע כּאַוועדטע,
אַלע פענימער פון דעם סאָד הויערן איצט איבער מיר,
און איך בין גרינדלעך צעטומלט אין דעם מיספּער פון
די יאָרן.
אַז וואויל צו אייך, ליבע כּאַוועדטע,
וואָס צווישן איין פּאָנים און צווייטן פון סאָד
הערט איר נישט אויף צו שווימען איבערן יאַמהאַגאָדל
פון פּאַראָלן און דעוויזן
צו דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט.
דאָרטן. דעמלט. אָהאָ, דאָרט און דעמלט!
אָבער איך —
ווילט איר צומאָל נישט אויסשטרעקן דעם קופערנעם
סאַרוויט פון פּאַרשטיין?
וואָרים הערט, הערט און פּאַרנעמט:
מיר איז נישט וואויל.

אנדראָגינעס

(צו דער באַקאַנטער הערמאַפראָדיט־סטאַטוע אין רוים)

פון געדאַנק די פייל איז זילבערדיק און גראָד
אַראָפּ צום גרונט פון אַלע גרונטן.
דאַן אַרויף. מיט דאָרשט וואָס וויל נישט ווערן זאַט,
געשלונגען הייך נאָך הייך, געיאָגט זיך סליאַד נאָך סליאַד,
און קריק געבראַכט אַ גרוס פון אויבן און פון אונטן.

דער געדאַנק האָט זיך געצאַפּלט און געצוקט
אין קלעם פון דער אַנטפּלעקטער וואָרקייט.
האָט ער זיך מיט פאָרכט צו דעם באַפעל געבוקט,
און, באַרואיקט, אין דער זעאונג גלייך געלוגט,
דעם גרוס געשמידט אין מאַרמאָר־פעסטער קלאָרקייט.

דער קאָפּ — אַ באַגינען, וואָס פלוצלינג באַהעלט
דעם טאָל מיט דער האָפנונג און כאַכמע פון וועלט.
דאָס אויג און דאָס מויל, ווי דער טייך און דאָס פעלד.

כוואַליעסווייז וועלבט זיך דער טאָרסאָ און פרעכטיק
לאַדט איין דער בוזעם: דאָ נער זיך, דאָ נעכטיק.
האָניק און מילך. איך בין ווייב און באַרעכטיק.

עלעמענטיש פון שמאָלן און פלאַכלעכן שוים
הייבט זיך זייליק דער מענלאַכער אימפּעט אַרוים,
דער פאַרלאַנג דורכצושפּיזן, באַזיגן אין ברויז.

האָט דער געדאַנק נאָכאַמאָל באַטראַכט
די באַשערטע האַרמאָניע
פון לענד און קני און ברוסט און פּאָנים,
דעם באַגערטן, עקסטאַטישן עליפּס
פון בליק און ליפּ און פּאָזע,
און פּאַרטאַיעטערהייט זיך צוגעהערט:

דורך צאַר און פרייד
האָט פון דער ערדס גרינעכצן און פייכטעניש,
פון דעם וואַסערס טיפעניש,
פון פעלד און וואַלד, פון שטאַל און בעט
אַ געזאַנג און אַ געבעט געטראָגן זיך,
געצויגן זיך:
הייליקער, הייליקער אַנדרויגענעס.

בער לאַפּידעס

יאָרן קייקלען זיך געשווינד ווי שטיינער.
הינטער זיי שטייט לאַנג און מוטנע נאָר דער שטויב.
אַלץ אַראָפּ. זאָל דאָס צוריקקומען כאָטש איינער...
בער לאַפּידעס צייכנט, ציילט — אָן צאַר, אָן לויב.

צייכנס זענען שוין אַ סאַך פאַראַנען.
אַט, אַ שטייגער: זיין נאָך יונג און פריילעך ווייב.
יונג. די יונגשאַפט נעמט שוין קענטיק וויאַנען,
און צי איז עס פרייד — איר דאַרשט נאָך צייט-פאַרטרייב?

בער לאַפּידעס נישטערט: וויפיל פינגער
דאַרף ער דאָס פאַרבויגן — ס'איז דאָך ערשט, אַט, אַט.
בלאָנדער. שוואַרצער... גיפט פון בייזע צינגער.
ווי האָט ער געליטן, אַך, דו גרויסער גאָט!

בער איז העכסט מאָדערן. קיין סקאַנדאַלן
האָבן נישט צעקרימט דאָס פּאָנים פון זיין שטוב.
נאָר ווי אָפט איז ער צו שויבן צוגעפאַלן,
און ווי אָפט מיט בליק געגלעט אַ שטריק און קנופּ.

„איך בין יונג", האָט זי מיט טראָץ געפיבערט,
און נישט זען געוואָלט, ווי הויך זיין אומגליק שטייגט.
„מיסטער איקס גייט אויס, ווען כ'טראָג מיין ביבער,
אָבער דו, מיין אַלטער, קייסט די ליפּ און שווייגסט".

אַלטער... וואָס איז דער באַטרעף פון יאָרן?
איז ער טאַקע צוועלף יאָר עלטער, נו איז וואָס?
ווער עס זוכט אַרום די רויז אָן דאָרן —
ער האָט בלויז אַמאָל געפרעגט: „פאַרוואָס?"

אַט איז עס געווען. טעג ווי סאַנים.
נאָר עס שטייען נישט די כיטרע פּים פון צייט.
טרעטן. טרעטן אַלץ אויף כּאַנעס פּאַנים.
„כּאַנע עלטערט זיך". בער קייט זיין ליפּ און קייט.

מיינט דאָס דאָך — זיי ווערן אויסגעגליכן.
האָט זיין האָפענונג נישט געקלאַפּט אין אַט דער טיר ?
(קישנס קאַלטע, נאַכטיק-ווייסע ציכן,
גוט וואָס איר זענט נישט קיין מעמואַר־פּאַפּיר).

דאַרף ער זיין — און איז גאַרנישט — צופרידן.
נישט אין שטוב—עס קלאַפּט אין האַרץ אָפּ: שטיל, שטיל,
שטיל.
בענקט ער נאָך איר פּיבערן און זידן ?
ווייס דער טייוול, וואָס אַ מענטש באַגערט און וויל !

בער לאַפּידעס איילט זיך מער אַהיים נישט,
כּאַטש גראָד איצט וואַרט כּאַנעס בענקשאַפט דאָרט און
וואַכט.
ווער איז ער — צו וויסן דאָס געהיימניש
פון אַ לעבן, פון אַ מענטשנס טאָג און נאַכט ?

דער מויל־הויך און דער בן־מהלך

(פון דובנער מאַגידס מעשאָלים)

גלאַטשטײנען

(צו געוויסע ציטערער, וואָס ציטערן צו בלייבן
הינטערשטעליק
הינטערשטוליק
אינדערשטיליק
ווי אויך צו געוויסע שטאָלצערס, וואָס שטאָלצן מיט
פונדאַמענטן
פונדאַמהינטן
פאַנטאַמהיינטן)

דער מויל־הויך איז געזעסן ברויטלאַך אויף זיין טראָן,
געטראַכט וואָס זאָל ער דאָ מיט דעם בן־מהלך טאָן.
זיין קאָפּ ציט פּוסיק, נישט קייען — גייען, גויען, גאון,
ס׳קאָן נישט ענדיקן מיט ענדיק נאָר מיט אַ שיגאָען.
האָט מויל־הויך זיך באַראָטן און באַרוט מיט זיך אַליין,
און געגלעט זיין פּעטן, רויטן באָקן־ביין — —
אַ קלוג בין איך. זאָל ווער עס וויל זיך, זוכן כריין.
ער האָט געשיקט דעם בן־מהלך העט־העט אָף העק,
צום אַלטן וויסיכוואָסדאָרטווייסער אָקסיגרעק.
זאָל כאַפּן דאָרט די שיווע כאָכמויז מיט בעקל־מעקל־כּל,
און זען: נישטאָ קיין לויבערס, לייבערס, ווי לעבער פאַרן מויל.

איז בן־מהלך אָפּ. זיך געזאָמדט, איינזאָמט זיך אַ גאַנץ יאָר,
און קריקגעקומערט, גרייט צום פאַרערהערישן פורהאָר.
דער מויל־הויך האָט געלויזט אַ סיעדע סודע מאָכן באַלד,
גערופן נאָר די גרייזטע לייט פון וועלט און וואַלט.

און אָפּגעזויפֿן האָט דער מויל־הויך זיך אַזוי:
בן־מהלך, אויב דו ביזט קלוג אין שלי־שלך־שלוי,
זאָג מיר וואָס איך הוילט אַצינד ביי מיר אין האַנט.
גיט בן־מהלך אַ שאָקל־שיקל מיט זיין פויר־שטאַנד,
און פּיסטערט־פּליסטערט־נישטערט: „לאַך, יאַ־יאַ־געהוילט!"
„נו, רוף עס אָן" — האָט אים דער מויל־הויך צוגעמוילט.
„אַ מילשטיין". די סאַליע האָט געטכוירזשעט לאַך־לאַך־לאַך.
דער מויל־הויך האָט געגרימט, געשלוקרעכצט ביסקל דאַך.
און בן־מהלך — שטיין־שטוין־שטיין־שטוין־שאאאנד!
דערנאָכדעם, טאָקע באַלד, האָט ער זיך ערשט דערמאָן'ט.

ס'קאָן זיין . . . אין טונקלקייטן גליט אַ פּורפּור־קרוין,
און ליפּן ליוביען: מילע, ליפּן לאַביען: שטיין —
עס האָט פון זאַק אַרויסגעמיאַאוקעט מיר דער מיין.
כ'האָב זאָגן גאָר געוואָלט: מילבשטיין, אַ רונדער שטיין,
פון מילבן דורכגעלעכערט, אויסגעהוילט און קליין.
איז נישט אַ רינג פון גאָלד? און גאָלד איז דען נישט שטיין?
און דאָס רינגלמאָכערמענשל — וואָס? אַ מילב, נישט מיין.
און דו אַ באָטקאָ מויל־הויך, און איר אַ סיעדע לייט!
ווי וויט פון מיל איז מילע, און מעל פון מויל ווי וויט?
און מילעמויל — דאָס איז פון נעכטן, מאָרגן און פון פאַנטאָמהיינט
דער סאַמע פונדאַמענט, דער פאַרדאַמהונט, איר פּור־שיווע פריינט.
איך האָב אייך דאָ אַנטפּלעקט דעם אל פון וואלט און וועלט און וויל,
און ערן דאַרפט איר מיך מיט סאַם פון סאַמע העכסטן סטיל,
פאַרהערן מיך? איך טו געהערן צום שטאַם פון סומנעם הערקליט,
פון העגעל, שאָפּענהאָוער, מיט מאַרקס און פרויד אינמיט.

אַזוי האָט בן־מהלך גערעדט, גערעדלט, גערידלט און געוויינט.
נאָר דער מויל־הויך האָט געגרימט, געגראַמט און אים באַלד פאַרשטיינט.
ווי רוסלאַנדס ערשטער אַבלאָדאַטיעל, וועגאַם ער — וועליקי פּיאָטר,
ווי רוימס סאַטורן אין יעדער מיטאָלאָגיש־צוגעשנייצטער גאָט.

גליווער

איך פיל דאָס רעטעניש פון ציפערן.
איך קאָן ליפערן אַ זאַק דערפאַרס אויף דעם פאַרוואָס פון געבוירן.
איך קאָן מיר פאַרגינען צו ווייזן אַ לאַנגע צונג
דער העקסישער שטיפערין פון אַלע געבוירנס.
נאָר איך קאָן נישט אַנטשיפערן
דעם סאָד (זיכער נישט — טיפערן) פון אַ רוווינטיק געשריי,
וואָס פּלוצלינג באַפאַלט
אַן קאָל — אַן קעל,
און נעמט גליווערן, גליווערן,
אַן קאָל, אַן קעל — אין קעלט
פון אַ ניו־יאָרקישער מיט־מערץ נאַכט.

אַ האַלבע שאָ

אַ האַלבע שאָ

אָגלי
זאַגלי
וועגלי
יונגע מענער צווישן 18 און 20 יאָר אַלט.
בולגלי, אַלטער, אַרום 50
קעגלי, מאָלער, 19
ענדאַ
ווענדאַ
קענדאַ
יונגע פרויען צווישן 16 און 18

אין אַ פּרעהיסטאָרישער הייל אינמיטן וואַלד. פאַר דער הייל ברענט אַ גרויס פייער. פון וואַלד טראָגט זיך אַ ברומען, אַ רעוון, אַ וואַיען. בולגלי גייט פון צייט צו צייט אַרויס פון הייל און מונטערט דאָרט אויף דעם פלאַקער. אינעווייניק, אין אַ ווינקל, גליען אויך העלצער. בולגלי טוט דאָ דיזעלבע אַרבעט, וואַרפט צו טרוקענע צווייגן. ער שפּאַלט אויך קלעצער מיט אַ שטיינערנער האַק.

אָגלי, זאַגלי און וועגלי שטייען און קלאַפּן גרויסע ביינער פון אַ בופלאָקס איינעם אָן אַנדערן איבער אַ שטיק אויסגעטריקנטער פעל. פון דעם קלאַפּן האָט זיך אָנגעקליבן אַ גרויסע קופּע, אַ מאַרך־און־ביינער קאַשע. די מענער גיבן פון צייט צו צייט אַ כאַפּ אַ הויפן, קייען און באַלעקן זיך.

די ווייבער טריקענען פעל איבערן פייער, פּלאַפּלען צווישן זיך, האַלטן אין איין קיכן. אַלע ווילע לויפט צו אַן אַנדערע צו דער קופּע, ברענגט די כאַוורטעס אַ זשמעניע קאַשע. אַלע כראָמשקען הויך.

בולגלי שטעקט אָפּט אויס די האַנט צו די ווייבער. זיי גיבן אים לאַכנדיק אַ שטויס מיט די פיס און שפּייען אים אַריין אין האַנט אַביסל שפּייז. ער קייט מיט די הוילע יאַסלעס און באַלעקט זיך.

קעגלי שטייט מיט אַ שטיינערנער דלאָטע און קריצט אויף דער וואַנט. ער שאַרפט אַלע וויל דעם שטיין אָן דיל, כאַפּט בעאיים מאַיסע אַ קוק אויף די דריי פּאַרטועגע יונגעלייט, גלאַנצט אויף זיי מיט די ציינער, שטעקט אַרויס די צונג, אָבער גייט ניט צו, האַלט זיך איין פון עסן. אויפן וואַנט זעען זיך אויסגעקריצטע הערנער פון הירשן, דער לאַנגער שנוק פון אַן עלעפאַנט, די שאַרפע ציינער פון דעם שווערט־טיגער.

אין הייל איז וואַרעם און אַלע זענען אינגאַנצן נאַקעט. אַ ווייל הערט זיך בלויז — דאָס קלאַפּן פון די ביינער, דאָס קיכן פון די ווייבער, אַלע־מענס כראָמשקען, דאָס קנאַקן פון פייער. ווען ענדא קומט צו נאָך אַ פּאָרציע מאַרך און גייט צוריק צו די ווייבער, באַפאַלט אַגלי'ן פּלוצלונג אַ מידקייט. דער ביין פאַלט פון זיינע הענט, ער שטייט אַ רעגע, קוקט אויף די פרויען. דאַן גיט ער זיך אַ לאָז צו זיי, כאַפּט ענדאַ'ן, וויל זי אוועקשלעפּן.

זאַגלי דערזעט עס, גיט אַ בייזן ברום, לויפט צו צו אַגלי'ן, רייסט אים אָפּ פון ענדאַ'ן. ביידע מענער ראַנגלען זיך.

וועגלי מישט זיך נישט אין קאַמף. ער קוקט מיט וואַקסנדיקער טאַיווע אויף וועגדאַ'ן און קענדאַ'ן, שטעלט זיך אָפּ מיט די אויגן אויף דער לעצטער.

בולגלי פינטלט אויף דער גאַנצער סצענע מיט גרויס באַדויער. וויס, אַז ער האָט נישט קיין שום שאַנס. שאַרט זיך דערווייל צו צו דער קאַשע, האָט מוירע, גיט אַ נורע דאָס פּאַנים אין דער קופּע, און אַזוי, אַן הענט, פּאַקט ער זיך אַן פולע באַקן.

קעגלי טוט ווייטער זיין אַרבעט, קוקט זיך ניט אַרום אויפן קאַמף. קענדא און וועגדאַ וואַרפן אים צו צערטלאַכע בליקן.

ווען אַגלי און זאַגלי האָבן זיך שוין גוט צעביילט איינס ס'אַנדערע, גענוג אָנגעשריגן, הייבן זיך אָן אַרויסצושיילן ווערטער.

זאַגלי:

ענדא מיינע היינט.

אַגלי:

נישט מער דיינע, ווי מיינע.
נעם קענדאַ'ן. נעם וועגדאַ'ן.

וועגלי:

איך וויל קענדאַ'ן. נעם וועגדאַ'ן.

וועגדא: (מיט פאַרדראָס)

מיך וועט קיינער נישט נעמען!
איך וויל קיינעם נישט.
איך — אַליין.

(קעגלי גיט פרייגטלאַך אַ קוק אויף איר. די צוויי כאַווערטעס שטילן זי איין מיט אַ קיכן.)

זאַגלי:

יעדער האָט אַ ווייב.
איך וויל היינט ענדאַ׳ן.
אָגלי האָט זי פריער געהאַט.

אָגלי:

וויל איך נאָכאַמאָל.
ענדא אַ גוט ווייב.
גוט.
ענדא ווי דער בויך
ביי אַ ווייב־קינד
פון אַ הירש.

זאַגלי:

ענדא אַ גוט ווייב?
וויל איך ענדאַ׳ן.
ענדא מיינע היינט.

וועגלי:

אַלע ווייבער אונדזער אַלעמענס.
אַמאָל ענדאַ.
אַמאָל קענדא.
אַמאָל וועגדאַ.
איצט פעלט איינע, פלענדא.
מענער פון אַנדער הייל האָבן זי צוגעכאַפּט.
וועלן מיר צוריקכאַפּן פון אַנדערע היילן.
נאָך מער, ווי איינע.

בולגלי:

פאַר אַלטן בולגלי, יאָ?

וועגלי:

דו קאָנסט זיך באַגיין, אַלטער.
דיר גענוג פרעסן, פּאָפּן.
דיר גענוג קוקן.
(אַלגעמיינער געלעכטער. וועגלי רעדט ווייטער.)

וועגלי:

שלאָגן זיך נישטאָ וואָס.

ווער ס'נעמט פריער — דעמ'ס ווייב.

אָגלי:

האָב איך פריער גענומען ענדאַ'ן.

זאַגלי:

האָסט געדאַרפט קלאַפּן ביינער,

נישט זוכן ווייב.

בולגלי: (קוקט פריער יעדערן אין פּאָנים אַריין, רעדט נישט ביז ער איז זיכער אַז עס איז נישט געפערלאַך צו עפענען ס'מויל.)

הום! איך האָב עס.

גוט. קלוג.

איך האָב עס.

אָגלי:

וואָס האָסטו?

בולגלי:

באַלד. וועל באַלד וויסן, ווי צו זאָגן.

(פאַרטראַכט זיך. פּלע וואַרטן.)

הערט. איר זענט קלוגע.

איר האָט מיך נישט דערהאַרגעט.

איר זעט — עס איז גוט.

עס איז קלוג.

איך העלף אייך.

איר גייט אַוועק מיט ווייבער

שלאָגן לאַנגען שנוק,

שלאָגן ברייטע הערנער,

שלאָגן שאַרפן צאָן —

בלייב איך דאָ.

היט דער זונס הייסע האָר,

היט און האַלט פייער.

איר קומט צוריק —

געפינט איר אייער הייל,

האָט איר אייער הייל.

איצט

(פאַרטראַכט זיך ווידער.)

וועגלי: (אומגעדולדיק.)
נו, וואָס?
רעד, דו האַרגער פון אַלטע לייט,
האַרגער פון אַלע מאַן־קינדער,
ווייל דו האָסט געוואָלט אַלע ווייבער.
רעד!
בולגלי:
ניין, איך וויל שוין נישט אַלע ווייבער.
איך וויל נישט אַסאַך ווייבער.
איך וויל איין ווייב.
זאַגלי: (איראָניש)
גיי כאַפּ דיר איינע.
בולגלי: (נעבעכדיק)
איך וויל נישט כאַפּן.
קאָן נישט כאַפּן.
איר דאַרפט אויך נישט כאַפּן.
נישט גוט כאַפּן.
עס דאַרף אַנדערש זיין.
אָגלי: (בייז)
וואָס אַנדערש? זאָג שוין, בולגלי,
אַלטער בולגלי אָן ציינער.
בולגלי:
נישט גוט, וואָס אַלע ווייבער זענען אַלעמענס.
יעדער דאַרף האָבן איין ווייב.
יעדער — זיין ווייב אַלעמאָל.
וועט מען זיך נישט שלאָגן,
וועלן נישט אַלע וועלן ענדאַ׳ן,
דערנאָך ווענדאַ׳ן, דערנאָך קענדאַ׳ן.
שפּעטער, ווען ווייבס בויך ווערט גרויס,
קינד קומט,
ווייס מען וועמענס קינד.
מאַן, ווייב,קינד —
(פאַרענדיקט מיט אַ ביטרע־טאַ־יוועדיקן קוועטש):
בולגלי, אַלטער מאַן,
וועט דאַן אויך האָבן ווייב.
איין ווייב — אַלעמאָל.

אַגלי, זאַגלי, וועגלי שטייען שטיל, פאַרקלערט. אין זייערע מויכעס פלעמ־לען אויף ווייטע, אומפאַרשטענדלאַכע גוטסקייט־בילדער: תיים, מישפּאָכע, אייגן לעבן. בלויז קעגלי, וואָס האָט אויפגעהערט אַרבעטן, זיך צוגעהערט, שמייכלט מיט כויזעק. צום העלסטן פלעמלט אין מויאַך ביי וועגלין.

וועגלי: (צעלאַכט זיך פריער, גיט בולגלי'ן אַ טאַרע כיטן פוס אין בוך)
הום. בולגלי קלוג.
אַלטער מאַן (זוכט ווערטער) שטאַרק דאַ
(ווייזט זיך אויפן שטערן.)
יעדער האָט זיין ווייב.
יעדער — איין ווייב. האַ?
דאָס איז גוט. קלוג.
(קוקט אויף די ווייבער).
איך וויל קענדאַ'ן.
קענדאַ מיין ווייב.
אַלעמאַל.

אַגלי און זאַגלי אַנען שוין אויך די ווייטע נאַכעסן. זיי הויבן גלייך אָן צו אַמפּערן זיך.
איך וויל ענדאַ'ן.
דו נעם וווענדאַ'ן.

די אויפגעטויכטע דימיוינעס לעשט קעגלי, זאָגט:

קעגלי:
בולגלי קלוג?
בולגלי קאָן נישט האַלטן ווייבער,
ווייבער שפּייען אויף אים,
וויל ער איצט איינע.
אַלטער נאַר בולגלי.

בולגלי: (וואָס האָט פאַר קעגלין צום ווינציקסטן מוירע, זעט ווי זיין באַגער ווערט צעשטערט, קאָן זיך נישט איינהאַלטן, שפּרינגט אַרויס):
דו האָסט אַליין קיין ווייב נישט.
דו אַליין אַ שוואַכער,
קראַצסט און רייבסט די ווענט.
שלאָגן הירשן קאָנסטו נישט.
פאַר לאַנגען שנוק אַנטלויפסטו.

קעגלי: (בייז)

שטיל, אַלטער, שלינג איין דיין צונג.
איך נאָך שטאַרק גענוג
דעם בויך דיר אויפצושניידן,
אַלטער נאַר, אַלטער ליגנער.

פאַרמעסט זיך אויף אים מיט דער דלאָטע. בולגלי שאַרט זיך אין טויט-שרעק צו די ווייבער. יענע שטויסן אים אָפּ. דער אַלטער פאַרקריכט אין ווייטסטן ווינקל פון הייל. קעגלי'ן גייט שוין אָפּ דער קאַס. זאָגט):

קעגלי:

בולגלי ווייס ניט, וואָס ער רעדט.
אַלטער מאַן האָט שוין לאַנג פאַרגעסן.
מיר ווילן נישט איין ווייב.
מיר ווילן אַלע,
אַלעמאָל אַן אַנדערע.
מיר ווילן אַזאַ ווייב,
אַזאַ ווייב,
וואָס נישטאָ!

מענער באַגרייפן נישט וואָס ער זאָגט. ווייבער לאַכן סטאַם. דערנאָך —

ענדא:

אַלעמאָל אַן אַנדערע?
דו האָסט דאָך נאַר גענומען פלענדאַ'ן,
פלענדאַ'ן מיט די דאַרע ציצלאַך.

קעגלי: (גוטמוטיק)

איך האָב דיך אויך גענומען, ענדאַ.
און קענדאַ'ן, און וועגדאַ'ן.
איך האָב אַסאַך מאָל געגרופן פלענדאַ'ן,
ווייל זי האָט גרויסע, גוטע אויגן.
פלענדא קוקט, קוקט — זאָגט:
שיינע הערנער, שיינער שנוק, שיינער צאָן.
פלענדא זאָגט:

קעגלי איז אַ קענער,
קעגלי גרויסער קענער.

(פאַרטראַכט זיך.)

אָבער אַלע ווייבער זענען גוט.
איך האָב אַלע ליב,
אַלע וויל איך.
אַמאָל ענדאַ׳ס וויכן, גלאַטן האַלדז,
אַמאָל קענדאַ׳ס שטייפן בויך,
אַמאָל ווענדאַ׳ס רונדיקע קני.

וועגלי, זאַגלי, אַגלי ווערן אומרואיק. יעדער ברומט אַרויס.

יאָ, יאָ, איך וויל אויך!

קעגלי:

אָט אַזוי!
דאָס בעסטע ווייב — ניי ווייב.
ניי ווייב גוט.
אַלעמאָל איין ווייב —
איז גאָרנישט ווייב.

אַגלי, זאַגלי, וועגלי שרייען אויפגערעגטע:

ניי ווייב! ניי ווייב! נאָר ניי ווייב!

קעגלי: (האָט האַנאָע פון זיין ווירקונג)

אָ, איך זאָג צו זיך:
ניי ווייב, ניי ווייב וואו ביזטו?
אין וואָס פאַר אַ הייל זאָל איך דיך זוכן?
ווען זאָל איך דיך קומען כאַפּן?
ניי ווייב, קום צו מיר,
קום צו מיר, ניי ווייב!

די מענער אין אַלץ גרעסערער אויפרעגונג:

ניי ווייב, קום צו מיר,
קום צו מיר, ניי ווייב.

קעגלי:

שרייט, שרייט.
איר קאָנט גאָרנישט מער,
נאָר שרייען.

וועגלי:

און דו, קעגלי, וואָס טוסטו?

קעגלי:

איך —
אַז איך רוף ניי ווייב,
און זי איז נישטאָ,
אַז בלוט אין מיר

(קלאַפּט זיך אין ברוסט)

רופט, רופט, פּייפט,
ווי פייגל,
ווי פייגל,
ווען זון גייט שלאָפן הינטער באַרג,
מאַך איך שיינע זאַכן,
מאַך איך הערנער דאָ אויפן וואַנט,
מאַך איך שאַרפן צאָן און לאַנגען שנוק.

וועגלי:

ווער דאַרף דאָס?
וואו איז ניי ווייב?

קעגלי:

מיט שיינע זאַכן רופט מען זי.
מען מאַכט שיינע זאַכן,
קומט זי.

מענער פאַרשטייען גאָרנישט. זענען אויפגערעגט, ברומען. ווייבער קריגן מוירע, קוקן אויף קעגלי'ן מיט געבעט נאָך שוץ. דערווייל איז בולגלי געקומען צו זיך. ער זעט ווי אַלע זענען באַווירקט פון קעגלי'ן, וויל ער זיך איבערבעטן מיט אים, איינקויפן אין זיין לאַסקע:

בולגלי:

הום. בולגלי טאַקע אַלטער נאַר.
קעגלי איז גערעכט.
איין ווייב — נישט גוט.
נאָר אַלע ווייבער אַלעמענס — אויך נישט גוט.
איך האָב עס!

מען דאַרף נישט קיין ווייבער.
אָן ווייבער.
אויסהאַרגען אַלע,
בולגלי האָט נישט קיין ווייב —
קיינער האָט נישט.

קעגלי: (פּלאַצט פון געלעכטער, קאָן קוים רעדן)
האַ, האַ, האַ! האַ, האַ, האַ!
אָן ווייבער!
האַ, האַ, האַ! האַ, האַ, האַ!
הע, בולגלי, הע, אַלטן מאַן.
גיי אַרויס אין וואַלד,
זאָל דיך שטאַרקער צאָן אויפפרעסן,
זאָלן דיך מענער פון אַנדער הייל אָפּבראָטן.
טויגסט צו גאָרנישט,
טויגסט נישט פאַר ווייבער,
ווילסטו מיר זאָלן אויך נישט האָבן.
אָן ווייבער!
האַ, האַ, האַ! האַ, האַ, האַ!

מענער ווערן אָנגעשטעקט. לאַכן פונקט ווי קעגלי. ווייבער פאַרגעסן די מוירע און לאַכן אויך מיט. אומהיימלאַך־ווילד געלעכטער פילט אָן די הייל. ווען געלעכטער שטילט זיך איין, שטייען זאַגלי, וועגלי און אָגלי אויף אָן אָרט, קוקן בייז אויף בולגלי׳ן, וואָס האָט זיי צוויי מאָל דעם קאָפּ פאַרדרייט און אָפּגענאַרט. זיי לאָזן אויס צו אים זייער קאַס און באַ־פאַלן דעם אַלטן. בולגלי וואַיעט אונטער זייערע הענט.

ווייבער דערזעען, אַז מיט בולגלי׳ן האַלט שמאַל, קריגן ראַכמאָנעס אויף אים. קעגלי מונטערט זיי אונטער אים צו ראַטעווען. זיי וואַרפן זיך צו די מענער, ווילן זיי אָפּרייסן פון כליפּעדיקן בולגלי׳ן.

מענער, צעהיצטע, דערפילן ווייבערשע לייבער, שלאָגן בולגלי׳ן שוואַכער, לאָזן אים אינגאַנצן אָפּ. אַלע דריי זוכן, ווילן קלייבן, אָבער יעדער כאַפּט באַלד די, וואָס איז אים נענטער צום האַנט. אַלע פאַרזריכן פאַרלאַכוויז אין די ווינקלען.

בולגלי שאַרט זיך אַוועק, קריכט צו צום פייער, גלעט און באַלעקט זיינע ביילן און וואונדן. קעגלי שטשירעט די וויסע ציינער, נעמט זיך צוריק צו דער אַרבעט. ברומט אַרויס מיט אַ זינג־זאַנג:

ניי־ווייב, ניי ווייב, וואו ביזטו?
וואו זאָל איך דיך זוכן
ווען זאָל איך קומען כאַפּן?
קום, ניי ווייב,
קום פון ווייט־ווייט,
פון דאָרט, וואָס איז נישטאָ.
מיין בלוט רופט, ווי פייגל,
ווען זון גייט שלאָפן הינטערן באַרג.
מיין בלוט שרייט,
ווי שאַרפער צאָן,
ווען זונס הייסע האָר,
שפּרייטן, קילן זיך איבערן ווייטן הימל.
קום, ניי ווייב.
קום, קום צו מיר.

ווערט מיד פון דער אַרבעט. קוקט פאַר זיך. צעטופּעט זיך, צע־טאַנצט זיך, שטייענדיק אויף איין אָרט. בלייבט שטיין מאַט, פאַרטרוי־ערט, פאַרגליווערט.

שטיל אין הייל. פונדרויסן דערטראָגן זיך כאַיעשע קוילעס, נענטער און העכער, ווי פריער. בולגלי, מיט אַ צאָרנדיקן ברום, קריכט אַרויס, ליגט צו אַ גרויסן קלאָץ צום דרויסנדיקן פייער. וואַרט ביז די פלאַמען צעפלאַקערן זיך. כאַיעשע קוילעס — שוואַכער, ווייטער.

זון און פֿאַרב

אין אַ יאַפּאַנישן קאַרשן־גאָרטן

אַמאַנאָגאַווא

1

נאָ, זאַפּ איין דעם אַראָמאַט
פון דער אַמאַנאָגאַווא.
טרינק אָן דיין נישט־ערדישע דאָרשט
מיט דעם ווייס־ראָזן צוויט פון דעם שמאָכטיקן בוים,
וואָס איז אַ יונג מיידל מיט דעליקאַטע גלידער.

2

אַ יונג, געטאָקט מיידל איז די אַמאַנאָגאַווא
מיט מאַנדל־שמעקעדיקע גלידער —
דינע יונגפרוילאַכע טפּילעס,
וואָס רינגלען זיך, ציען זיך גלוסטיק
אַרויף, אַרויף, אַרויף
ביז זיי פאַרשווינדן אין דער בלויקייט פון דער לופט,
אין דער הויכקייט פון וויטן הימל,
און קומען אָן צום נאָך וויטערן באַשערמענדיקן גאָט.

3

אַמאַנאָגאַווא — אַזאַ איז מיין קאַלע.
איר בוזעם — מאַנדל־בליאונג,
אירע גלידער — פרילינג־פּלאַטער,
אירע לענדן — אַ קיניגרייך קילע ווייסקייט,
און איר מויל זויגט מיט נישט־געשטילטער דאָרשט
פון מיין צונג דאָס וואָרט אַראָפּ —
אַמאַנאָגאַווא, אַמאַנאָגאַווא.

4

מיין קאַלע איז פאַרשטאַנדיק און איר האַרץ איז ריין.
אַ נאָבעלער סאַמוראַי איז מיין קאַלעס האַרץ,
אַן אידעלער ריטער, וואָס לייכט ווי מילדע זון
דעם פריינט אין נויט,
און צעשמעלצט ווי הייסע זון די סינע פון פיינט,
אַז זי ווערט רויק אין ווינט.
ווי געבענשט בין איך,
וואָס אַזאַ האַרץ שלאָגט צום שטאַרקסטן
פאַר מיר.

5

נאָר אַמאָל — אַ צו־וואָס האָבן די געטער באַשאַפן דעם האָגל,
און פאַרוואָס צערנט אָפט דער שיינער פוזי־יאַמאַ? —
אַמאָל איז מיין קאַלע שלעכט צו מיר
און רייצט זיך מיט מיין טרייער געדולד.
דעמאָלט וויל איך פאַלן אויף מיין פּאַנים
און וויינען ווי אַ קליין קינד,
וואָס די מאַמע האָט אומגערן באַליידיקט:
אַמאַנאַגאַוואַ, מיין אַמאַנאַגאַוואַ.
אָדער איך וויל אָנכאַפּן די הערנער פון דער וועלט,
און מיט דער גוואורע פון דעם קייסערס שטאַרקסטע העלדן,
זיי אַ שלעפּ טאָן, אַ דריי טאָן,
און אומברענגען אַלץ אינאיינעם מיט זיך.

ביים יאַם

מיר זענען געגאַנגען איבער דעם פייכטן זאַמד,
די שפּורן פון אונדזערע טריט האָבן זיך געפלאָכטן,
די לעוואָנע האָט באַלויכטן די שאַרפע קאָנטורן —
אָט מיין פוס, אָט דיינער, אָט צוזאַמען.
דער צופלוס פון יאַם וועט זיי באַלד פאַרווישן,
נאָר איצט צוזאַמען, צוזאַמען, איינס.

דער יאַם האָט געקערט וועלטן מיט דער צוגעלאָזענער נאַכט
דער יאַם האָט זיך געלאָזט וואַוילגיין מיט דער צעלאָזענער נאַכט.
געוואָרפן אויף אַלע זייטן, געפּאַטשט איבער דער נאַקעטקייט,
געקרעכצט און געוואָיעט און צעשפּריצט זיך מיט באַנגעריקן שוים
אַזש ביז אונדזערע קני.
איך האָב דיך נישט אַנידערגעוואָרפן, ווי די לעוואָנע האָט געהייסן,
נאָר געמאָסטן מיינע טריט מיט קלוגע רייד,
און אַלץ געפילט:
דיין געלעכטערל וועט מיך טרייבן אין וואַסער אַריין —
אַזוי ווי איך שטיי און גיי,
און שווינדן וועל איך פאַרשווינדן אין דער טאַיוועדיקער נאַסקייט,
פאַרשווינדן, פאַרהיניען צום טייוול.

נו יאָ — מיט אַ שאָ פריער האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַן אינדוס
מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ,
און מיט דער כשיוועס פון שטאָלצסטן בראַמין געזאָגט:
איך האָב אַ בסורע פאַר אייך —
בלויז צען סענט.

בלויז צען סענט, בלויז צען סענט,
האָט אַ פולער סאַבוויי גערעדלט אין קאָפּ,
דער סאַבוויי, וואָס האָט אונדז נישט־געלאָשענע געפירט אַהיים,
אין באַזונדערע לײדיקע שטיבער.

עטיוד

ביזאָנען ליגן אויפן גראָז אין בראָנקס־פּאַרק
און זענען מאַלעגיירע מיט אויגן פאַרזשמורעט פון זיסקייט.
אַלע זייערע ביינער רעדן צו דעם גאָט פון גילדערנע שעפע
אין עקסטאַז פון פאַרנאַכטיקער זון.
איך וואָלט געשוואוירן —
אַ מאַכנע וואורקער כסידים האָט זיך אויסגעלייגט אויפן פעלד
פאַר דער שטאָט,
דער און יענער קייען אַ גרעזל, אַ שטרוי,
קייען און קוקן דורך פאַרצאָגטע בערד —
אין וואַרטן פרומען
אויף אים־זאָל־לעבנס קומען.

פאַרנאַכט אין בעטרי־פּאַרק

די זון איז שנעל, אַלץ שנעלער, צו דעם יאַם געזונקען.
זי האָט זיך באַלד דערטרונקען — איר איז אַלץ דערעסן,
און דאָ האָט דער אָקטאָבער־טאָג זיך סטאַם צעבלאָזן
מיט פראָסטיקן אירגאָזן איידער ס'הייסט דער לואָך.

דער זון האָט שטאַרק פאַרדראָסן אויף דעם טאָג דעם שויטע.
אַזאַ צעפלאַמטע, רויטע, האָב איך נישט געזען זי.
און כ'האָב איר מיטגעפילט. צו וואָסער טייוול טאַקע
די אייליקע אַטאַקע אויף דיביימער, בלעטער?

און דאָך — אין קליינעם בעטרי־פּאַרק האָט דאַווקע דעמלט
די אָוונט־שאָ געפלעמלט מיט עקסטאַז און ווירדע.
עקסטאַז האָט אויף דעם יאַם געקניט, געגליט פאַרפירישׂ,
די בלעטער האָבן ליריש מיך אַרומגעשעפטשעט.

און ביי מיין זייט — מיט וויזיעס אַלץ נאָך נישט־צעשטערטע
(דאָס בילד — אַ פּרוי באַגערטע) — אַלדאָס נישט־דערגרייכטע
פון לעבן. נישט דערגרייכט און באַלד נישט מער צו גרייכן.
ווי ס'וואָסער: פריער בלייכן, דאַן פאַרטונקלען, טונקלען.

אַזוי איז דער פאַרנאַכט אַוועק — מיך קריקצוברענגען
צו אַלע מענטשנמענגען, וואָס די בייטש ניו־יאָרקער
האָט שוין געשפּאַרט צום על, צו קאַרס, צו סאָבוויי־באַנען —
מיך ווידער איינצושפּאַנען אין דעם ראָד פון פליכטן.

אַוועק. נאָר לאַנג וועט גליען טיף אין מיר דער צונטער
פון יענעם טויך־אַרונטער — פון דעם שטאָלצן זעלבסטמאָרד.

כּאַווערשאַפּט

די מאַריוואַ־זון שטעלט דינסטפּאַרטיש צו
די גילדענע ראַם פאַר דער אידיליע:
אַ פעלד אין פאַרטאַיעטן שפּעטזומער,
בלומען אין איילעדיקן וואַקסן, אין דאַרשטיקע קאָלירן,
און אַ יונגע מאַמע מיט איר קינד,
וואָס זאַמלען אַ בוקעט פאַרן פאַרנאַכטיקן טיש.
שטילע — שטייען צוויי מענער און קוקן.
זייערע אויגן פול מיט דער שוין דורכגעצויגענער פּראָצעסיע
פון אָנדערהאַלבן סעזאָנען — ערעוו אייגענעם האַרבסט.
הינטער זייערע ליפּן די האַרמאָניע פון רייפער כּאַווערשאַפּט,
וואָס שעמט זיך פאַר אַן אַרויסגערעדט וואָרט.
די אידיליע העלט און לויכט צענויף די כּאַווערשאַפּט.
די אידיליע גליט אַריבער מילד צום וועלט־באַשאַף,
און קומט מיטן רייאַך פון פרישן היי,
מיט ברויט און מילך און אַלץ־פאַרגיי
צו זייער פאַרנאַכטיקן טיש.

די הוידע

אויפן קארק פון העכסטן בארג קלעטערט א געשטאַלט פון לופט און פאַרב.
זי שטעלט זיך אָפּ מיטן פּנים צו מיר און איך דערקען זי.
איר געפּאַסט רויט־געל קלייד
כאַפּט שטייף ארום די קליינע בריסט,
און צעגיסט זיך מיט לויזע פאַלבן ארום די קנעכלען.
זי קוקט גלייך אויף מיר מיט גרינלאַך־העלע אויגן.
ווי קומט אויפן שפּיץ בארג א הוידע?
ס׳קומט.
און זי הויבט אָן זיך הוידן העכער, העכער,
און נעמט נישט אַרויס פון מיין האַרץ די העלע שפּיז
פון איר בליק.
מיר איז גוט. איך מורמל: דיין.
זי צעשמייכלט זיך קרענקלאַך דורך פולע ליפּן: דיין.
איך הוידע זיך מיט צום ריטם, ווי זי וויל —
אויפן שפּיז פון איר בליק, וואָס לעכערט מיין האַרץ.
אין דעם ריטם רינט אויס מיין בלוט.
מיר איז גוט און איך שלוכץ: דיין, אייביק.
זי שמייכלט קרענקלאַך צוריק: אייביק.
מיר הוידן זיך נאָך אַלץ —
זי אויפן שפּיץ, איך ביים פוס פון בארג.
דער וואָס שרייבט דאָס איז אַן אַנדערער.

מיט־זומער

צינד מיר די פייערן פון הארבסט
מיטן מוטיקן ווייסן: דו שטארבסט.

דיין טאַכטער וויל שוין קיין אידיש נישט לייענען,
מיטליאַריקע לעזערין מיינע,
און איך בין נאָך אַלץ נישט בארוט.
דאָס נייע יונגוואַרג
זעט מיין אויג זיך פאַרטשעפּן אַמאָל
אַן אַ צוואַנציקיאָריקער היפּט,
אַן אַ פעסט־רונדיקער קני,
און וויל מיך נעמען אויף די הערנער.
די איבערגעריפּטע קערנער, די יאָרן, בעטן אויך:
שוין צייט אריינצופאַסן דיין בילד
אין דער שטיל־לעבן שטילקייט
פון דעמדאָזיקן זומער־נאָכמיטיק,
און אַ סאַפּאַנעק.

צינד מיר די פייערן פון הארבסט
מיטן מוטיקן ווייסן: דו שטאַרבסט.
ברענג דאָס לעצטע יונגע בלוט
אַ קאָרבן דעם פאַרביקן הארבסט.

אין פרילינג האָב איך מאַיסע פויגל סיגנאַלן געשיקט.
די פעדער־פלאַטער־פריילינס זענען נישט געקומען צום יאָנטעוו.
איך האָב ברייט מיינע טירן געעפנט —
מיין שוועל האָט געלידיקט, מיין שוועל האָט געטרויערט,
און איך האָב זיך אויף מאָכנעם געריכט.
ס'איז אַלץ פאַרשריבן אין מיינע דאָרשטיקע לידער.

צינד מיר די פייערן פון האַרבסט
מיטן מוטיקן וויסן: דו שטאַרבסט.
ברענג דאָס לעצטע יונגע בלוט
אַ קאָרבן דעם פאַרביקן האַרבסט.
נישט קלאָגן: נאָך אַלץ נישט באַרוט —
אויפגיין העל מיט לויטערן מוט.

קום, לעזערין מיינע מיטליאַריקע.
כ׳טו אָנען דעם צוזאָג אין דיין געניטן, פליסיקן בליק.
מאָנען וויל איך אויפמאָנען די בליטן
פון דיינע פאַרפאַלענע פרילינגס און זומערס.
אויף מיין טיר קיין שלאָס און קיין ריגל.

צינד מיר די פייערן פון האַרבסט
מיטן מוטיקן וויסן: דו שטאַרבסט.
ברענג דאָס לעצטע יונגע בלוט
אַ קאָרבן דעם פאַרביקן האַרבסט.
נישט קלאָגן: נאָך אַלץ נישט באַרוט —
אויפגיין העל מיט לויטערן מוט.
ווי אַ צעצונדענע זעטיקע גאַרב
אינמיטן פעלד, — מיט וויסיקן מוט.

קאַליפאָרניער לאַנדשאַפט

איבער מיר בארג און אונטער מיר אָפּגרונט,
און בלויקייט מיט ליכט אַרום און אַרום.
ווען כ'זאָל זיין אַ שטומער, וואָלט איך איצט זיך צעשריגן.
ווייל פול איז מיין צונג מיט אָנגעגרייטן וואָרט,
שטיי איך און שווייג,
און מיין אייגענער אָטעם איז מיר איבעריק.

צווישן באַרג־שפּיץ און באַרג־שפּיץ
לאָקערן פּעלזיקע טיפע סאַקאָנעס.
מיר פעלן בלויז פליגל אַ פּאָר
צו פלאַטערן מיטן זון־גאַס
איבער די פּאַראַקשנטע באַרגיקע קעפּ —
אַריבער דעם טויט
דאָ אונטן.
איך פלאַטער סיי־ווי.

אונטן איז טויט.
אַ גליטש און טויט.
אַ גוטן קוק און טויט.
ווי נאָענט דער טויט.

און דו מיט מאַראַנצן־גלי אין דיינע האָר,
מיט באַנאַנע־צוויט אין די אויגן —
וואָס שטייסטו מיט די אָרעמס צענומען ווי אַ פּאַלמע,
און ס'ציטערט דיין ליפּ?
האָסט ליב מיין ווארעמע האַנט?
גיב דיינע אָהער (קאַלט איז זי, קאַלט).
לאָמיר אַריבערשפּרייזן, לאָמיר אַריבער — ווילסט?
ווען אויבן הארביקע מאָנסטערס מיט נאַקעטער גלייכגילט,
(און אויבן־אויבן אַ הימל ווי דער טורקוזענער בויך פון אַ בלינדן בודאַ)
ווען אונטן, ווי אין איבערגעקערטער קאַמער פון גרויל —
ווי היימיש דער טויט.

צווייטע אַנטפּלעקונג

דו קומסט צו מיר מיט דער צווייטער אַנטפּלעקונג,
וואָס איז מער ווי די ערשטע.

אין אָנהייב —
שיקערער פּרילינג אין אַ קאַרשנבוים,
באַרויש, וואָס שוימט, גיסט זיך אַריבער—אויף די צווייגן און אין ווינט.

דערנאָך: זעלבסטבאַוואוסטער, הויכער זומער־טאָג,
דורכזיכטיק און זעעוודיק
פול מיט וואַרעמגלי.

יאָרן שטייען שוין הינטער אונדז ביידע.
נישט דיינע, נישט מיינע,
נאָר אונדזערע איז זייער פּילקייט.
פון זייער פולקייט שטייגט מיט נייער בראָכע דאָס וואָרט,
וואָס האָט זיך געריסן פון אונדז דעמלט,
ווען דער פּרילינג האָט געשיקערט אין אונדז
מיט זיין איינענער, אומגעדולדיקער שיקרעס.

אַנטעלאָפּן

די סטאַרע אַנטעלאָפּן האָט געהויערט שטיל
די אויגן, די גרויסע, צום מאַרעוו אַריבער,
עלעהיי מעלאַווע־זון געווען בעציבער —
די פּיין־בויגיקע קערפּערס צום שטראַלן־געשפּיל.
דאָרשטיק געזויגן די העלקייט פּאַרנאַכטיקע,
וואַרעמע העלקייט, נאָך וועלכער ס׳קומט נאַכטיקייט.
און ס׳איז איינע געשטאַנען אין איינגאַנג פון שטאַל,
לײַדנשאַפטלאָך דעם געשפּאַנטן האַלז געצויגן,
דאָס וועזן דאָס גאַנצע אַהינצו געבויגן,
וואו ס׳האָט געצאַנקט פון אַלדאָסגוטס דער ליבער קוואַל.

צו דיר — צו מיר

מערצאָווע ווינטן

I

מערצאָווע ווינטן רייסן מיר אַ פּאָלע.
די אָנהייב-קנאָספּן בריסטלען זיך — באַריר!
עס קלעפּן זיך די פינגער שוין פון סמאָלע.
דער נייער אָנקום שפּאַנט אין פּאַרק מיט מיר.
דערווייל איז אַלץ נאָך ברוין. ס'ווערט די בעהאָלע
פון פאַרבן, רייכעס איצט ערשט צוגעגרייט.
ניין, זיכער: כ'שטיק אין זיך נישט קיין שום קלאָלע -
איך שמעק די פינגער און וויל גוטע רייד.

II

אין כאָלעם-גרינעם ערעוו ליגט געמיטלעך
דער טייך דאָ אונטן. ס'איז נישט צו פאַרשטיין,
ווינאַך פונצווישן אַט די הוילע ריטלעך
דערקריכט ער ביז דעם אויפגעשטעלטן שטיין
פון גרויס ניו-יאָרק מיט זיינע טורעם-היטלעך.
נאָר ס'איז ניו-יאָרק. דער אויטאָ-בראַזג נישט-ווייט
דערמאָנט מיך, אַז עס איז קימאַט נישט זיטלעך
צו שטיין ביים בראָנקס-טייך אין אַזאַ מין צייט.

III

די צייט. זי מאַנט נישט בלויז מיט אויטאָ-האָרן.
זי שרייט פון יעדן ראָג, מיט יעדן מויל.
נישט כאַלעם-גרינער ערעוו — רויטער צאָרן!
נישט צאַרטע צווייגן-ריטלעך — אַ פּיסטויל!
איך ווייס, איך ווייס: אַראָפּלאָזן די שטאָרן
וואָלט איך פאַרשעמט געדאַרפט ביי זיך אין שטוב,
און וויינען — ווי, וואָס איז מיט מיר געוואָרן,
און וואַרפן זיך אין שמאָל-און-לאַנגער גרוב.

IV

נאָר ס'איז די צייט אַן אַלטע און געניטע,
און רייד האָט זי געהערט שוין אויך אַסאַך.
נישט רייד — ווי קלוימערשט רויט-צעגליטע —
באַדאַרף מען, ווען עס פלאַקערט בייז דער דאַך.
פאַר וועמען וואָרט איז די באַשערטע שיטע —
פאַר דעם איז אַלץ און אומעטום אַ ברען.
און אויך: צו אָפּט בייט אַלגין די אָרביטע,
און ס'נעמט מיך נישט דאָס רויטס פון פראַלעטפּען.

V

איך קאָן דאָך נישט פֿאַר זיך די צייט באַשטעלן,
ווען מיך וועט וועלן אויסהערן די וועלט.
די נאַרישע! זי וויל נישט מיר געפֿעלן,
און ווייס אויך נישט, וואָס איר אַליין געפֿעלט.
און זי האָט צייט. זי ציילט זיך אירע קרעלן
מיט מילי־בילי־מילי־בילי־אָן.
איך האָב איין קרעלכל בלויז אויף איינצושטעלן
און ס׳איז דערלויבט מיר בלויז איין שנעלער קאָן.

VI

וויל איך דערציילן דאָ, ווי אין אַ זונטיק
סאָף מערץ, האָט אַ געוויסער פֿאַביום לינד
באַוואונדערט לאַנג, ווי וואָרצלדיק און גרונטיק
עס וואַרט אַ בוים אויף אָנקום אין דעם ווינט.
ער וואַרט נאָך אויך. נישט שיין אַזוי און רונדיק —
דאָך וואַרט נאָך פֿאַביום לינד. און אים פֿאַרדריסט,
ווי שנעל עס מעלדט זיך דאָ דאָס גראָז־וואָרט וואונדיק.
נאָר עמעס: ס׳איז גאַנץ קלאָר — ער וואַרט אומזיסט.

VII

אויף וואָס וואַרט פּאַביוס לינד? — פיל לעבנס פירט ער.
איינס קלאָר, ווי ס'איז א ווייטיק, ווי אַ צאָל.
ווי ס'איז דער שטעג, דער גראַדער, אויסגעווירטער
צום מייסים־שטיבל, טורמע, צי שפּיטאָל.
דאָרט איז ער מאַן און פּאָטער באַלאַנסירטער,
און האָט א קרייז פון נאָנטע און פון פיינט.
דאָרט זעט ער אוים גאַנץ פעסט. און דאָרטן שפּירט ער —
קיין נעכטן, מאָרגן. אַלץ דערזעלבער היינט.

VIII

און נאָך אַ לעבן דאָ — צווייטס, דריטס און מערער.
עס פליסט אין אים און ווירבלט ערגיץ טיף.
און גראָד איז דאָס — פאַרשטעלט פון זעער, הערער —
דער גרונט פון גרונטן — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

פאַררינגלט צימער

טונקל, פאַרריגלט צימער.
לופט געדיכט און אָנגעזאַפּט מיט מוירע און געפאַר.
פאַביוס לינד איז אויג אויף אויג
מיט אַן אויסטערלישער פרוי.
פאַביוס לינד איז קליין און ציטערט.
די פרוי איז גרויס און וואַקסט — און שלאַקסט
מיט שווערלייביקע רייכעס.
געררוך פון שטאָל,
פון זומערדיקע נאַכמיטיקס אין געדיכטעניש פון וואַלד.
מעכטיקע לענדן און מעכטיקע פיס.
פאַביוס לינד האָט מוירע, און אים איז צום שטאַרבן גוט.
די רייכעס וויקלען איין,
נעמען צו ווילן — אים איז צום שטאַרבן גוט.
ער דאַרף נישט דאַרפן עקזיסטירן.

ער און די פרוי און די מוירע און דאָס גוטסקייט איז איין,
און ער איז געוואַלטיק אַליין.

שוואַרצע מירמלען

פּאַביום לינד טרעט אויף שטיקער נאַכט,
האַרטע ווי אַספּאַלט.
ציענישן, גליענישן פון שטאָט —
אַסאַך נאַכט און אַסאַך אַליינקייט.
אַסאַך טרעפּן אַרויף און אַראָפּ.
אָט זענען די גלאַטע, געל־גלאַטע פעלזן פון אימפּעט,
די הויכע און גראַדע עשאַפּאָטן פון שטיינערנעם שיגאָען.
וועט ער דערקלעטערן אויף די שוואַרצע מירמלען
פון אָנהימלדיקער נאַכט
ביז דעם העכסטן שפּיץ
און פון דאָרט...
וואוהין? אַלצאיין.
ער און נאַכט און פעלז זענען איין.

דער באַלאַגאַן

פּאַביום לינד האָט פאַרגעסן זיין נאָמען.
ער איז אַ פּאַיאַץ אויף די יאַרידים.
וויזט קונצן
פאַר די מענער, וואָס גאָלן זיך העכסטנס איינמאָל אַ וואָך,
פאַר די פרויען, וואָס טראָגן שווערע צעפּאָרענע שיך,
און פאַר נעגערס.
ער נעמט אוים.
האַ-האַ-האָ ער נעמט אוים.
הונדערט ווייבער, נעגערטעס און אַנדערע קלייבן זיך
אַרום אים,
טרייסלען מיט זייערע היפטן אויף אים
שרייען: האַלעלויא, האַלעלויא, האַלעלויא,
אונזער האַר, אונזער האַר, זיי אונזער האַר!

נעמט ער אַ צען צווישן זיי און מאַכט זיי פאַר זיינע ווייבער.
זאָגט ער צו זיי:

דו קאָך מיר דאָס געקעכץ וואָס איך ליב — מיט ריישעכץ.

דו זע, אַז עס זאָלן נישט פעלן קיין קנעפּ אויף מיינע
פאַדזשאַמעס.

דו היט מיין שלאָף, וואָרים איך צערטל דעם שלאָף,
ווי אַ קינד דער מאַמעס וואַרעמקייט.

איר דריי שטעלט אויס גרויסע אומעטיקע אויגן,
מיטן גאַנצן ווייטיק פון דער געקאַטעוועטער אַפריקע,
איך זאָל זיך פאַרשעמען פאַר די געשליפנסטע ווערטער
אויף די דעליקאַטסטע צינגער,
איך זאָל נישט מיד ווערן צו שעלטן דעם אויפּטו פון
דער וועלט.

איר דריי געניט זיך אין די צערטלעריייען פון לייב־און־ליב,
זעטיקט דעם נעאַנדערטאַלער, דעם קראָמאַניאָנער
און אַנדערע בלוטסטראָפּן אין מיר.

און דו, גראַד־נאָזיקע און מיסטיש־אויגיקע,
דו לויף אויף דיינע דינע (בעעמעס צו־דינע) פיס,
און קינדיק אָן מיין דיכטערישן רום אין אַלע פיר עקן

און אין אַלע פיר סוב־עקן.
נישט גערוט, נישט געראַסט,
צי געגעסן, צי געפאַסט,
צי אָנגעטאָן אָדער אין דיין אַליווענער בלויזקייט —
דערצייל דער וועלט מיין גרויסקייט.
עס איז הויכע צייט.
מיינע סאָנים די בייזע לייט
טוען און מיען זיך עס זאָל פאַרגעסן ווערן
פון אַריבער די יאַמען ביז אריבער די שטערן
דאָס געדעכעניש אין דיכטערלאַנד פון דעם פרינץ שעבעפרינץ.
עס דערגייט שוין ביז דער פראָווינץ.

טויבן אויפן גאַס

פּאַביום לינד געדענקט:
טויבן אויפן גאַס
טריפּ־טריפּ, טריפּ־טריפּ.
שנאָבלען זוכן, נישטערן אויף דער ערד.
פּיק־פּיק, פּיק־פּיק —
אַ ווערעמל, אַ קערנדל.
עסן, עסן, עסן.
דער קאַץ פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם.
פאַרגאַנוועט זיך אונטער אַ סלופּ,
באַרשט זיך אויף, גרייט זיך, גרייט זיך,
ששש. ששש...
זאָלן זיי נאָר נישט זען, זאָלן זיי נאָר נישט הערן.
אין קאַצנקאָפּ מישט זיך.
צעפּלאָשעטע טויבן, פּרואוון זיך פליען, און זי — כאַפּ.
די טויבן נעמען זיך נישט צום האַרצן.
טיר־טיר, טיר־טירר.
אויך מיר אַ גאַזלען.
די קאַץ אַליין האָט ספּייקעס.
נאָר די קאַצן־אויגן גליען. הייסע בורשטינען.

דער אַלטער איטאַליענער, האַלב-געליימטער,
היט מיט קליינע אויגן זיינע פייגל
און נאָך מער די קאַץ.
נישט קיין מיניע פון טויבישן שנאָבל, נישט קיין האָר
פון קעצישער וואָנצע
מיידן אים.
ער מעסט דעם שעטעך, מעסט די צייט
און פאַרשווינדט אין זיין שטיבל.
ער קומט צוריק מיט אַ ביקס,
אַן אַלטע קוילע נאָך פון רעי אומבערטאָס צייטן.
אַזאַ קאַץ, אַזאַ האָזע — זיינע טויבן!
פיליא ד'אונא פוטאנא, קע טע פרענדא און קאַלפּאַ,
קע און פולמינע טע פרענדא!
שיסן וועט ער זי דערשיסן, קוילענען...
ווייסיכוואָס . . . אַז די אַלטפרענקישע קוילע איז
גאָרנישט געלאָדן.
נאָר אָנגעשטעלט האַלט ער זי פונקט ווי עס האָט
געלערנט דער טענענטע
אין רעי אומבערטאָס אַרמיי.
וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע שנויצן עס האָט געהאַט דער רעי!
פאַביום לינד זוכט די טויבן — — —
וואו זענען זיי?
הוששא — אַוועקגעפלויגן...

פֿאַביום לינד צו פֿאַביום לינד

פֿ. ל. איינס: אויף די קאָלירטע גומים פֿון אילוזיע
ווי לאַנג נאָך וועסטו טרעטן?

פֿ. ל. צוויי: כ'וואָלט אינגאַנצן נישט געטרעטן
ווען נישט אַ רעגע אילוזיע יעדן טאָג.

פֿ. ל. איינס: אויף דעם מויל פֿון דער רעגע הענגט
נישט מער פֿרייד,
ווי אויף די ליפּן פֿון אַן אַלטער צע־
קנייטשטער מומע.
וויפֿיל דו ווילסט זיך נישט נאַרן,
די ביטערניש לויפֿט פֿאָראויס,
און באַגלייט דיך געטריי צוריק.

פֿ. ל. צוויי: בין איך געקומען צו־פֿרי,
בין איך געקומען צו־שפּעט.

פֿ. ל. איינס: קיין אַליבי פֿאַר זיך אַליין איז קיינמאָל נישטאָ.
גיי העכער אַרויף ווי דיין אויג גרייכט,
גיי טיפֿער אַראָפּ ווי דיין ווילן דערוועגט זיך.

פ. ל. צוויי: האָב איך פּראָבירט.
אַרויף — האָט מען געזאָגט: נישט שווין
וויל ער דאָס טעלערל פון הימל,
און ס'איז די צייט פון גרויס ליבשאַפט
צו באַשיידנקייט.
אַראָפּ — האָט מען געזאָגט: מיט
וואָסערע מאַסקעס שרעקט ער אונז —
ס'איז די צייט פון הימנען צו צווייטאַלצוויי.

פ. ל. איינס: און וואָס האָסטו אַליין געזאָגט, אַ
פּאַביום לינד?

פ. ל. צוויי: איך אַליין . . . איך בין נישט געגאַנגען גענוג.

פ. ל. איינס: גיין — גייט מען קיינמאָל נישט גענוג,
נאָר מוירע פאַרן גאַנג זאָל מען נישט האָבן.
מען דאַרף גיין וואוהין מען וויל קומען.

פ. ל. צוויי: איך קאָן נישט אַרויס פון דעם פּאַנצער,
וואָס אויף מיר.
און נאָך מער אין מיר.
איך בין דער, וואָס קלעטערט אויף טרעפּן
און טרעפּן צו באַגעגענען,
און געשעט די באַגעגעניש —
אַנטלויפט ער אין איילעניש צוריק.

פ. ל. איינס: ווען מען וויל נישט פון אָנהויב אָנט-
לויפן, אַנטלויפט מען נישט.
נישט-געמיינטער אָנהויב קאָן דעם ציל
נישט אָניאָגן.

פ. ל. צוויי: שטרייט איז מיר דערווידער.
כ'מוז זיין געווינער אָן געראַנגל.

פ. ל. איינס: קיין אַליבי פאַר זיך אַליין איז קיינמאָל
נישטאָ.
וואַרט מיט דעם קויעך, וואָס דערוואַרט זיך.

פ. ל. צוויי: האָב איך פּראָבירט.
איך בין געווען ווי אַ פּאַטעל, וואָס לאַדט
איין זיך צו זעצן אין אים —
און בלייבט ליידיק.
און מען האָט געזאָגט: אַ קעלט טראָגט
פון אים.
און מען האָט געזאָגט: נישט אין, נאָר
אויסער דעם צירקל איז ער.

פ. ל. איינס: און וואָס האָסטו אַליין געזאָגט, אַ
פאַביוס לינד?

פ. ל. צוויי: איך אַליין . . . איך האָב צופיל אַריבער־
גענוקט כ׳זאָל קאָנען דעם צירקל דורכרייסן.

פ. ל. איינס: מען רייסט קיינמאָל נישט דורך.
נאָר מען זאָל עס נישט מיידן.
ריים ביז עס טוט וויי.
נישט געמינערט, נאָר געמערט ווערן
די רינגען אַרום און אַרום,
סיידן מען פליקט דאָס אייגענע לייב און
מען מאַכט נישט צו די אויגן
אוים ראַכמאָנעס צו זיך.

פ. ל. צוויי: כ׳בין אזוי אויך פול מיט אַליינקייט.
זאָל איך נאָך אַליינער ווערן?

פ. ל. איינס: וואָס פאַר אַ שוץ איז אַ קלייד פון לויזע
פעדים, אַ פאַביום לינד?
וואָס פאַר אַ באַהעלטעניש אַ גאַרטל פון
שיטערע קרעלן,
ווי עס טראָגן די מיידלעך פון טראַבריאַנד?

פ. ל.צוויי: מען מיינט — עס דאַכט זיך — מען האָפט...

פ. ל. איינס: קיין אַליבי פאַר זיך אַליין איז קיינמאָל נישטאָ.
אוים מיט מיינען, דאַכטעניש, האָפן.

פ. ל. צוויי: האָב איך פּראָבירט.
אין יענע זעלטענע גאַנייוועס ביי זיך און ביי צייט
בין איך געווען ווי אַ שויב:
ליכט און פינצטערניש זענען געגאַנגען דורך מיר
און אָטעמס האָב איך אויפגעכאַפּט,
און פינגער האָב איך אויף זיך געשפּירט,
און אַליין געבליבן בלאַנק און אומבאַרירט.
האָט מען געזאָגט: א י ם שטייט נישט אָן צו זיין אַ שפּיגל.
און נאָך האָט מען געזאָגט: דער סכאַר פון אייגנמיין איז פאַרגעסעניש.

פ. ל. איינס: און וואָס האָסטו אַליין געזאָגט, אַ פּאַביום לינד?

די הייל

די הייל איז שמאָל און טונקל, טונקל און לאַנג,
און אַזוי נידעריק
אַז פּאַביוּם לינד מוז דאָרט שטיין אויף די קני.
ער וויל שטיין אויף די קני
און בעטן זיין גרויס געבעט.
ער וויל קריכן אויף די קני די גאַנצע לענג פון דער הייל,
און מיט זיינע וואונדן אויסבעטן דעם געהאַרטן נעס.
דאָ אין דער הייל,
וואו ביי די ווענט שטייען שניצונגען פון אַפריקאַנישע
פּרימיטיוון
מיט דעם הומאָר און לעבנסכאַכמע פון זייערע אָרגאַנאַנען,
וואו זייטיק און פלוצטאלבן — וואָיענדיק און האווקנדיק
באַפאַלן אים מאָנסטערס מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער,
סטראַשנע האוואיעס, בייטשנדיקע עקן, ווארגנדיקע הענט—
דאָ וואַרט פּאַביוּם לינד

עס זאָל געשען דאָס איבערקערעניש מיט אים.
דאָ טויכן אויף און שווינדן
אין אייביקער רונדער פּראָצעסיע
אַלע ערטער, אַלע פּערסאָנאַזשן.
דאָס פאַרריגלטע צימער מיט דער אויסטערלישער פרוי.
דער מירמל און די פעלזן פון נאַכט (אזויפיל נאַכט).
דער באַלאַגאַן מיט די האַלעלויעדיקע צען ווייבער.
דאָ וואונדיקט ער זיין וועג אויף בעטנדיקע קני
און דאָ איז ער אַליין מיט זיין אומרייפקייט.
(פאַביוס לינד האָט שוין לאַנג לויט די יאָרן געדאַרפט
אויפהערן זיך יינגלען,
און האָט נישט).
און אזוי וואַרט ער אויף נעס,
גלייבט, אז עס איז דאָ אַן אַרויסגאַנג פון דער הייל,
גלייבט, גלייבט.

ווי זעט אוים דער אַרויסגאַנג, פאַביוס לינד?
פיר־און־פערציק מאָל בלענדיק איז ער מיט פרייד

און אויף יענער זייט שטייט אַן איינאַונאַיינציקע,
אַנגעלאָדן מיט פּונקט אַזויפיל וואָרטעניש ווי ער...

האַפּסאַ־דולאַ, פּאַביום לינד.
נישטאָ קיין ארויסגאַנג פון דער הייל,
נישטאָ קיין בלענד און קיין איינאַונאַיינציקע.
און וואָלט זי יאָ געווען, וואָס וואָלט זי געקאָנט דיר זאָגן?
לאָמיר זען, לאָמיר זען...

ווילקום, באַשערטער פּאַביום לינד דו מיין,
ביי מיר דיין גינגאָלד רינג, דו ברענגסט די שיין.

קום שנעל — פיל זין און טעכטער צו געבערן,
מיר זאָלן נייער מענטשן־אָנהייב ווערן.

די ביז־אונז־דוירעס האָבן זיך געמיט
אַרויסצוזינגען אונז, דאָס גינגאָלד־ליד.

און איצט — נישטאָ קיין דווירעס מער איצונדערט,
נישט קוק אויף מיר אזוי פאַרוואונדערט.

זיי זענען טויט — אַט די פון יענער זייט
געוועזן נישט-געראָטן, פעלע לייט.

געווען א ווייסטער דורכפאַל — ביאַלאַגיש.
נישט טרויער, ליבער מיין, פאַרלייד, פאַרטראַג עס.

עס איז אַזוי באַשערט פון אָנהייב אָן.
איצט קום! ס'איז שפּעט. כ'וויל ווערן אויסגעטאָן...

פּאַביום לינדן ווערט טרויעריק. פּאַביום לינד לאַכט.
דאָס — זיין פּיירעש אויף שיר-האַשירים? צום טייפל!

אַ מאָלער אַ קענער

שיין זענען צווייגן, ווען זוניק
טוען זיי אָן זיך די טוניק
פון דעם צעפּראַלטן געבלי.
אָפן פּאַר גאָט און פּאַר לייטן
מעלדן זיי שטאָלץ דורך די צייטן:
אָט ווי מיר ליבן זיך הי.

שיין זענען צווייגן מיט בלעטער,
ווען אין אַ דורכזיכטיק וועטער
הענגען זיי גרין און בארוט.
אַלץ וואָס די ערד האָט אין קלוגשאַפט
אַל איר באַקלערטע גענוגשאַפט
איז אין דעם בלעטערדיק בלוט.

אָבער ווען זיכער און שווייגיק
שטרעקן זיך נאַקעטע צווייגן
קעגן א הימל פון גרוי —
איז נאָך די שיינקייט פיל שענער.
גרויס איז ביים מאָלער דעם קענער
ס'צייכענען — דין און גענוי.

נעצן, געהעפטן, אוזאָרן —
וואָס פאַר אַ צייכענונג קלאָרע,
וואָס פאַר אַן אײדל געשריפטס.
ערד שרייבט אזוי דורך די לופטן,
בעט זיך ביים הימל און רופט'ן
ענדיקט דעם בריוו מיט אַ זיפץ.

דער דאָר

אַ וואָרט! אַ וואָרט אָן אָדלער פֿלינק, אַ הירשין גרינג
צו טראָגן מיר אַ בשורה — יעדן, וואָס געפֿלעפּט.
נאָר ס׳בעט דאָך אַ קוואַד־פּע צו בלענדעניש באַהעפּט,
אַ בלינדער זוכט אויף דנאָ פֿון יאַם אַ קישעף־רינג.

געווען פּאָעטן לאַנג פֿאַר מיר, וואָס האָבן שטרענג
געזונגען אָדעם צו דער הייליקייט פֿון פֿליכט,
געבעטן זי זאָל שיינען זיי מיט קאַלטן ליכט
און פֿירן זיכער דורך דעם לעבנס ברייט און לענג.

פֿליכט, פֿליכט — אַ פֿאַלשער קלאַנג און עמעסדיקע פֿאָר
צום הויך־געפּרייזטן גראַדן, זאַכלעכן פֿאַרשטאַנד.
און וואָס פֿאַרדעקט זי נישט מיט קניפּ פֿון דאַרער האַנט —
די וואָרטשנדיקע מאָנערין מיט שיווע האָר!

איך ווייס נישט וואָס איז פליכט, נאָר כ׳שפּיר צו גוט און טיף
דעם האַרבן טאַם פון צוואַנג, די ביטערקייט פון צוים.
איך קאָן זיך דאָך נישט ברידערן מיט אָט דעם בוים
ווי לאַנג איך וויל — נישט לייענען זיין קלוגן בריוו.

„צו לעבן בלויז, מיין קינד, איז שוין אַ שווערער אָל“,
האָט מיין וולאָצלאַווקער באָבע מיר מיט זיפץ געזאָגט.
און איטלעך יאָר פון אירע אַכציק האָט באַקלאָגט
מיט מידן בליק די לעסטיקע און האַרטע צאָל.

„און כ׳וויל נישט מער. גענוג. אַז גאָרנישט איז קעדאַי“
איך האָב געגלייבט דער זקיינע, הילפלאָז זי געטרייסט:
עס פרעגט אונז קיינער נישט — מען לעבט ווייל אימיץ הייסט —
און יעדער דאָר מוז אויסטראָגן די האַרטע לאַסט פונסניי.

דער מידער בליק האָט פון זיין עמעס נישט געקרימט.
יאָ, באָבע, שווער. און ווען אַ קאָפּ איז ווייט געווענדט,
און וויל אזוינס, וואָס איבער די באַקאַנטע ווענט,
דאַן זענען שמאָלע פּלייצעס צוויי צו־שמאָל — באַשטימט...

עס האָט מיין באָבע נישט פאַרמאָגט קיין צויבער־שפּרוך,
און איך זוך אויך אומזיסט די מעמרע פון באַשייד.
עס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אַלע, אַלע רייד,
אַ הייל פון רוכעס בייזע איז דאָס ווערטערבוך.

מיין דאָר האָט פיל געזען און מערער נאָך געהערט.
דול דורכגעפּיבערט א יאָרהונדערט אין איין שפּאַן.
צעקלעמט באַגערט ער רויטן האָן, צי טויב, צי שוואַן.
צעטומלט טויט ער אַלע דריי מיט בלינדער שווערד.

עס איז דער דאָר פון לאַנגגען האַס און לאַנגער נויט,
און נישט קיין אויסלייזער — אַ טאַליען איז דאָס וואָרט.
עס שטייען ברידער פינצטערע ווי ערעוו מאָרד,
און ביידע רעדן רייד און קיינער קיינעם טרויט.

די נויט מאַכט גרויסע גוט און קליינע מאַכט זי בייז,
און גוטס מיט בייזן האָבן זיך צונויפגעמישט.
און דאָ האָט מיך מיין קורצע קאַרגע שאָ דערווישט
און דאָ שטיי איך אין מיין געפּלעפטער. גאַנצער גרייס.

פּאָרטרעט 1933

אַ פּייל זון האָט דורכגעשאָסן די נעץ צווייגן און ריטלעך.
העזעלעך ליכט האָבן געטאַנצט מיט מייזעלעך שאָטן
און אויסגעטאַנצט אַלע מענטשלעכע פּאַסאַנען און צייכנס.
אָט דרייעקס, אָט צלאָמים,
אָט שלענג, אָט קוואַדראַטן,
און אָט סוואַסטיקאַס — אויך סוואַסטיקאַס.

הוי, איר שפּרייטער פון מאַגיפעס
(אייער די מאַכט איבער האַמוינישן אָטעם)
הוי, איר פאַרגרייטער פון סרייפעס
(גרוים איז די שרעק פון טאַבו און פון טאָטעם),
הוי, שפּרוכן און סימבאָלן.
נאָר איר, שאַלקהאַפטע, האָט געקאָנט צייכענען און מאָלן
אַזוי געניי און פלייסיק
דעם פּאָרטרעט פון טויזנט ניינהונדערט דריי און דרייסיק:

אַ מענטשל מיט דער נאָז פון אַ שנאַפּער,
מיט דער פּריזור פון אַ טויבן-כאַפּער.
אַ קליין מענטשל, וואָס וויל נאָר גרויס.
גרויס שפּרייזן.
גרויס רעדן.
גרויס פּייניקן.
הונדערטער. טויזנטער. מיליאָנען.
הייליק פּייניקן — — —
פונוועגן דער זעלעס נוץ — פונוועגן אַ העכער, דריימאָל
העכער גוטס...
(געשטאַטן, ביטע: ער איז נישט מענטשלעך, נאָר געטלעך.
אליין אַ... ווארהאַפּטיק — גאָט...
אַ נייער יעזוס, אַן אייגענער נישט-סעמיטישער . . .
יודע פּערעקע!
אַ באַוואָפנטער יעזוס, אַ געפּאַנצערטער עכט-גערמאַ-
נישער יעקע).

געטלעך פאַרטיליקן מיט אויגן פאַרגלייזטע פון העלדישער
פיעטעט,
מיט הענט אין ריטואַלן נישט-ציטער.
אָ ער איז גוט, אָ ער איז נאָבל:
אין זיין לאַץ אַ בינטל איידלוויים.
זיין האַנט בלאַנדזשעט אָפּט
אויף גאָלדענע קעפּלעך פון קליינע קינדער.
איז אָפּגעשיידט פון פרויען, פאַרטראָגט נישט קיין
טאַבאַק-רויך,
ווייכט פון אַלקאָהאָל.
און יאַוואָהל — — —
ער געניסט נאָר די קרייטעכער פון דער מוטער-ערד,
זיין שפּייז בלויז די ריינע פרוכט פון די ריינע אַרישע ביימער.

אָ, דערוואַרטער, געגאַרטער, באַשערטער גאָטס שליאַך
און שוטעף!

איך גלויב

פון מיינע טיפענישן זינג איך זיכער: כ׳גלויב
אין נייעם מענטש פון מונטער אויסגעלייזטער מי,
אין ארבעט, וואָס איז זין און פורעם, פרייד און פלי,
און איז צו וועלט-דערזעאונג זוניק-קלאָרע שויב.

מער צערטלעך, ווי ס׳איז פאָו געווען צו אנאבל-לי
בין איך צו הענט פון זעג און קנעט, פון בוי און הויב.
מער האָס, ווי שאולס כוישעכדיקער גייסט אין נוב
האָב איך צו וועלט פון בייטש און פון געבייגטער קני.

אָ שלעכטס איז שלעכט. און שלעכט ווען שלעכטס
זיצט אויבנאָן
אויך וואו די האָפנונג שלאָגט ארויס פון עכטסטן קוואַל.
נאָר ווען דאָס בייז איז בייז און בלינד ווי אַ שאקאל,

און נישט קיין האָפנונג, נאָר מער בייזקייט זאָגט עס אָן —
וויים איך: די טויטנויט שרייט אין פלאָם פון רויטער פאָן,
און כ׳גרים די בסורע פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“.

רעדע ביים בראָנקס - טייך

די ליניע פון דער עקקיאי איז געווען און איז
ריכטיק. די ליניע פון דעם צעקא ק. פ. ד.
איז געווען און איז ריכטיק. טראָצקי איז גע־
קומען צוהילף דער סאָציאל־דעמאָקראַטיע
און האָט פּאַקטיש אויסגעפירט היטלערס
סאָציאַלע באַשטעלונג. טראָצקי איז אַ סאָ־
ציאַל־היטלעריסט. אַ סאָציאַל־פאַשיסט. אַ
קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. אַ פאַררעטער. זיין
לעצטע האָפענונג איז אינטערווענציע. ווי
אַ מאַראַדיאָר — — — — — — — ——
אַלע קאָמוניסטישע און סאָוועטישע צייטונגען
איבער דער גאַנצער וועלט.

מיליאָנען און מיליאָנען אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערן האָבן
דאָס געליטענט. און — עלעהיי א שלוק טיי פון א בלעכן קענדל
אויף א פארביילויפנדיקן וואַקזאַל פון א סאָוויעטישער סטאַנציע.

צי קאָן מען דעם לעצטן שטרייט געווינען מיט א
פארקאַפּטשעטן געדאַנק,
כאַוויירים?

און דארפן געררעכטע דעם אָנשפּאַר גליטשיקן פון ליגן?
און זענען די פּעניִמער אויך פון די, וואָס גייען צו דעם עמעס,

די פענימער, וואָס קאָנען לויכטן ווי הימלען אין יוני־מאָרגנס,
נאָר בלעכן אזוינע, האַרטע, טעמפּע,
וואָס קלאַפּ אויף זיי,
האַמער אויף זיי,
פּויק, פּויק, פּויק —
ווער עס וויל, אַבי ער קאָן,
און זאָגט מיט שטייפער קעל: דאָס איז די פּאָן —

די פּאָן, כּאַווײרים?

איך ווייס: דער מענטש איז נאָך זייער ניי און יונג,
כּאַווײרים,
אים קומט נאָך צו כאָלעם דאָס שאָרכן פּאַרכטיק
פון דעם אורוואַלד,
די פרייד די וואַלדישע, דער רעוו, דער סומנער קרעכץ.
זיין אויג, דאָס שפּיגעלע פון אַלטער זון,
דער זאָמען ליכט פּאַרזייט פון אויבן,
איז נאָך מער, פיל מער געווענדט אַראָפּ,
אַראָפּ, כּאַווײרים.

איך ווייס: אין נישט געבוירענע באַהעלטענישן ליגט
נאָך דער טאָג,
כּאַווײרים,

ווען אַ קינד וועט פרעגן: מאַמע, וואו איז מיין היים —
און די מוטער וועט ענטפערן:
אַט זון, אַט סיריוס,
אַט די ווייסע, רויטע ליכטער פון די שטערן-שטעט —
דאָס צוזאַמען מיט אונזער פינטל ערד איז אונזער היים,
מיין קינד.
און ביז יענעם ווייטן טאָג וועט דער מענטש גיין אין
בלענדעניש,
און גלוסטן גלוסטעניש — די לענג אַ האַנט,
די ווערט אַ פויסט.
ביז דענצמאָל וועט דער מענטש נאָך אַלץ זיין צום
פאַרצווייפלען יונג,
גאָר יונג, כּאַווירים.

איך ווייס: די ווייסע כּאָכמע פון דערפאַרונג איז קיל,
כּאַווירים.
זי זאָגט אונטער — ס'איז געווען און לאַנג וועט אַזוי נאָך זיין.
און ביז אַלע מיילער וועלן האָבן ברויט צו-זעט,
און אַלע קעפּ אַ דאַך אַ זיכערן,
דאַרף מען אָננעמען פאַר ליב,
ווייל אַלץ — אַ שוועל נישט מער, זאָל זיין אַ
שטעכיקע, אַ ביטערע,
צו דער פאַרהאָפטער שטוב,

וואו ס׳וואוינט און ליכטיק וואַרט דער ציל.
נאָר פון דער שוועל ביז שטוב — אַ שעטאָך אָן אַ גרעניץ,
כאַווירים,
נישט היינט, נישט דאָ די שטוב —
שטענדיק אין אַ דאָרטן פול מיט נייע דאָרטנס,
שטענדיק הינטער אַנטלויפנדיקע מאָרגנס.
איז גייער אָפּגעטיילט פון גיין? און וואָס פון דאָ און היינט,
און היינט, כאַווירים?

און כ׳האַלט די רעדע ביי דעם בראָנקס-טייך דאָ,
כאַווירים,
ווייל כ׳ווייס אויך דאָס: צו אַ שאָלעכץ האַרטער קאָן
איינדאַרן דער עמעס,
ווי ער קאָן צעבליען זיך צו איינסאָף העל און לויטער פרייד.
און איך האַלט די דראָשע, ווייל וויפיל כ׳האָב זיך נישט
געשוואוירן —
שווייגן וועל איך פאַרשווייגן און אײַנצוימען די צונג
מיט קלאַמערן פון געדולד,
מיט שנאַלן שטאָלענע כּון כעשבן,
ברעכט דורך מיין צונג, און פרעגן מוז זי פרעגן: וואוהין,
וואוהין, כאַווירים?

צו דיר — צו מיר

די וועלט און איך — מיר רייזן צופעליק צוזאמען
„לאבירינט"

די וועלט און איך.
איך און די וועלט.
ווען ס'האָט מיין טאָג
נאָך יונג געהעלט
האָב איך געלאַכט
מיט דרייסטער האַסט,
גלייך כ'וואָלט געווען
אַן ערן-גאַסט:
ס'האָט צופאַל אונז
צונויפגעהעפט.
די וועלט און איך —
צוויי פרעמדע קרעפט.

איך וויים אַצינד
מיט מערער האַפט:
די וועלט און איך —

דיזעלבע קראַפט.
איך בין אין איר
צו יעדער שאָ.
נאָר זי אין מיר
איז אויכעט דאָ.
איצט פרעג איך נאָר
מיט שטיל געמיט
האָט זעלביקייט
אויך אונטערשיד?

איך איינס מיט וועלט —
נישטאָ קיין וואַל.
און כ׳קען די פרייד
פון שטיי און פאַל
באַצווייט, באַצענט
און באַמיליאָנט.
דאָס אורוואָרט הייסט
דער אָנהייב מאָנט:
אַליין ווי נישט
אין ריר און רו.
אינאיינעם אַלץ,
דורך אַלץ — אויך דו.

נאָר בין איך דאָ
אַ ראַיע בלויז?
אָט שריי איך הויך
מיין נאָמען אויס,
און ס'בילד פון וועלט
קריגט צו אַ שטריך.
מאנק אלע מירם
קלינגט אָפּ און איך.
פון מיקראָסקאָפּ
ביז טעלעסקאָפּ
בין איך פאַראַן
מיט זין אין קאָפּ.

און כ'זינג מיין ליד,
וואָס איז מיין זין,
צו דיר אַ וועלט,
צו מיר, וואָס כ'בין.
ווער ס'זעט בלויז זיך
איז בלינד און טויב,
זיין טייל איז ווינט,
וואָס בעזעמט שטויב.

נאָר מאָרד אין מויל
טראָגט דאָס געשריי:
אין יאָם פון אַלץ
ווי זאַלץ צעגיי!

איך אין דער וועלט
ווייס: כ׳בין ווי נול.
די וועלט אין מיר
זאָגט: מאַך מיך פול.

טריליאָניקע וואָר

דער פּינפּיאָר פּלאַן אין ראַטנפאַרבאַנד איז
אַ געוואַלטיקער שטויס פאָראויס נישט נאָר
פאַר אַ זעקסטל פון דער ערד. ער עפנט אַ
נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער
גאַנצער מענטשהייט. אין ראַטנפאַרבאַנד
פאַרשטייען דאָס אַלע און דער פּלאַן פאַר־
נעמט אַלע מויכעס און הערצער. בעעמעס:
וואו צוויי געליבטע אין דעם פּ. ס. ס. ר. רעדן
זיי נאָר וועגן דעם פּינפּיאָר פּלאַן — — —

א קאָרעספּאָנדענץ פון מאָסקווע אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג.
אויך אַרטיקלען אין זשורנאַלן און ביכער אין פאַרשידענע לע־
שוינעס.

נעם צו אויך מיין גרוס, סאָוויעטישער פאַרליבטער,
אַריבער שטאַט און אָקעאַן.
מיין גליקוואונש דעם גרויסן פּלאַן,
וואָס פאַרזייט רויכעדיקע קוימענס אין סטעפּעס און
מידבאָריעס,
עלעקטרישע באַגינענס אין טאַיגעס און טונדרעס,
מאַשינען-פליים און מאַטאָר-גוואורע אויף פעלדער,
וואו טויזנטער יאָרן האָט געשיקלט די שלימאַזל-בראָכע
פון דער הילצערנער סאָכע.

נאָך מער וועל איך בענטשן די בסורע פון פּלאַן
ווען אין זוניקע היימען
וועט זעט פאַרמעקן די האַרטקייט פון טעג,
פאַרדעקן די האַרטערע וואָכן.
ווען געפּלאַנטער ניצאָכן וועט קוועלן:
דער מענטש איז נישט אַזאַ באַזונדער, שלאָגלעריש פאַבריטשנע שרייפל,
די פאַבריק איז נישט אַזאַ שטיין-און-אייזערנער טייפל,
וואָס אין סאָצגעוועט איז אים גאַנץ עגאַל,
צי הענט און פיס זענען פלייש אָדער מעטאַל.

מיין גרוס אויך דיין כאַווערטע, דער קאָמיוגיסטקע,
וואָס ראַטעוועט מיט דיר דעם בוריקעס-פאַרזיי אויף די פעלדער פון אוקראַינע,
דאָס רייז-גערעטעניש אין קאַווקאַז,
דעם קוילן-ליפער אין דאָנבאַס,
און לאָזט זיך מיט דיר — אַלץ לויט דעם פּלאַן —
קיין בירע-בידזשאַן צו בויען י. ס. ס. ר.

נאָר איין פרימאָרגן — — —
איך שווער: זי וועט דערפאַר דיר שענקען אַן עקסטרא-גוטן קוק,
איך שווער: עס וועלן דיר גאָרנישט פאַרדענקען די פאַרליבטע

פון פערטן און פינפטן פינפיאָר פלאַן — — —
איין פרימאָרגן
צעשפּרינג זיך, צעזינג זיך, שרייב אַן אַ ליד,
און נאָכן אָוונט אין לעניך-ווינקל, אַגיט-פּראָפּ צי
פּראָלעט-כאָר
לייען איר פאָר:

ווייך וואַרעם געפּלאַטער און דאָרשטיקע הענט.
די הענט זענען מיינע און ס'פּלאַטערט דיין לענד.

דיין לענד האָט געצייטיקט און איך האָב געבליט,
מיט אָפענע ליפּן געקליבן דעם צוויט
פון וואַרעמער ווייסקייט, עלעקטרישן הויך,
פון האַלז און פון אָרעם, פון קני און פון בויך.
און רונדקייטן האָבן זיכרוינעס געוועקט,
און גלאַטקייטן — לאַנדשאַפטן ווייטע אַנטפּלעקט.
אי פעלד-שאָרך, אי וואַלד-האָרך, אי שטילקייט
פון הייל —
דאָס אַלץ איז געקומען אויף אונז מיט געאייל.
געאיילט האָט — יאָגטעך מיט אור-ערשטן גאַנג
צו נעמען אונז צוויי אין עקסטאַטישן פאַנג.

. . . ס'האָט ווער זיך געשאַרט דאָרט אויף יענער
זייט וואַנט.
האָט ווער דאָן געקאָנט זיין אַליין — נישט ביינאַנד?
מיר זענען צוזאַמען געווען און די פרייד

פון הייסן געבאַט און פאַרוואָרפענעם קלייד
האָט אונז דאָ געווירבלט, דאָ ריטמיש געוויגט,
און ענדלעך אונז דאַנקבאַרע זוניק באַזיגט.

אַ שפּילער אַזאַ איך — אי צערטלעך אי שאַרף,
און דו א געטרייע פּיל-סטרוניקע האַרף.

און ווען איך האָב פלוצלינג אַליין זיך געוועקט,
ווי כ׳וואָלט וואָס באַנעמען געוואָלט און געפרעגט:
האָסט ליב מיך אַצינד — האָסטו מיט געבעט
געציטערט: אַ שווייג-שווייג, אַ שווייג-שווייג,
נישט רעד.
דאַן טרעטנדיק לייכט, ווי אויף כוואַליעס האשיש
האָב איך דיך געהויבן, געלייגט אויף דעם טיש
און ס׳פענצטער געעפנט צו ווייזן דער זון
דעם פלאַן פון דיין לייב, דעם ניצאָכן דערפון.
און דו — ס׳איז געווען אַ הימן דיין געזיכט,
דורך טרערן אַ הימן אי צו מיר אי צום ליכט.
מיר האָבן געבליקט אין טריליאָניקער וואָר
און פלענער געבויט אויף טריליאָן מיט אַ יאָר.

VIII

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — א שיפרירטער בריוו
באַהאַלט אַ טאָך אַלץ גרעסערן, וואָס קלערער
עס קלינגט דער לייכטער דרויסנדיקער שיכט.
וואָס אַלע זעען איז ווי זיין צעשטערער,
וואָס קיינער זעט, איז זיינס און פול געוויכט.

IX

ס'קאָן פאַביום לינד נישט קלאָגן זיך אויף צווינגען,
דאָך וואָס ער טוט, איז אים ווי ווייט גערייד:
מען זעט דעם גאַנג פון ליפּן, מיילער שלינגען,
נאָר וואָס און ווען — האַלב קאָמיש, האַלב צעדרייט.
דערפאַר אין שיפער, אונטער קאָנטעקסט גרינגען —
דאָרט קאָכט און שטורעמט שטענדיק, רוישט און בליצט.
זיכרוינעס שעפּטשן, מאָנען, רופן, קלינגען —
פון אייערנעכטנס, מאָרגנס, דאָן און איצט.

X

אינמיטן שטורעם — דאָ און דאָרט אַ צייכן,
ווי אָנווייז שאַרפּער אויף אַ קלאָרן וועג.
ער כאַפּט זיך אָן אָן אים. וויל נאָכגיין, גרייכן.
נאָר באַלד אַ בלישטש פון בייסנדיקער זעג
און אוים. און ווידער טומל. זעמדער בלייכן.
ער שלעפּט זיך אין מידבאָריעם. קריך און פאַל.
איז ווי געפאַנגען צווישן ווילדע שייכן —
אין ראַנגל מיט זיין אייגן בלוט און גאַל.

XI

ווער ס׳מאָנט אַסאַך — צאָלט קיינער נישט קיין צאָל אים.
איז פּאַביום לינד מיט זיך אַליין אין קריג —
איז ער געווים נישט מיט זיין דאָר בעשאָלעם.
אָט שטייט אַ לייטער. שטיג אויף שטיג אויף שטיג.
נישט יעקבס לייטער און נישט יעקבס כאָלעם.
ס׳איז גאַנג צו זיך, דער שווערער גאַנג דורך וואָר,
וואָס שלאָגט סיי די מאַלאָכים און טייוואָלים,
סיי אַלע ליבעס-סינעס פון דעם דאָר.

XII

זינט פּאַביוס לינד געדענקט, האָט ער זיך זעלטן
געוואַרעמט אין דער מיט פון הוידע־ברעט.
ער איז אַ באַלן דאַווקע אויף די קעלטן
פון ראַנד־געפּלי, פון איינשטעטל אין געוועט.
און אויב דורך זיינע האַרבסטיקע געצעלטן
גייט אָפּט אַ פּראָסט מעסלעם נאָך אַ מעסלעם —
לויכט דאָרט אַמאָל אויך מיט דעם זיג באַהעלטן
אַקעגן רוויו און זיכערן געזעם.

XIII

זיג קעגן רוויו. איז ער נישט יידיש־דיכטער?
די קעלט פון שפּאָט קאָן צינדן הייסטן פלאַם.
ער שפּירט נאָר טונקל, ווי פאַרטושטע ליכטער
די וואָרצלען טיפע פון זיין אַלטן שטאַם.
נאָר יעדעס מאָל מיט נייקייט אומגעריכטער
באַרוישט דעם אַלטנס אייביק־יונגער צווייט.
פאַרשטום, פאַרשטום אַ שטים, וואָס איבער־ניכטער —
ס'נעמט פּאַביוס לינד אָן אַלץ מיט קלאָר געמיט.

XIV

דער אַלטער שטאָם איז מיד — פון צופיל האוון
אויף וועגן, וואָס צו־ברייט און באַלד צו־שמאָל.
אזויפיל שוין געזען! דעם כּאַכעם בראַוון
ווערט נימעסדיק דאָס זיגן אויך צומאָל.
מיט כּאַכמע פול — צו־פול אויף שטיק צו פראַוון
איז אויך דאָס נייע וואָרט פון אַלטן שטאָם.
ווייל פּאַביום לינד עס בינדן מיט אָקטאַוון,
ווייל אַנטאָן אויף דער אומגעדולד אַ צאָם.

XV

ער ווייל! ווען ס׳טוט זיך נאָכגיביק אַ וואַקל
פון קלוגן לאָשן ענדלעך דער גראַניט,
אַנטפּלעקט זיך איבערצייטלעכער ספּעקטאַקל:
דער שאָלעם־פּאַקט פון סלאַוו, גערמאַן, סעמיט.
און ווען דער שטאָף — אין קלאַנגפולן סאַכהאַקל —
ווערט איינגעפּאַסט פונסניי אין ריטם פון ליד,
פּאַרגעסטו אָן דעם שלאַנגישן אָראַקל —
אין שיקזאַלס קוזניע האַמערט קליגסטער שמיד.

XVI

גוט — ראַנגלען זיך מיט וואָרט, וואָס איז אַקשאָנעס,
וואָס ציילט בעסוילעמס און באַפעלט: פאַרגעס!
גוט — וואַרפן אין דעם פּיסק פון וועלטס איקאָנעס
די קלאָלע יידיש און דעם יידיש-נעס.
מען זאָגט דער נעס באַדאַרף שוין איצט ראַכמאָנעס,
פאַרמישפּעט פאַביום לינדס פאַרקלערטער פּערז.
זאָל זיין . . . ביז ס׳הוסטן אוים זיך אַלע וראָנעס
קאָן אויבעט אונטערגיין דער אוניווערז.

XVII

צו שרייבן יידיש איז צו טרעטן זייטיק
ביי עוועניום און גאַסן פון דעם לאַנד.
מיט פולע טישן קלוימערשט פול באַדייטונג
רוישט דאָרט אין פרעמד, וואו שטענדיק גרוים
און גראַנד.
אין יידיש-לאַנד איז וואָך. ווי לאַנגער פרייטיק —
קאַרטאָפל, הערינג און אַ דאַנק דערפאַר,
אַ וואָרט צי צוויי דערמאָנונג אין דער צייטונג,
ווער רעדט צוויי קאָלומס — און ס׳איז הויכער סכאר.

XVIII

די דיכטער-גאַס די יידישע — אומיסטן
האָט אימיץ זי אזוי אַוועקגעשטעלט.
דאָרט ווימלט מיט באַלשעמס און יעזוסיסטן,
עס שטורמען קריפּלס הייליקע אַ וועלט.
מעשיכים טראָגן זיך מיט אַמעטיסטן,
און ס׳גייט אַ שטרייט פאַר גראַדסטן וועג צום קעץ.
הויך טרובן פּראָלעטאַרישע כאָריסטן —
צעקלעמטער זיפץ און קאָזשעלקעס פון לעץ.

XIX

פון מינסק ביז וואַרשע, פון ניו יאָרק ביז באַלטע
עס דאַכט זיך נאָר — אַ מעשוגאָאים-הויז.
נאָר נישט געאיילט — עס איז די אַלטע, אַלטע,
באַלכאַלעם-, לערנער- און מאַרטירער-קלויז.
פונדאַנען עמעסן, ווי טויערן צעפּראַלטע
באַוויזן וועגן דורך באַגייטן פּערז.
ביז גרייכן וועט די לעצטע האַנט, די קאַלטע,
קאָן יידיש אויפרייסן דעם אוניווערז.

XX

שלאָפט פּאַביום לינד, צי ער אַנטרינט פון וואַכן,
פאַרנעמט ער נישט דעם גזאַר: „ווײ דעם וואָס גלויבט"?
צי זעט ער נישט, ווי אַלע שלעסער קראַכן,
ווי ס'ווערט אַלץ מער דעם פאָלק זײַן צונג גערויבט?
ער זעט, פאַרנעמט. נאָר מער ווי אַלע זאַכן
דעם רוף פון ווילן און זײַן גאַנג געהיים.
ער ליבט מיט ליב, וואָס איבער ווײנען — לאַכן
די דיכטער־גאַס די יידישע, זײַן היים.

XXI

זײַן צווייטע היים: די ליניע פון מאַנהעטן,
די האַרטקייט פון געמיט און פון אַספאַלט.
די ליבט ער אויך. כאָטש אָפט וויל ער זיך וועטן —
עס קומט אַ טאָג און גאַנץ ניו־יאָרק צעפאַלט.
דערווייל — שיסט אימפּעט זײַנע שטיין־ראַקעטן,
און ס'זעט די שטאָט אויס אייביקער ווי רוים.
דערווייל קאָן פּאַביום לינד אויף בריקן טרעטן
פון דאָר צו דאָר — דאָ אונטער אָט דעם בוים.

XXII

אַדיע, דיר בוים. די זון, די קיל־מערצאַווע
באַשלאָגט דעם מאַריוו שוין מיט בלעכן ווײַס.
ווײַס — ווײַס. ווי גײַסטעריש צי מאַשינאַווע.
נישט זון — עלעקטריע־לאָמפּ, נישט פֿלאַם נאָר אײַז.
נאָר שאַ. צו־וואָס די כאָכמע פֿון אַ סאָווע?
ער זעט אַ צווײַטן, ווײַסן זון־פֿאַרגאַנג.
ער דעקלאַמירט פֿון דאַנטעס וויטאַ־נאָווא,
זי הערט. און בײדע . . . ס'איז געווען שוין לאַנג.

XXIII

שוין לאַנג, כאָטש די דערמאָנונג וויל נישט שטילן.
סײ־ווי . . . אין פּאַרק קומט באַלד די יונג־פֿרײד אָן.
באַלד וועט זי מיט טולפּאַנען, דעפֿאָדילן
אויף סטרונעס זון אַ שפּיל און הוליע טאָן.
אין ווײַס און ראָז וועט בוים נאָך בוים זיך הילן,
און קאַרשן־בלי וועט רופֿן קײן יאַפּאַן.
דאַן בעז. מאַגנאָליעס. דאָ זינגט דער ווילן,
וואָס אײביק יונג און אײביק איז פֿאַראַן.

XXIV

דער פרילינג גייט. נישט נאָר די פלאַנץ-געמיטער —
אויך פאַביום לינדס געמיט ווערט זאַפטיק-האַרב.
עס גייט דורך אים דער פלאַטער, זים און ביטער,
וואָס וואַקסן ברענגט — און שניידט אויך איין אַ קאַרב.
ער קוקט צום פּאַרק מיט בענקענדיקן ציטער.
וואָס זאָל דאָס וואַקסן? און ער קוקט אַרויף.
גרוים-אויגיק, ערנסט קוקט דער בכאָר יופּיטער
און מאַרס, דאָס ברודערל — עס רויטלט אויף.

XXV

נאָך פערציק יאָר — לינדס גאַנצע לעבנס-דאַטע —
ערשט טרעפן זיי זיך אויבן נאָכאַמאָל...
פון לאָדזש בעט אים דער אַלטער, גוטער טאַטע:
מיין זון — אַ בריוו, אויב נישט באַשערט דיין קאָל.
וואָס זאָל דאָס וואַקסן? בליקן זעאונג-זאַטע
איצט שיקן אים די הויכע ברידער צוויי:
דעם פאָטער שרייב. וואו פריידן נישט-געהאַטע
דו קאָנסט פאַרמינערן — פאַרמינער זיי.

XXVI

וואָס גרויס, וואָס קליין — נישט דו קאָנסט האַלטן קאָנטאַ,
נישט מיר — פאַרשטיין די כוצפּע פון דער ערד,
דעם איינפאַל, אַז דאָרט ערגיץ וואַרט אַ יאָנטעף,
און צו געפינען אים איז איך באַשערט.
איז וואָס דו פרעגסט, אַ פרעגער פיל־מיליאָנטער —
אויך אונז גיט אָפּט אַ ברי דער כיישעק: בונט!
נאָר... ס׳ווינקט אויך שמייכל אין דעם סומנעם פלאָנטער,
און — מיט אַ פייף — ווערט וואונדער פון דער וואונד.

ניו־יאָרק,
פרילינג 1933

אויך איך

אויך איך . . .

Я памятник себе воздвиг...

Exegi Monumentum...

אויך איך האָב אויפגעבויט זיך דאָרט אַ מאָנומענט,
וואו צייט האָט נישט קיין היינט, קיין שליטע — פאַלשע הענט.

זאָל סינע אונטערוואַרפן מיר פאַרסאַמטע זאָמען,
דערפון וועט וואַקסן העכער, אייביקער מיין נאָמען.

ווי לאַנג אַ צונג וועט בלוטיקן מיט וואָרט אויף ערד,
וועט צווישן טויט און לעבן אידיש זיין געהערט,

וועט מאָנען לאַנג אַזוי די אויסטערלישע ווידע
פון מיינע אַנדערשדיקע, אומרואיקע לידער.

זיי וועלן אייביק איידעם זיין, ווי כ'האָב געבריט
דעם שימל און די קאַלטע פאַלשקייט פון געמיט.

מען וועט געדענקען, אַז אין לאַשן פון דער געטאָ
האָב איך צערוקט די ווענט פון געסל און פון שטעטל.

און זוכן וועט מען מיך, ווייל אין אַ צייט פון שאַנד,
ווען הינטישע האַכנאָע האָט פאַרפלייצט דאָס לאַנד,

ווען ס'האָבן קני געבויגן זיך אין קניקסן טיפע,
האָב איך געשאַרט פון זיך די ווערים פון דער כניפע.

איך האָב מיין ברויט געמישט מיט טרויער, אָפּט מיט גאַל —
און פריי געזייט מיין עמעס — פון יאָכיד און פון קלאַל.

גיי, ליד מיינס, ווייטער ווי אַ גרויסמוטיקער פּלאַנצער,
אויף רישעס ענטפער נישט, מיט כאָכמע זיי באַפּאַנצערט:

וואָס שולדיקער די שולד, אַלץ פרימער איז איר הויב.
וואָס ערלאַכער דער גאַנג, אַלץ נישטיקער דער לויב.

און ווייל עס זענען דאָ מער זוינעס, ווי מאַדאָנעס,
באַטראַכט מיט קלאָרקייט אַלץ און — מיט אַ קווינט ראַכמאָנעס.

זוכצעטל

א פארלוירענער מאנוסקריפט — i—xvi
מיין טאטע — 7
מיין מאמע — 9
יאנואר 27 — 13
יאנואר 28 — 14
יאנואר 29 — 15
יאנואר 30 — 16
יאנואר 31 — 17
פעברואר 1 — 18
פעברואר 2 — 19
פעברואר 3 — 20
פעברואר 4 — 21
פעברואר 5 — 22
פעברואר 6 — 23
פעברואר 7 — 24
פעברואר 8 — 25
פעברואר 9 — 26
פעברואר 10 — 27
פעברואר 11 — 28
פעברואר 12 — 29
פעברואר 13 — 30
פעברואר 14 — 32
פעברואר 15 — 33
פעברואר 16 — 34
פעברואר 17 — 35
פעברואר 18 — 36
פעברואר 19 — 37
פעברואר 20 — 39
פעברואר 21 — 40
פעברואר 22 — 42
פעברואר 23 — 43
פעברואר 24 — 44

פעברואר 25 — 45
פעברואר 26 — 46
פעברואר 27 — 47
פעברואר 28 — 49
מיינע לידער — 53
מאָטן — 55
„א מיטלייד" — 57
צוויי טעג — 58
שטימען אין דער נאַכט — 60
טעג — 65
אַן אַקאָרד — 66
אונזער געסל —67
צו אַ קאָלעגע אַ ראָשע — 68
זומער — 69
ביימער — 70
טרעטן-צעטרעטן — 71
אַ באַגעגעניש — 72
עפּיטאַף — 73
הויל און פריי — 74
רויך — 75
קאַלטע נאַכט — 76
אין נאַכטיקער שאָ — 77
אָקטאָבער — 78
ליד צום אידישן פאָלק — 81
בירא-בידזשאַן — 82
א פּאָשעטע מאַיסע — 83
אַמעריקע 1927 — 86
מילכאָמע — 92
צו אַן אַמאָליקן באַן-ברודער — 94
מאָסקווער נאַכט — 97
די אַלמאָנע און ער — 99
עפּשער — 115
בייראָן — 116
יהואשעס טויט — 121

צום גוף — 123
יוסף אָפּאַטאָשו — 125
יעקב גלאַטשטיין — 126
היינט ווייס איך — 127
א געשפּרעך — 129
דער ברודער פון גאָליל — 131
העברעאיש — 134
פּאַביום לינדס טעג — 137
פּאַביום לינד רייט אויפן ווינט — 139
פּאַביום לינד אויף דער לעוואָנע — 142
פּאַביום לינד צום כאַוועד טויט — 144
פּאַביום לינד איז זיך מוידע אין א זינד — 145
שוואַרצשאַבעס — 149
די מאַדאָנע אין סאָבוויי — 150
פּרוי — 153
אין א נעגערשן קאַבאַרעט — 154
פראַגמענט פון א האַלבן דיאַלאָג — 156
אַנדרויגענעס — 158
בער לאַפּידעס — 160
דער מויל־הויך און דער בן־מהלך — 163
גליוועד — 164
א האַלבע שאָ — 167
אין א יאַפּאַנישן קאַרשן־גאָרטן — 181
ביים יאַם — 183
עטיוד — 184
פאַרנאַכט אין בעטרי־פּאַרק — 185
כאַווערשאַפט — 186
די הוידע — 187
מיט־זומער — 188
קאַליפאָרניער לאַנדשאַפט — 190
צווייטע אַנטפּלעקונג — 191
אַנטלאָפן — 192
צו דיר — צו מיר — 195
אויך איך — 248

פון זעלבן אויטאָר

לאַבירינט — לידער, ניו־יאָרק 1918.

די מאַיסע פון הונדערט — פּאָעמע, ניו־יאָרק 1921.

יונגהאַרבסט — לידער 1922, וואַרשע 1922.

ראָנדאָס און אַנדערע לידער, ניו־יאָרק 1926.

שלמה מולכו — דראַמאַטישע פּאָעמע, וואַרשע 1927.

אשר לעמלען — דראַמע, וואַרשע 1928.

צו דיר— צו מיר — פּאָעמע, ניו־יאָרק 1933.